# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn no. 108 - Autumn 1986 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/7zf6s21v

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 108(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1986

### Copyright Information
Copyright 1986 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

מ. סלוצקי

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 108


AUTUMN
1986

האַרבסט
תשמ"ז


אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט


זייט

ישראל גובקין: דוד בן־גוריון (צו זיין 100סטן יאָר־טאָג) — 3

חנן קיעל: דער קיבוץ — די צוקונפט פון אַ חלום — 7

מאיר חרץ: לידער — 14

שאול גוטמאַן: ש. ניגער — דער קריטיקער און מורה־דרך (צו זיין 30סטן יאָרצייט) — 17

שלמה שוואַרץ: לידער — 23

בלומע לעמפּעל: פּערעלע (דערציילונג) — 26

מאַרטין בירנבוים: קברנים וואַרטן... (ליד) — 25

א. לוריא: לידער וועגן לידער — 30

שמואל איזבאַן: אַ טאָג פון בזיונות (דערציילונג) — 32

משה עטינגער: לידער — 55

הינדע זאַרעצקי: לידער — 44

יצחק קאַהאַן: דאָס יעקב צבי שאַרגעל יובל־בוך — 47

משה שקליאַר: לידער — 55

חיים פּלאָטקין: באַקרווינט (ליד) — 56

רבקה קאָפּע: לידער — 56

לילי בערגער: די לעצטע נאַכט (דערציילונג) — 57

חנן קיעל: לידער — 61

שיע טענענבוים: דער כישוף פון לייבניידוסעס פּאָעזיע — 63

לאָטי מלאך: „לאַ פּאַם בראַוו" (דערציילונג) — 65

# אינהאַלט

(המשך)


זייט

חיים שוואַרץ: ווי די פּאַלמעס בײַ מיין פענצטער (ליד) — 73

עקיבא פישבין: דער יונגער בעטהאָווען אימפּראָוויזירט — 74

שמואל ווייס: הונדערט יאָר יידישע יוניאָנס אין אַמעריקע — 81

מ. ש.: נייע ביכער — 85

דוד אפּאַלאָוו: צוויי לידער — 89

י. ש.: כראָניק פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב — 89

ראש השנה באַגריסונגען — 90-97


---

די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

---

## זלמן שלאָסער ז״ל (סוף פון זייט 98)

אַ סך צייט און מי האָט זלמן שלאָסער געווידמעט אונדזער זשורנאַל „חשבון”, ווו ער איז צוערשט געווען אַ מיטאַרבעטער, מיטרעדאַקטאָר און שפּעטער רעדאַקטאָר פאַר אַ קנאַפּן יאָרצענדליק. אויף די שפּאַלטן פון „חשבון” זענען געווען פאַרעפנטלעכט צענדליקער זיינע עסייען, אָפּהאַנדלונגען און רעצענזיעס איבער ביכער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט טיפער קענטעניש פון די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען און ווערק. הגם זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן זענען ביז איצט נישט צונויפגעזאַמלט אין בוך־פאָרם האָט זלמן שלאָסער אָן שום ספק זיך פאַרשאַפן אַ נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור.

זלמן שלאָסער, דער לערער, שרייבער, קולטור־מענטש, געזעלשאַפטלעכער טוער און פריינד וועט אונדז אַלעמען אויספעלן. צוזאַמען מיט זיין פאַריתומטער פרוי, נעכע, זיין ברודער, דעם זון שמואל, טאָכטער דבורה, אייניקלעך און דער גאַנצער משפּחה זענען מיר אין טיפן טרויער אויפן טויט פון זלמן שלאָסער. כבוד זיין אָנדענק.

* * *

די לוויה פון זלמן שלאָסער איז פאָרגעקומען דינסטיק, דעם 16טן סעפּטעמבער, 1986, אויפן מאַונט סיני בית־עולם אין לאָס אַנדזשעלעס. דער חזן שמואל קעלעמער האָט געמאַכט אַן אַן אל מלא רחמים, געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים און געזונגען לייוויקס „איך הייב זיך אויף ווידער.” געזעגנט דעם פאַרשטאָרבענעם האָבן: משה כהן — פון יידישן קולטור־קלוב; מאַטילדאַ אַלטשולער — פון אַרבעטער רינג; לילקע מייזנער און דער זון שמואל שלאָסער.

משה שקליאַר

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פֿאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כּוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פֿאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פֿון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כּוח פֿון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפֿן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פֿאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערער אָרדענונג פֿון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פֿאַרבאַנד איז אַ פֿראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פֿאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פֿון
ציוניסטישן אַרבעטער פֿאַרבאַנד
ד״ר מאַרטין טאַפּט, פּרעזידענט

## LABOR ZIONIST ALLIANCE

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048

Telephone: 655-2842


# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*


8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048

EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS I. GUBKIN S. SCHLOSSER

469 N. Orlando, L.A. Ca. 90048

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*

337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ, S. ZUCKERMAN & J. SHAFER

Subscription price: $5.00 per year

רעדאַקציע קאָלעגיע:
משה שקליאַר
שמואל ווייס
ישראל גובקין
זלמן שלאָסער

# חשבון

נום. 108
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
מיטגלידער:
נתן גראַוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער

42סטער יאָרגאַנג, נומער 108 • האַרבסט 1986 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


## ה'תשמ"ז 57,47

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.**

**רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון „חשבון"**

ישראל גובקין

# דוד בן־גוריון

(צו זיין הונדערטסטן יאָר־טאָג)



אין דער פילאָסאָפיע און פאָרשונג פון געשיכטע איז פאַראַן אַ שטענדיקער חלוקי־דעות איבער דער פראַגע: ווער איז דער הויפט־גורם אין היסטאָרישן פּראָצעס, דער פירער אָדער די געפירטע? זיינען די מאַסן און היסטאָרישע געשעענישן די וואָס ברענגען אַרויס דעם פירער, אָדער דער פירער איז דער וואָס שטויסט צו די געשעענישן, און אָן אים וואָלט קיין זאַך זיך ניט געענדערט?

איז דוד בן־גוריון געווען דער וואָס האָט געשאַפן מדינת־ישראל, און אָן אים וואָלט קיין מדינה ניט געווען, אָדער די לאַגע אויף דער וועלט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט געפירט דערצו? די היימלאָזע שארית־הפליטה, וואָס האָט זיך בדרך־נס געראַטעוועט פון דער שואה, דאָס אויפגעוואַכטע געוויסן פון דער ניט־יידישער וועלט איבערן יידישן חורבן, און אפשר אויך אַנדערע פּאָליטישע מאָטיוון פון די גרויס־מאַכן, האָבן גורם געווען דערצו, אַז די מדינה זאָל געגרינדעט ווערן און בן־גוריון איז געווען בלויז דער אינסטרומענט צו פאַרווירקלעכן אַ היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס וואָלט געשען אויך אָן אים?

דער ענטפער — ווי ס'שיינט — איז, אַז ביי די אומות־העולם, וואָס זייער מערהייט

איז איינגעוואָרצלט אין אייגענעם באָדן, ווערן געשיכטלעכע געשעענישן געשאַפן אַמאָל דורכן פירער, און אַמאָל ווערט דער פירער אַרויסגעפירט אויף דער געשיכטלעכער אַרענע דורך כלערליי געענדערטע אומשטענדן, אין וועלכע די געפירטע האָבן אַן אינטערעס, און דעריבער — אַ אַ גרויסע דיעה. עס טרעפט אויך, אַז ביידע צדדים — פירער און געפירטע — זיינען גלייכע שותפים אין געשיכטלעכע ענדערונגען.

דאָס יידישע פאָלק אָבער איז אין דער הינזיכט אויך אַנדערש פון אַנדערע פעלקער. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס מיר האָבן שוין אַן אייגענע מדינה, זיינען מיר נאָך אַלץ אַ וואַנדער־פאָלק. די איבערוועגנדיקע מערהייט יידן איז נאָך אַלץ צעוויט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, און ווערט אָפט געצווונגען — דורך פּאָליטישע איבערקערענישן — צו וואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד, ווי מיר זעען עס לעצטנס אין איראַן, ניקאַראַגואַ, און ווי ס'הייבט זיך שוין אָן אויך אין דרום־אַפריקע... דעריבער איז ביי אונדז — אין די מערסטע פאַלן — דער פירער דער וואָס שאַפט געשיכטלעך — דעצידירנדיקע אויפטועונגען און וויט־גייענדיקע ענדערונגען. אונדזער לאַנגע גלות־געשיכטע זאָגט אויף דעם עדות.

ס'איז קיין שום ספק ניט, אַז ווען ניט בן־גוריון, מיט זיין שטאַטסמענערישער חכמה און אייזערנעם ווילן, וואָלט אפילו אין דער גינסטיקער לאַגע דערצו, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, קיין יידישע מדינה ניט געשאַפן געוואָרן; אַ מדינה, וואָס איז, ווי אַנדערע מדינות, ניט פּערפעקט, אָבער מיט אַלע שוועריקייטן און פּעולן איז זי אונדזער אַלעמענס גייסטיקע היים, אויב אפילו נאָך ניט דער „מרכז רוחני" („גייסטיקער צענטער"), ווי אחד־העם האָט זיך פאָרגעשטעלט. אַחוץ אונדזערע אַלטע גייסטיקע אוצרות, וואָס ווערן דאָרט געפלעגט, איז דאָרט אויסגעוואַקסן אַ קאָלאָסאַלע מאָדערנע העברעישע ליטעראַטור, און זי האַלט אויך אין ווערן די היים פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. יידיש ווערט דאָרט אַלץ מער איינגעוואָרצלט, און מיר האָבן אַ גרונט צו האָפן, אַז זי וועט אין דער מדינה האָבן אַ בעסערע מערכה ווי אין די גלות־לענדער...

* * * * *

בן־גוריונס ציוניסטישע טעטיקייטן האָבן זיך אָנגעהויבן אין זיין פריער יוגנט. צו 14 יאָר גרינדעט ער אין זיין היימשטאָט פּלאָנסק, פּוילן, אַ ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „עזרא". דעם נאָמען האָט ער גענומען פון תנ"ך, פון באַרימטן סופר און מנהיג אין דער תקופה פון שיבת־ציון (אומקער פון יידן קיין יהודה פון ערשטן גלות אין בבל). דער נאָמען עזרא איז כאַראַקטעריסטיש פאַר בן־גוריונען, וואָס איז אויך געווען אַ שרייבער און אַ פירער. דער נאָמען האָט פאַר אים געדינט, באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק, ווי אַ מאָדעל זיין גאַנץ לעבן.

צו 17 יאָר שליסט ער זיך אָן אין די פּועלי־ציון, ווי מיר זעען עס פון זיינע ווייטערדיקע שריפטן, האָט דער נאָמען „פּועלי־ציון" צו אים פּשוט געמיינט די אַרבעטער פאַר ציון; די אַרבעטער וואָס וועלן אויפבויען דאָס דריטע מלכות ישראל — אַ וויזיע מיט וועלכער ער האָט זיך אַרומגעטראָגן פון זיין פריעסטער יוגנט אָן. באַראָכאָווס „סטיכישער פּראָצעס" און אַנדערע מאַרקסיסטישע טערמינען האָבן פאַר אים גאָרניט געמיינט.

אין יענער צייט, סוף פון 19טן י.ה. און אָנהייב פון 20טן, זיינען געווען נאָך אַנדערע גרופּירונגען, אַרבעטער און אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן געהאַט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו אַ טעריטאָריאַלער ליי־זונג פון דער יידן־פראַגע אין מזרח־איירָאָפּע דורך קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע אָדער אַנדערשוו — אָבער די מערסטע פון זיי זיינען געבליבן אויפן אָרט און מיטגעאַרבעט מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אין קאַמף קעגן צאַריזם, ניט קענענדיק באַשליסן ביי זיך וואָס קומט פריער: ציון אָדער רעוואָלוציע. בן־גוריון האָט אויסגעקליבן דעם וועג פון חלוציזם, באַלדיקע פּראַקטישע און פּאָליטישע מעשים צו העלפן פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן אידעאַל. אין 1906 (צו צוואַנציק יאָר) איז ער עולה קיין ארץ־ישראל אין דער צווייטער עליה.

אין א״י אַרבעט ער די ערשטע צייט ווי אַ פשוטער אַרבעטער אין פתח־תקוה און ראשון־לציון. זיינע פעיקייטן ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר, רעדנער און שרייבער, ווערן באַלד דערקענט. ער ווערט דערווילט צום צ. ק. פון די פועלי־ציון, און ער זעט זיך שטאַרק אָן אויף דער וויכטיקער קאָנפערענץ אין רמלה. ער קעמפט דאָרט דערפאַר, אַז חלוצים און עולים זאָלן ניט דיקטירט ווערן פון די אַלגעמיין־יידישע און ציוניסטישע הילף־אָרגאַניזאַציעס פון חוץ־לארץ, וואָס האָבן דעמאָלט געהאַט אַ דיקטאַטאָרישע דיעה אין יישוב־אָנגעלעגנהייטן.

אין יענער צייט פאַרבייט ער זיין פאַמיליע־נאָמען גרין אויף בן־גוריון, אַ נאָמען פון אַ יידישן פירער אין קאַמף קעגן די רוימער אין צייט פון צווייטן בית־המקדש. שפעטער, ווען ער ווערט פרעמיער, פאָדערט ער, אַז אַלע קאַבינעט־מיטגלידער זאָלן פאַרהעבראַיזירן זייערע פאַמיליע־נעמען. די מערסטע האָבן אים געפאָלגט, אָבער ניט אַלע.

און לאָמיר דאָ קלאָר מאַכן צי מיר אַלע זיינען מסכים מיט אים צי ניט, בן־גוריון איז געווען אַ שולל־הגלות, אַ פאַרניינער פון גלות. ווי פראָפ׳ דינאַבורג, יעקב קלאַצקין און אַנדערע ציוניסטישע דענקער האָט ער געהאַלטן, אַז דער גלות איז געווען און איז אַ היסטאָרישער אומגליק פאַרן יידישן פאָלק, און איז פריער־שפעטער פאַרמשפט צום אונטערגאַנג; אויפן בעסטן פאַל — דורך פרייוויליקער אָדער געצוווּנגענער אַסימילאַציע.

ער האָט געהאַלטן אַז דאָס פאָלק קען גערעטעוועט ווערן נאָר דורך אויפבויען זיין עקאָנאָמיש־געזונטע און פאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט אין לאַנד פון זיין היסטאָרישן עבר, און צוזאַמען מיט דעם דאַרף מען זיך אומקערן צו דער שפראַך פון עבר, צו עברית. אין דער שפראַכן־פראַגע האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין אַ שטאַרקער קעגנערשאַפט מצד די אַרבעטער, בעיקר פון די לינקערע עלעמענטן, וואָס האָבן אים קיין מאָל דאָס ניט מוחל געווען.

* * * * *

מיר היפן דאָ איבער אויף אַ סך פרטים פון בן־גוריונס ראָלע און אויפטועונגען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און באַלד נאָך איר.

אין 1921 ווערט ער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות (געגרינדעט 1920), און ער גיט אַ שטויס צו די פאַרשיידענע הסתדרות־טעטיקייטן: טרייד־יוניאָניסטישע, אונטערנעמערישע, קולטורעלע, געזונט און שוץ. ער האָט געהאַלטן פון צענטראַליזאַציע, שפעטער אויך אין מלוכה־ענינים. דורך דער צענטראַליזאַציע פון אַקטיוויטעטן און אונטערנעמונגען אויף פאַרשיידענע עקאָנאָמישע געביטן, איז די הסתדרות געוואָרן דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין אויפבוי פון לאַנד נאָך איידער די מדינה איז געגרינדעט געוואָרן, און בן־גוריונס פרעסטיזש איז דורך דעם שטאַרק געוואַקסן.

אין 1923 באַזוכט ער, ווי אַ הסתדרות־דעלעגאַט, די מאָסקווער אַגריקולטור־קאָנפערענץ. דורך די רוסישע טרייד־יוניאָניסטן פרובירט ער אויספועלן די עמיגראַציע פון רוסישע יידן קיין ארץ־ישראל, אָבער דאָס געלינגט אים ניט ווייל דער רוסישער רעזשים איז שוין דעמאָלט געווען פיינטלעך צום ציוניזם.

אין קאַמף מיט די רעכטע רעוויזיאָניסטן (זשאַבאָטינסקיס נאָכפאָלגער) וועמען ער וויל ניט דערלאָזן צו דער מאַכט — פירט ער דורך די פאַראייניקונג פון דער מאַרקסיסטישער „אַחדות־העבודה“־פאַרטיי מיטן ניט־מאַרקסיסטישן „הפועל הצעיר“ אין דער „מפלגת פועלי א״י (מפא״י) (פאַרטיי פון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער), דורך דעם ווערט ער דער פאָרזיצער פון דער סוכנות — דער יידישער אַגענטור — און צוזאַמען מיט ד״ר חיים ווייצמאַן פירט ער אָן מיט אַלע ציוניסטישע טעטיקייטן — אינערלעכע און אויסערלעכע — בעיקר לגבי דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט, וואָס האָט סיסטעמאַטיש געשטערט די עליה און דעם יידישן אויפבוי פון לאַנד. בן־גוריון האָט אין זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט די ענגלענדער באַוויזן זיינע שטאַטסמענערישע פעיקייטן און גאָר אַ סך מוט.

כאַראַקטעריסטיש פאַר אים איז דער פאָלגנדיקער אינצידענט. בן־גוריון איז איין מאָל גערופן געוואָרן אויף אַן אוידיענץ מיטן ענגלישן היי־קאָמישיאָנער מעקמייקל, אַ בייזער גוי און אַ קנאַפער פריינד פון יישוב און פון יידן בכלל. בן־גוריון איז אַריינגעקומען, אויסגעטאָן זיין מאַנטל און אים אַוועקגעלייגט אויפן היי־קאָמישיאָנערס שרייב־טיש.

מעק־מייקל האָט מיט רוגזה אַ זאָג געטאָן: וואָס פאַר אַ מאַניערן זיינען דאָס? אַוועקלייגן דיין מאַנטל אויף מיין טיש?

בן־גוריון האָט שמייכלענדיק געענטפערט:

— זייט מיר מוחל, איך האָב בלויז אויסגעפירט אַ באַפעל פון זיין עקסעלענץ, סער ווינסטאָן טשוירטשיל. ווען איך האָב אים לעצטנס באַזוכט אין לאָנדאָן, האָב איך אויך געטאָן דאָס זעלבע. סער טשוירטשיל איז שטאַרק אין כעס געוואָרן און אַ געשריי געטאָן:

— וואָס פאַר אַ מאַניערן זיינען דאָס? אַזוי קענסטו טאָן אין דיין פאַלעטינע, אויפן טיש פון היי־קאָמישיאָנער, אָבער ניט ביי מיר. און איך האָב — זאָגט בן־גוריון — בלויז אויסגעפירט סער טשוירטשילס באַפעל.

דאָ קומען מיר צו דער גרינדונג פון מדינת־ישראל, אין שייכות מיט וועלכער בן־גוריון האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ שטאַרקער קעגנערשאַפט מצד „ברית־שלום", אָנגעפירט פון דר. מאַגנעס, פרעזידענט פון העברעישן אוניווערסיטעט, פראָפעסאָר מאַרטין בובער און זייערע אַקאַדעמישע אָנהענגער, ווי אויך פון לינקן „השומר הצעיר", וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט. זיי אַלע האָבן געוואָלט שלום מיט די אַראַבער דורך גרינדן אַ צוויי־פעלקער שטאַט — יידן און אַראַבער — ווי טשעכאָסלאָוואַקיע.

אַ שטאַרקע אָפאָזיציע איז אויך געקומען פון אַן איינפלוסרייכער גרופע, אָנגעפירט פון חיים וויצמאַן, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז ארץ־ישראל זאָל בלייבן אַ טייל פון דער בריטישער אימפעריע — אַ דאָמיניאָן ווי קאַנאַדע, אויסטראַליע א.א.

בן־גוריון האָט געהאַלטן, אַז דער שותפות מיט די אַראַבער וועט ניט אויסהאַלטן און ס'איז בעסער צו האָבן אַ קליינע יידישע מדינה איידער אַ גרויסע צוזאַמען מיט די אַראַבער. בלייבן אין דער ענגלישער אימפעריע איז אויך קיין תכלית ניט צוליב דער כסדרדיקער פראָ־אַראַבישער פאָליטיק פון די ענגלענדער. ער איז באַשטאַנען אויף פולשטענדיקער סוווערעניטעט פאַר דער יידישער מדינה.

דער 22טער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַזל, שווייצאַריע, דעצעמבער 1946, האָט ניט דערוויילט וויצמאַנען ווי פרעזידענט. בן־גוריון איז געבליבן דער אָנפירער פון דער סוכנות־עקזעקוטיווע, און דער קאָנגרעס האָט אים אויך אָנגעטרויט די פאַרטיידיקונג־פאָרטפאָליע פון לאַנד.

צוריקקומענדיק קיין א"י, האָט ער תיכף אָנגענומען ענערגישע מיטלען צו רעאָרגאַניזירן און פאַרשטאַרקן דעם יידישן שוץ־כוח — די הגנה — צו זיין גרייט פאַר אַן אַראַבישן אָנפאַל, וואָס איז טאַקע געקומען גלייך ווי די יידישע מדינה איז פראָקלאַמירט געוואָרן.

פרייטיק, ה' אייר, תש"ח (5/14/48) איז דערקלערט געוואָרן די גרינדונג פון מדינת ישראל. בן־גוריון איז איינשטימיק דערוויילט געוואָרן ווי דער ערשטער פרעמיער פון דער דריטער מלכות ישראל, ווי ער האָט עס תמיד ליב געהאַט צו רופן אין וואָרט און אין שריפט.

* * * * *

מיר'ן דאָ ניט אַריינגיין אין פרטים פון בן־גוריונס פאָליטישע — און אפשר אויך פערזענלעכע — ראַנגלענישן מיט אייגענע חברים און אַנדערע אין דער מדינה און אַרום איר, אין חוץ־לארץ. ניט שטענדיק איז ער אַרויס דער זיגער און — למען האמת — ניט שטענדיק איז ער געווען גערעכט. ער איז זיכער באַגאַנגען אַ פעלער וואָס ער האָט — אויף זיין אייגענער אחריות — געשלאָסן אַן אָפמאַך מיט דער ניט־ציוניסטישער אָרטאָדאָקסישער „אגודת־ישראל", און דורך דעם איבערגעגעבן דער אַגודה מיט אירע עקסטרעם־אָרטאָדאָקסישע און אָפט אָנגרייפערישע שותפים די אַפיטרופסות איבערן פריוואַטן

**חנן קיעל / ניו־יאָרק**

# דער קיבוץ — די צוקונפט פון אַ חלום

.1

יעדעס מאָל ווען איך קום אויף אַ פּאָר וואָכן קיין ישראל ציט מיך צו פֿאַרברענגען עטלעכע טעג אין קיבוץ מיט מײַנע יוגנט־פֿרײַנד אין מסילות און אין דער שכנותדיקער בית־אלפא. ס'דערוועקן זיך געפֿילן פֿון נאָסטאַלגיע, זכרונות פֿון שומרישן אַמאָל אין אונדזער היימשטאָט אין פּוילן.

מיך אינטערעסירן נישט נאָר די עקאָנאָמישע דערגרייכונגען, דאָס רחבות און הויכער לעבנס־ניוואָ. איך בין נײַגעריק צו זען וויפֿל ס'איז געבליבן פֿון יענער מאָראַלישער ירושה, פֿון דעם בראשית־דיקן חלוצישן פֿלאַם אין דעם ייִנגערן דור.

מײַן יוגנט־חבר, דער העברעיש־ייִדישער זשורנאַליסט, חיים לאַנדאַו, פֿון די ראשונים אין קיבוץ מסילות, פֿירט מיך אַרום און ווײַזט מיר די הויכע ריזן־ביימער, ציפּרעסן און אייקאַליפּטן, וואָס ער אַליין האָט זיי געפֿלאַנצט; די רײַכע פֿרוכטבאַרע פֿעלדער, מעלקערײַ, די פֿישבאַסיינען, די פֿאַבריק וווּ ער אַרבעט (אויך פּענסיאָנירטע אַרבעטן). די פּראָדוקציע — אַ געוואַלדיקע עשירות מיט עקספּאָרט פֿאַר מיליאָנען, וואָס קען באמת יעדן דערפֿרייען: „יגיע כפּיך כי תאכל, אשריך וטוב לך”, געניסן זיי טאַקע פֿון דער פֿרוכט פֿון זייער מי. איך באַקען זיך אויך מיט די קולטור־צענטערס, קלובן, ספּאָרט־פּלאַץ, קינדער־גאָרטן, שול און מיטלשול, וואָס געפֿינט זיך אין בית־אלפא. די ביבליאָטעקן, די פּריוואַטע וווינונגען, — מיט יעדן יאָר שענער און באַקוועמער, און דער גרויסער עס־צימער מיט כל־טוב.

ביידע קיבוצים, בית־אלפא און מסילות

---

רעליגיעזן לעבן אין דער מדינה. דאָס איז דאָרט דער סטאַטוס־קוואָ ביז הײַנטיקן טאָג, און איז גורם צו כראָנישער קעגנערשאַפֿט און פֿאַרביטערונג ניט נאָר מצד די וועלטלעכע ישראלים, נאָר פֿירט אויך צו פּראָטעסטן מצד טראַדיציאָנעלע ניט־אָרטאָדאָקסישע ייִדן אין ישראל און אין אַמעריקע. דאָס האָט זיכער צוטאָן מיט די לעצטע מעשים־תעתועים פֿון די עקסטרעמיסטן פֿון ביידע צדדים, וואָס זײַנען פּאָטענציעל אַ סכּנה פֿאַרן לאַנד אויב זיי וועלן ניט אָפּגעשטעלט ווערן אין צײַט.

אַ סך טענות זײַנען געווען קעגן בן־גוריונען בײַ זײַן לעבן, און אַ סך קעגנער פֿון רעכטס (הײַנטיקע ליכוד — געוועזענע רעוויזיאָניסטן) און פֿון לינקס (מפּ"ם א"א) טראָגן אויף אים אַ האַרץ ביז הײַנטיקן טאָג. דאָס האָט זיך שטאַרק אַרויסגעוויזן אויף אַ צוויי־טאָגיקער אַקאַדעמיע, אָפּגעהאַלטן אין זײַן אָנדענק אין בית־התפּוצות, ירושלים; אָבער אַפֿילו דאָרט האָט זיך געפֿילט אַ בענקעניש נאָך אים, און קיינער פֿון זײַנע קריטיקער האָט ניט אָפּגעלייקנט דעם היסטאָרישן פֿאַקט, אַז ווען ניט ער וואָלט קיין מדינת־ישראל ניט געווען.

ישראל איז אים געווען אײַנגעבאַקן אין האַרץ, און ער האָט זיך איבער איר געצאַפּלט ווי אַ געטרײַער טאַטע איבער זײַן ציטעריק קינד. אין די פֿופֿציקער יאָרן האָט זיך בן־גוריון באַקלאָגט פֿאַר אַ פֿירנדיקן חבר פֿון ניו־יאָרק, אַז אַפֿילו זײַנע אייגענע חברים פֿאַרשאַפֿן אים אַ סך עגמת־נפש. דער חבר האָט אים געעצהט ער זאָל פֿאָרן קיין אויסלאַנד אויף אָפּרו. בן־גוריון האָט אים געענטפֿערט: אַז איך וועל פֿאָרן אויף אָפּרו קיין אויסלאַנד, וועט דאָ, ישראל, ווערן אויס לאַנד.

(דערציילט פֿון נחום חיניץ אין זײַן ספֿר „במחיצת אישים דגולים”).

אין אַמעריקע ווערט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן באַטראַכט ווי דער פֿאָטער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דוד בן־גוריון פֿאַרדינט זיכער דעם טיטל „פֿאָטער פֿון מדינת ישראל”, און, ווי אַזעלכער וועט ער פֿאַראייביקט ווערן אין ייִדישער געשיכטע.

ליגן צופוסנס דעם היסטאָרישן באַרג גלבוע אין עמק בית שאן. אויפן באַרג גלבוע איז דער מלך שאול און זיין זון יהונתן געפאַלן מיט איבער 3000 יאָר צוריק אין דער מלחמה מיט די פלישתים, , און אויפן זעלבן באַרג זיינען אויך געפאַלן די יונגע שומרים פון מסילות. אין בית־אלפא געפינט זיך דער איבערבלייב פון אַ שול פון 6טן יאָרהונדערט. ס'איז ווייל באַקאַנט דער אַנעקדאָט וועגן יענעם ענגלישן טוריסט, וואָס האָט באַזוכט דעם קיבוץ און זיך ניט געקענט גענוג אָפּוווּנדערן פון די קלוגע יידישע חלוצים, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַזאַ בליענדיקער געגנט, ממש אַ גן־עדן...

דורך צענדליקער יאָרן פון שווערער אַרבעט האָבן יענע „קלוגע" קיבוצניקעס פאַרוואַנדלט די זומפּיקע וויסטעניש אין גרינע פעלדער און ווייגערטנער. אין די כסדרדיקע מלחמות מיט די אַראַבער האָבן זיי פאַרלוירן זייערע בעסטע קינדער, אָבער מיט טיפן גלויבן אין יידישן מולדת (היימלאַנד) און מיט אוטאָפּיש־סאָציאַליסטישע אידעאַלן האָבן זיי געבויט דעם קיבוצישן אָאַזיס.

אין אָפּגעזונדערטקייט האָבן זיי דערצויגן נייע דורות, קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך. דער חינוך איז געווען באַזירט אויף דער שומרישער טראַדיציע פּרינציפּן פון אַרבעט, חלוציזם, העברעיִשער קולטור און שותפות. אָבער דרויסנדיקע איינפלוסן זיינען געווען אומפאַרמיידלעך. קינדער ווערן דערוואַקסן, דינען אין מיליטער, לערנען אין אוניווערסיטעט און זיי באַקענען זיך מיט אַן אַנדער סגאַל לעבן, וואָס איז נישט קאָלעקטיוויסטיש.

פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן שטענדיק אַ פרייען אויסוואַל צו דעצידירן, צי זיי ווילן בלייבן מיטגלידער אין קיבוץ אָדער אָנהייבן אַ ניי לעבן אויסערן קיבוץ. און ס'זיינען פאַראַן יוגנטלעכע וואָס גייען אַרויס פון קיבוץ צוליב פאַרשיידענע סיבות. ווי שטענדיק זיינען אויך אין קיבוץ דאָ קאָנפליקטן צווישן דורות „טאַטעס און זין"— אַן אייביקע קאָנטראָווערסיע.

ווי אַ זעלטענער גאַסט אויף אַ ווייל, וואָס קוקט אויפן קיבוץ מיט אַ ספּעציעלער סימפּאַטיע, ווייל איך זיך ניט איינרעדן אַז איך זע אויף אַ מייל, און פאַרלאָז זיך ניט בלויז אויף מיינע אויגן, עמאָציעס, שמועסן אָדער פאַרצייכנטע נאָטיצן. איך האָב זיך באַקאַנט מיט ביכער, בראָשורן, קיבוץ־בולעטינען, אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל מיר אין אַ ברייטערן פאַרנעם באַליכטן די קאָנפליקטן פון דור אויס—דור איין. איך נעם ווי אַ מוסטער די דירעקטע דיאַלאָגן צווישן צוויי דורות, פאַרעפנטלעכט אין דעם וואָכנשריפט „השבוע" פון בית־אלפא: „ההר והבית" פון נתן שחם, און אַלערליי אינפאָרמאַציעס וואָס איך האָב באַקומען פון מיין פריינד אין מסילות.

זיין קיבוץ ציילט 700 נפשות, דערפון זיינען אַ העלפט חברים פון קיבוץ, און די איבעריקע זיינען די קינדער, יוגנט פון קיבוץ און פון דער יוגנט־באַוועגונג. אויך געבוירענע אין קיבוץ ווערן מיטגלידער נאָכן אַהיימקומען פון מיליטער, דורך אַ געהיימער אָפּשטימונג, און מוזן באַקומען אַ מינימום פון צוויי דריטל שטימען. פון דער צאָל 344 קיבוץ־חברים זיינען לויט דער עלטער: פון 65 יאָר און העכער—95 חברים; פון 60 יאָר—7 ח"ח; פון 50 ביז 60 יאָר—29 ח"ח; פון 40־50 יאָר—92 ח"ח; פון 30 ביז 40 יאָר יאָר—64 ח"ח; פון 25 ביז 30 יאָר—20 ח"ח און פון 20־25—37 חברים און חברות.

מער ווי אַ העלפט פון די געבוירענע אין קיבוץ זיינען חברים פון מסילות אָדער פון אַנדערע קיבוצים. כמעט אַ העלפט פאַרלאָזן דעם קיבוץ, דער עיקר צוליב שידוכים. פאַראַן אויך געציילטע „גרים" וואָס ניט נאָר אידענטיפיצירן זיי זיך מיט יידן און ציוניזם, נאָר זיי זיינען פון די בעסטע עלעמענטן, און עלטערן פון צאַברעס.

די וויטאַליטעט פון קיבוץ באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז ניט דאָגמאַטיש. דער קיבוץ אַנטוויקלט זיך און נעמט אָן פאָרמען וואָס דרינגען אַרויס פון דער צייט אַזוי, אַז דער קיבוץ אין די אַכציקער יאָרן איז אַנדערש ווי אין די צוואַנציקער און אפילו פון די זעכציקער יאָרן. אָבער אַלץ נאָך אויף די יסודות פון שוויון

(גלייכהייט) און שותפות. דער קיבוץ קוקט מיט אָפענע אויגן אויף דער אַנטוויקלונג און ראַנגלט זיך מיט זיינע פּראָבלעמען און פאַרטושט זיי ניט. אין דעם באַשטייט זיין כוח. מיין חבר גיט צו, אַז מיט אַלע פּראָבלעמען און שוועריקייטן איז דער קיבוץ אין די אַכציקער יאָרן „קיבוצישער" פון יענע "קבצנים־קאָמונע" פון די בראשית יאָרן.

## 2.

אין בוך „ההר והבית" (דער באַרג און דאָס הויז) גיט דער מחבר אַ געשיכטלעכן איבערבליק און אַן אַריינבליק אין דער אַנטוויקלונג פון „בית־אלפא"; דער פּלאָנטער פון אידעאָלאָגישע גראַנגלענישן, קאָנטראָווערסיעס, טעותים און דערגרייכונגען. ווי אַ מוסטער־קיבוץ פון השומר הצעיר בכלל פאַרגלייכט ער זיין אַרבעט צו דער ערשטער שריפטלעכער זאַמלונג פון אַ גרופּע קיבוצניקעס, „קהילתנו" תּרפּ"ב (1922) אין ביתניה עלית. דעמאָלט איז געקומען צום אויסדרוק דער חלום פון „קיבוץ של מעלה" אין קאָנטראַסט צום „קיבוץ של מטה". דאָס בוך פון נתן שחם איז אַ פּרווו צו באַשיידן דעם חלום פון יענע ראשונים.

די ערשטע חלוצים־שומרים זיינען געקומען פון מיטלקלאַס, אַ יוגנט וואָס איז אַוועק פון וואַרעמע היימען און קאַריערעס צו פאַרווירקלעכן אַ נאַקעטן חלום אין מדבר־לאַנד.

„מיר האָבן געבראַכט דיר אונדזער
בלוט, ליבשאַפט און מוסקולן,/פּלייצעס
צו טראָגן דעם יידישן גלאָבוס מיט
אָפענע ווונדן; / מיר האָבן אויפגעגעבן
אַלע חלומות, אַמביציעס צו ווערן אָרע־
מע אַרבעטער אין דער וויסטע. / צי
קענט איר דאָס גלייכן געפינען אין דער
וועלט?..." (אורי צבי גרינבערג).

די יונגע חלוצים וואָס האָבן אַליין איבערגעלעבט שנאת ישראל אין אייראָפּע, האָבן זיך באַגעגנט מיט שנאה מצד אַראַבער און מיט אַ נייער ווירקלעכקייט פון גראַנגלענישן און אַנטוישונגען; און ס'איז געקומען אַ שנעלע אויסניכטערונג. זיי זיינען אַלע געקומען ווי ראָמאַנטיקער־

אוטאָפּיסטן; דער קיבוץ האָט געחלומט צו שאַפן אַ מוסטער פון אַ נייער געזעלשאַפט. די ווירקלעכקייט האָט איבערצייגט, אַז אַ קאָלעקטיוו באַשטייט פון מענטשן, יחידים, וואָס מען האָט ניט געקענט איגנאָרירן צוליב אַ העכערער קולטור און אידעאַל. דערווייל האָט מען געמוזט זאָרגן פאַר אַ בשותפותדיקן שטיקל ברויט, אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַ גרויס מיליטעריש געצעלט איז געווען דאָס עס־צימער און אין די גרויסע רעגנס האָבן דאָרט געהויערט די מוילאייזלען. ס'זיינען געווען שוועריקייטן פון זיך צופּאַסן צו אַ ניי לאַנד, אַ נייעם קלימאַט מיט זומפּן און מאַלאַריע. אָן דערפאַרונגען פון ערד־אַרבעט, האָבן זיי מיט גרויס ליבשאַפט געשלאָגן וואָרצלען בכדי צו פאַרקנסן די ערד אויף אייביק.

„און אָט סאַראַ בוים אַ געזונטער
עס האָט פון פּניאַק זיך צעבליט, / אַן
איבערגעפלאַנצטער פון הימלאָזע באָדנס
— אויף אייגענער ערד,/ אין אייגענער
אַלט־נייער היים, ווו מען לעבט שוין
אייגענעם שניט/און אייגענעם זכות און
מיט שטאָלץ פון דער אייגענער ווערט."
י. פּאַפּירניקאָוו

אין די געשעענישן 1931 האָט מען געמוזט עוואַקואירן די קינדער. דער שרייבער דערמאָנט די פּאָגראָמען אָנהייב די 30קער יאָרן. 1500 אַראַבער האָבן מאַרשירט צום קיבוץ בית־אלפא. אַ בילבול איז געוואָרן פאַרשפּרייט, אַז יידן גייען איינעמען דעם הר הבית. בריטיש מיליטער האָט אומזיסט געוואָרנט, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם קיבוץ. ווען די רוצחים זיינען אָנגעקומען גרייט צו מאָרדן און רויבן, זיינען זיי באַגעגנט געוואָרן מיט אַ ווידערשטאַנד און די אַראַבער זיינען אַנטלאָפן. דער וואַרשעווער „היינט" האָט דעמאָלט איבערגעגעבן, אַז בית־אלפא ברענט, אָבער אין קיבוץ האָט מען געפייערט אַ חג־הנצחון.

ס'זיינען לײדער געווען אינערלעכע אידעאָלאָגישע מחלוקותן וואָס ס'איז שווער געווען צו באַזיגן. אין די פּאָליטישע מחלוקותן זיינען אויך געווען פאַרמישט חילוקי־דעות וועגן דערציונג. דערווייל פאַרנעמען זיך קינדער מיט שפּיל,

גימנאַסטיק, און ווען זיי וועלן אויסוואַקסן וועלן זיי זיך מסתמא אַליין פונאַנדערקלייבן בין טוב לרע און אפילו בין טוב לטוב.

אין רעזולטאַט פון פּאָליטישע געראַנגלענישן צווישן נאָענטע חברים פון קיבוץ איז געקומען צו צעטיילונגען און טראַנספערירונגען לויט איבערצייגונגען. טייל זיינען אַריבער אין רמת יוחנן — פון מפא"י, אַנדערע זיינען געבליבן אין בית־אלפא פון השומר הצעיר.

פאַר די סימפּאַטיקער פון פּראָלעטאַרישן צוויטן פּאָטערלאַנד זיינען געקומען אַנטוישונגען (די מאָסקווער פּראָצעסן — 1936), אָבער באַלד זיינען געקומען גאָר שווערע טראַגישע יאָרן פון חורבן. דער אומקום פון יידנטום אין אייראָפּע. אונדזער יידישע וועלט איז אַוועק אין פייער און אַש. אַ תקופה איז געקומען צו אַ סוף. ס'איז אויפגעקומען די יידישע מדינה. און אין קיבוץ איז געבוירן געוואָרן אַ נייער דור „אשר לא ידע את יוסף" (וויסאַריאָנאָוויטש)... . די געמיטער אין קיבוץ האָבן זיך באַרויקט. די שטרייטיקייטן האָבן זיך איינגעשטילט. פאַראַן נאָך מיינונג־פאַרשידנקייטן, גלויביקע, אָפּלייקענער, אָבער ניט אויפן שפּיץ מעסער.

דורך די צענדליקער יאָרן האָבן זיך די קיבוצים אַנטוויקלט, רייך געוואָרן, געענדערט דעם לעבנס־שטייגער, ס'האָבן זיך געענדערט איינשטעלונגען, זיטן. קיבוצניקעס האָבן שיין־איינגעריכטעטע הייזלעך, טעלעפאָן, טעלעוויזיע, פריזשידייערס. דער קיבוץ מישט זיך נישט מער אין אינטימע קאָנפליקטן. (פאַראַן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פון מזכירות פאַר דעליקאַטע ענינים). פאַראַן פּראַקטישע פאַראָרדענונגען פאַר געזונט, עסטעטיק, אא"וו. אין קיבוץ־שריפט „השבוע" ווערן באַרירט אַזעלכע פּראָבלעמען ווי קיבוץ און פּאַרטיי, ציוניזם, סאָציאַליזם, אַראַבער־פראַגע, רעליגיע און טראַדיציע, מאַרקסיזם, לאָקאַלע ענינים און דערציונג. קולטור־טעטיקייטן פאַרנעמען אַלץ נאָך אַ וויכטיק אָרט. מאָדערנע גרויסע פאַרלעזונגען און קאָנצערטן, ספּאָרט־טעטיקייט אא"וו.

דער שרייבער באַמערקט, אַז דער מלכות החופש (די פרייהייט־מלוכה) געהער דעם אַרבעטס־מענטש. די יוגנט האָט געדאַרפט ירשענען און דערצויגן ווערן אויף פּרינציפּן פון אַרבעט, עטיק, שותפותדיקייט, דרך־ארץ פאַר רשות הרבים, גלייכהייט, פריינדשאַפט, העלפן דעם שוואַכן, קראַנקן, און געהעריקער באַציונג צום קינד.

ניט געקוקט אויף די באַקוועמלעכקייטן איז דער קיבוצניק באַגרענעצט מאַטעריעל. ער קען נוצן אַן אויטאָמאָביל צו דער אַרבעט, אָבער ניט אין זיין פּריוואַטן באַניץ. ער האָט אָבער די רעכט זיך איינצושאַפן אין זיין שטוב פון פּריוואַטע מקורות אַ פּיאַנאָ (ווי אַ מתנה) וכדומה.

אין די מלחמות מיט די אַראַבער זיינען פון קיבוץ געפאַלן אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע (מיין פריינדס צוויי זין, פּילאָטן). וועגן דער אַראַבער־יידן פראַגע זיינען אין קיבוץ פאַראַן חילוקי־דעות. אַ מינדערהייט גלייבט אַז מען דאַרף דאָס לאַנד צעטיילן צווישן ביידע פעלקער וואָס מאָנען זייער זכות. אַנדערע זיינען קעגן פּשרה, מען טאָר ניט פאַלן ביי זיך; ענטפערן פייער קעגן פייער, אָבער ניט אויפהערן צו זוכן אַ וועג צו שלום.

אין אַרעמקייט האָט אָנגעהאַלטן דער שיתוף שטאַרקער נאָך ווי אין דער צייט פון שפע. אין פּרינציפּ האָט דער קיבוץ זיך ניט געענדערט. דער חינוך, וווינונג, עלטער־זיכערקייט, גלייכהייט וכדומה. אָבער קאָנטראָווערסיעס עקזיסטירן. פאַראַן פּראָבלעמען און זאָרג סיי פאַרן לאַנד, סיי פאַרן קיבוץ. און צווישן זיי, די אייביקע קאָנפליקטן פון דור הולך ודור בא. די זאָרג פאַר די ראשונים וואָס ציטערן פאַרן המשך פון אַ גרויסער אידעע, פאַר דער צוקונפט פון אַ חלום.

### .3

אין דעם זשורנאַל „השבוע", פון י"ז חשון תשמ"ו, 1985, אַ פּאָר טעג נאָך דער 63 יאָריקער געבורט־פייערונג פון קיבוץ בית־אלפא, איז פאַראַן אַן אַרטיקל: „דריי דורות — דריי תשובות" וואָס האָט געצויגן אונדזער אויפמערק אין שייכות מיט דער טעמע „דער קיבוץ און די צוקונפט

פון אַ חלום.״ אין דעם אַריינפיר שרייבט דער רעדאַקטאָר, אַז יעדעס יאָר, י״ג חשון, וואָס איז דער יום־טוב געווידמעט דער גרינדונג פון קיבוץ, קומען זיך מענטשן צוזאַמען אויפן שיידוועג ווו ס'קרייציקן זיך פאַסירונגען און רעיונות. „און ווען מיר קוקן צוריק ווערט אונדזער האַרץ פול מיט שטאָלץ.״ פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס זיינען אָנגעלאָדן מיט אומזיכערע געפילן און פרעג־צייכנס. אַנדערע זיינען אין טראַנס און פרעגן ניט קיין שאלות. ווילן מיר זיך צוהערן צו אַ משפחה פון 3 דורות וועגן אַמאָל, היינט און עתיד; אַ חשבון הנפש וועגן דאָס אָפּגעטועטע, פעלערן און דערגרייכונגען. דריי דורות פון דער משפחה וויינטרויב. דער זיידע, שמעון יוסף, איז געווען מיין יוגנט־חבר אין השומר הצעיר. זיין טאָכטער ערגה און אייניקל איריס זיינען געבוירן געוואָרן אין קיבוץ בית־אלפא.

אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן איז דער השומר הצעיר נאָך געווען ווייט פון לינקס. דער סאָציאַליזם פון השומר הצעיר איז געווען אַ ראָמאַנטישער, אַ גלויבן אין סאָציאַלן יושר און אַ פאַראינטערעסירונג אין מאַרקסיזם, באָראָכאָוויזם, גאָרדאָניזם און בזשאָזאָווסקיס „פלאָמען״ (אַ בוך וועגן די נאַראָדניקעס אין רוסלאַנד). און בכלל — אַ זוכעניש נאָך גרויסע הומאַנע אידעאַלן. פאַרן בונד זיינען די שומרים געווען אַריסטאָקראַטישע סאָציאַליסטן. אין די דרייסיקער יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן אין קיבוץ סימפּאַטיעס פאַרן ראַטנפאַרבאַנד און דערנאָך זיינען געקומען אַנטוישונגען און טראַומאַס.

שמעון האָט דערמאָנט יענע פאַרגאַנגענע פרשות. ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסער מאמין אין „פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד״. ער האָט געהאַלטן, אַז די אָנהענגער פון ראַטנפאַרבאַנד זיינען געווען אומגערעכט, האָבן געבלאָנדזשעט און פאַרפירט אַנדערע. אין צייט פון פּראַגער משפּט, ווען שלאַנסקי איז געוואָרן פאַראורטיילט צו הענגען און מרדכי אורן צו תפיסה, זיינען אַלע חברים געוואָרן דערשיטערט, זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק און פאַרצווייפלונג. ווי דער סעקרעטאַר פון בית־אַלפא האָט שמעון אויף אַ פאַרזאַמלונג פאָרגעלייגט, אַז מאיר יערי ז״ל צושיקן אַ דאַנק־טעלעגראַמע צום טשעכישן פּרעזידענט פאַרן אַרעסטירן מ. אורן. „ווען נישט דער אַרעסט וואָלטן מיר ניט געעפנט די אויגן צו זען אין וואָסער תהום דו האָסט אונדז אַריינגעפירט.״ און שמעון ענדיקט: „די פרוכט פון יענעם מאָראַלישן שאָדן עסן מיר נאָך היינט. דער ניהיליזם וואָס שאַפט זיך ביים יונגן דור איז אַ רעזולטאַט פון אַן אידעאָלאָגיע וואָס האָט ניט געהאַט קיין דעקונג.״

אויף דער פראַגע צי ער גלויבט אין קיבוצישן סאָציאַליזם, ענטפערט שמעון: „מיר קענען ניט אַרויפצווינגען דעם סאָציאַליזם מיט געוואַלד, ווי אין רוסלאַנד אָדער כינע. מיר בויען די קאָמונעס (קיבוצים) איינציקווייז. איך בין אַ סאָציאַליסט אָבער איך דערוואַרט ניט דאָס באַלדיקע קומען פון משיח. אין די היינטיקע באַדינגונגען דאַרפן מיר מיט אונדזער לעבן דורך יושר און גערעכטיקייט זיין אַ מוסטער פאַר דער סביבה. דער סאָציאַליזם איז ניט דאָס ווערק פון איין דור.

ערגה (שמעונס טאָכטער. ערגה מיינט בענקשאַפט): מיט מיין דור בין איך דאָ אין קיבוץ געבוירן געוואָרן און דערצויגן געוואָרן אויף אידעען וואָס זיינען אונדז שווער געווען צו פאַרשטיין. ס'זיינען געווען ווייניק השפעות אויסערן קיבוץ. מיר האָבן געוואַגט צו דיסקוטירן מיט די לערער וועגן די שומרישע אידעען. דער לערן־ניוואָ איז געווען אַ נידעריקער, דערפאַר האָבן מיר געהאַט אַ סך אידעאָלאָגיע. נאָך אַ צייט האָט דער צוגאַנג אין דערציִונג זיך געענדערט. פּאָליטיק איז געוואָרן באַגרענעצט און דאָס האָט אונדז געפרייט. נאָך דער מלחמה 1967 האָבן זיך געמערט דרויסנדיקע השפעות. ס'זיינען געקומען וואָלונטירן אין קיבוץ, מיר האָבן געדינט אין מיליטער און אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט. מיט די ענדערונגען איז מער אַקצענטירט געוואָרן מאַטעריאַליסטישקייט אין לעבן. די מורא אַז דאָס קען צעשטערן דעם קיבוץ איז געווען אַן אומזיסטע. ס'לעבן האָט זיך געענדערט. די ראַם פון שטוב איז געוואָרן ברייטער. די משפחה איז געוואָרן חשובער, און דעם קיבוץ האָט עס ניט

געשאַדט, ווייל אויב ס'איז גוט פאַרן פּרט איז דאָס אויך גוט פאַרן כלל.

אויף דער פראַגע, צי איז עפּעס פאַראַן וואָס באַזאָרגט זי? ענטפערט ערגה: — אונדזער געלויף נאָך פּריוואַטע השגות און העכערן לעבנס־ניוואָ איז מער קענטיק ווי פריער. ס'איז קודם וויכטיק זיך צו פאַרפולקאָמען אין אַ פאַך. פאַראַן בלויז אַ קליינע צאָל וואָס וויל טראָגן דעם עול פאַרן כלל. יעדער גייט אין זיין אייגענעם ווינקל. דאָס טויג ניט. מען טאָר ניט אַנטלויפן פון העלפן אַנדערע. אויב מיר וועלן ניט ביישטייערן איצט וועט ניט זיין ווער ס'זאָל אונדז העלפן שפּעטער. מיר מוזן וואַרשטאַרקן דעם געפיל פון אייכותדיקייט און אַז ס'גייט מיך אָן. ס'איז באַקוועמער צו קוקן פאַר זיך און שטיין אין אַ זייט, אָבער מיר דאַרפן געדענקען, אַז אַלץ וואָס איז דאָ פאַראַן איז אונדזערס. מיין חלום איז, אַז ס'זאָל ווערן בעסער פאַר אַלע; און מיין ווונטש איז, אַז דער ייִנגערער דור זאָל העלפן שלעפּן דעם וואָגן פאָרויס.

ערגה טראַכט אויך, אַז ס'איז אפשר אַ שאָד וואָס זי האָט ניט פּרובירט אַ צווייטן סגאַל לעבן. אָבער ווען זי פאַרגלייכט, זעט זי, אַז מיט אַלע מעלות פון פּריוואַטן לעבן איז בעסער צוזאַמען. אַ יום־טוב איז אַ יום־טוב, אַ טרויער איז אַ טרויער. דער געפיל איז, אַז ס'איז פיל דערהויבענער אין צוזאַמענלעבן, ווי צו לעבן פּריוואַט.

פראַגע: פאַר דיין טאַטן איז געווען קלאָר אַז דו וועסט ממשיך זיין דעם וועג. וואָס טראַכסטו וועגן דיינע קינדער, וועלן זיי ממשיך זיין דעם קיבוצישן וועג.?

ע ר ג ה: שווער צו וויסן. אַ סך יוגנטלעכע פילן זיך ניט גאַנץ מיטן לעבן אין קיבוץ. פון מיליטער קומען זיי צוריק צוליב פאַראַנטוואָרטלעכקייט אָדער באַקוועמלעכקייט. אין אַ סך קיבוצים קומען די יוגנטלעכע צוריק אַהיים נאָכן אַרומוואַנדלען אין פאַרשידענע מקומות. זיי פאַרשטייען, אַז אונדזער לעבן אין קיבוץ האָט מער אָנצוביטן. איך גלויב, אַז מיר דאַרפן ניט נאָר געבן, נאָר אויך פאַרלאַנגען פון דער ייִנגערער גענעראַציע. אַוודאי איז ניט גענוג דאָס וואָס זיי קריגן, און איך פאַרשטיי אַז ס'דאַרף אַזוי זיין, אָבער זיי פאַרשטייען ניט, אַז זיי דאַרפן אויך געבן פון זיך. אָט דער פּראָבלעם באַזאָרגט מיך, נאָר מיט דער צייט האָף איך, וועט זיך ענדערן צום גוטן. איך גלויב אין דער צוקונפט פון קיבוץ.

## .4

איריס, שמעונס אייניקל, צוויי וואָכן נאָכן מיליטער־דינסט, איז אַלץ נאָך פאַרווירט און זוכט איר וועג. ס'האָט זיך קוים איינגעגעבן צו איבערצייגן אַז זי זאָל זיך באַטייליקן אין דיאַלאָג, און וואָס זי האָט געזאָגט וועגן זיך האָט גאָר ניט אַזוי מצער געווען. זי הייבט אָן וועגן אירע עלטערן: „די מאַמע האָט שטענדיק דערציילט פון די אידעאָלאָגישע השפּעות אין קיבוץ ווען זי איז יונג געווען.‟ איריס האָט די־אָ דערפאַרונגען ניט איבערגעלעבט. „מיר טראַכטן ניט וועגן מהות פון קיבוץ, און פאַרוואָס ס'פירט זיך אין קיבוץ אַזוי און ניט אַנדערש. מיר האָבן זיך ניט באַצויגן קאַטעגאָריש צו דעם אָרט לעבן, ווייל מיר זיינען געוווינט געווען דערצו.‟

אָבער נאָכן מיליטער־דינסט ווערן מיר קריטישער. אין מיליטער גיט מען מען אונדז אויפגאַבן, און די אַרבעט ווערט אָפּגעשאַצט. דאָ בין איך אַ פּשוטע אַרבעטערין וואָס לעבט מיט רוטין. אין אַ ייִנגערן קיבוץ פילט מען זיך ווי אַ טייל פון אַ גרויס ווערק. דאָ גייט מען פאַרלוירן. די פראַגע איז, צי קען מען רעאַליזירן אַ שטרעבונג. חברים אין מיליטער האָבן מיך געפרעגט פאַרוואָס איך גיי צוריק אין קיבוץ. יאָ, איך פיל איצט, אַז איך מוז זיך פאַרמעסטן מיטן לעבן אויסערן קיבוץ.

פראַגע: ווי קען מען דיך משפּיע זיין אין דער נאָענטער צוקונפט?

א י ר י ס: טייל מאָל האָט מען אַ געפיל אַז אַלץ זינקט דאָ. מענטשן זיצן פאַרמאַכט אין די שטובן און ניטאָ קיין פאַרבינדונג צווישן זיך. מען קען דאָ לעבן אַ לאַנגע צייט און זיך ניט קענען, און ניט רעדן צווישן זיך. מען דאַרף טאָן גרויסע זאַכן אַרויסצוברענגען די מענטשן נישט נאָר אין אַ יום־טוב אָדער טרויערטאָג. מיר דאַרפן פילן די געמיינזאַמקייט און ניט נאָר רעדן וועגן דעם.

שמעון קאָמענטירט וועגן די שטרעבונגען און בלאָנדזשענישן פון נייעם דור אין קיבוץ: אין אונדזער צייט האָט מען געלערנט: דוד דור יביע אומר, יעדער דור זאָגט זיין אייגן וואָרט און דרשנט אויף זיין אייגענעם שטייגער. מיר טאָרן ניט איגנאָרירן די שטרעבונגען פון ייִנגערן דור. נאָך אַלע מיינע איבערלעבונגען בין איך ניט קיין פּעסימיסט. כ'האָב ניט קיין חרטה און קוק ניט צוריק מיט פאַרדראָס, נאָר פאָרויס מיט האָפענונג. . מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז אונדזער וועג האָבן מיר אַליין אויסגעפּלאַסטערט. יעדער דור דאַרף אויסבאַנען זיין אייגענעם וועג, אָבער אויך אָפּהיטן דעם יסוד, די ירושה.

אויף דער פראַגע וועגן די עיקרים פון קיבוץ, צי האָבן זיי אויסגעהאַלטן דעם ניסיון פון צייט? ענטפערט שמעון, אַז דער גרעסטער, ממש רעוואָלוציאָנערער אויפטו איז געווען אונדזער קומען פון גלות און אָנהייבן אַ ניי לעבן פון בשותפותדיקייט און אַרבעט. דער יונגער דור היינט אַרבעט ניט מיט איבערגעגעבנקייט. צוויי בעדואינערינס האָבן מער אויסגעאַרבעט וויפל פערציק אונדזערע קינדער; זיי אַלע ווייסן, אַז דורכן טעלעפאָן קען מען ברענגען מענטשן צו טאָן די אוםאָנגענעמע אַרבעטן, טאָ צו וואָס זיך אָנשטרענגען. אויב מיר וועלן ניט לעבן פון אייגענער פראַצע וועט ווערן אַ תל פון אונדזער עיקר־אידעאַל, פון ליבע צו אַרבעט.

מיטן באַגריף אַז „מיר קומט" האָב איך שטענדיק געטראַכט: „וואָס קומט פון מיר?" איך האָב אָפט געטאָן געזעלשאַפטלעכע אַ בעטן, געווען זעקס מאָל סעקרעטאַר פון קיבוץ. איך בין שטאָלץ מיט בית־אַלפא. מיט אַלע אונדזערע חסרונות האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ ווערטפולע געזעלשאַפט.

אידריס: איך גלויב, אַז אין צוזאַמענלעבן, אין אַחריות, אויפגאַבן און צילן וועלן מיר פילן אמתע שייכותדיקייט מיטן קיבוץ און וועלן האָבן דעם ווילן דאָ צו לעבן.

שמעון: מיין אייניקל! ס'איז מיר דאָך קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז צו אונדז אַליין געהערט דער זכות צו פירן. מיר האָבן געהאָפט אויף דעם טאָג צו קענען איבערגעבן די פירערשאַפט פון קיבוץ צום ייִנגערן דור. איר דאַרפט זיין אונדזערע פולע שותפים און אַקטיווע בויער אפילו ווען איר גייט אויף אייגענע דרכים.

דורך די איבער זעכציק יאָר זינט דער קיבוץ עקזיסטירט האָט זיך מאַטעריעל געביטן — פון אָרעמקייט צו עשירות. „ווען דער בויך איז געווען ליידיק איז די נשמה געווען זאַט. היינט ווען דער בויך איז פול, האָט זיך אָגעטאָן די שכינה פון קיבוצישן הויף, זאָגט נתן שחם אין בוך „דער באַרג און דאָס הויז" וועגן קיבוץ בית־אלפא. פון יענע בראשיתדיקע אידעאַלן איז געבליבן אַ וואַקום. די ראשונים האָבן באַגערט זיך איינצוואָרצלען און פטור ווערן פון וואַנדערן. דער יונגער דור בענקט צו וואָגלען און גלויבט אַז בלויז איינמאָל לעבט מען אויף דער וועלט, און יעדער האָט אַ רעכט צו זיין פערזענלעכן גליק. דער עלטערער דור פרעגט זיך אַליין, איז דאָס אַ יוגנט וואָס מיר האָבן אויסגעבעטן; אַ יוגנט אָן עול פון ייִדישקייט און ירושה. די ראשונים קוקן צוריק מיט בענקשאַפט און פאָרויס מיט ציטערניש. הגם ס'איז שווער פאָרויסצוזען די צוקונפט פון קיבוץ, טליעט נאָך אַלץ דאָס פייערל פון שומרישן אידעאַל.

אויף דער פראַגע, צי האָט דער קיבוץ אַ קיום? צי וועלן די קומענדיקע דורות קאָנטינואירן די וווּנדערלעכע ירושה, אויפהאַלטן און געבן אַ נייעם זין דער אידעאָלאָגיע? קאָן מען ענטפערן מיט רבי נחמן בראַצלאַווערס אַ מעשה (לויט נתן שחם): שטייט אַ ייִד ערגעץ אין דער וועלט און פרעגט אַ שאלה, נאָר קיינער קען אים ניט געבן קיין ענטפער. נאָך אַ סך יאָרן שטייט אַן אַנדער ייִד ערגעץ־ווו אין דער וועלט און פרעגט אַ פראַגע און ווידער קען קיינער אים ניט ענטפערן. אָבער די לעצטע פראַגע איז שוין געווען דער ענטפער אויף דער ערשטער. די אַלט־חלוצישע גענעראַציע גלויבט, אַז ס'איז אַלץ געווען כדאי. „וואָלט ניט געווען דער חלום צו בויען דעם מקדש אויפן באַרג, וואָלט מען ניט מצליח געווען צו בויען דאָס הויז צופוסנס דעם באַרג." (ההר והבית).

מאיר חרץ / ירושלים

# לידער

*
**

די זאָרגן פאַרקירצן די יאָרן,
ווי קען מען לעבן אָן זאָרגן?
דאָס לעבן באַשווערט דעם זכרון
און גרייט צו זכרונות אויף מאָרגן.

געדענקסטו? געדענקסטו? אַוודאי
געדענק איך, וואָס דען? נאָר אַנדערש,
גאָר אַנדערש געדענקט זיך עס גראַדע,
ס׳געדענקט זיך אַ גראָז ווי אַ לאַנדיש.

ס׳געדענקט זיך אַ הויז ווי אַ פּאַלאַץ,
אַ פּריזבע ווי אַ וועראַנדע,
אַ יינגל צעוואַקסן ווי חרץ
אין הויזן — אַ שפּאַט און אַ שאַנדע.

ס׳געדענקט זיך אַ מויז ווי אַ העלפאַנט
די גרייס און אַ הייזל
נאָך קלענער פון אַ לעכל,
ווו ס׳וווינט דאָס קלענסטע מייזל.

ס׳געדענקט זיך, אַוודאי געדענקט זיך,
נאָר אַנדערש, אין גאַנצן אַנדערש
געדענקט זיך עס און סע בענקט זיך
דערפאַר טאַקע, ווייל ס׳איז אַנדערש.

לאָס אַנדזשעלעס, סעפּט. 1985

## דאָס זעלבע ליד

עס קלינגט איצט דאָס זעלבע ליד
גענוי, ווי עס האָט שוין געקלונגען,
איצט זינגט עס אָן אַנדער ייד
און יענץ האָט זיין זיידע געזונגען.

זיין זיידע — אַ וואַנדער־ייד
געלאָפן פון פלאַם צו דעם פייער
און מיטגענומען דאָס ליד,
וואָס איז אים געווען טייער.

דאָס ליד איז פון פייער און רויך
אַרויס ווי אַ טויב ווי אַ ווייסע
און ווייס איז עס איצטער אויך
און קלינגט ווי אַ ווייטע מעשה.

עס קלינגט איצט דאָס זעלבע ליד
גענוי, ווי עס האָט שוין געקלונגען,
איצט זינגט עס אָן אַנדער ייד
און יענץ האָט זיין זיידע געזונגען.

## געהערט און געשוויגן

ער האָט זיך צעהיצט,
צערעדט זיך מיט ברען
און איך האָב נישט איבערגעשלאָגן,
קיין וואָרט נישט צוגעגעבן, ווי ווען
ס'איז מער נישטאָ וואָס צו זאָגן.

ער האָט זיך צערעדט און אויפגעהערט
און איך האָב נישט אונטערגעטריבן,
ווי גלייך איך וואָלט פון אים געהערט
אויך דאָס, וואָס ער האָט נאָר פאַרשריבן.

און ווען ער איז מיט די פיס צו דער טיר
אַן אויסגעשטרענקטער געליגן,
האָט ער, מיר דאַכט זיך, גערעדט צו מיר
און איך האָב געהערט און געשוויגן.

ירושלים, 22טער יולי, 1986

## שטעלט אייך אַ רגע פאָר

שטעלט אייך אַ רגע פאָר, אַז אַלץ איז געוואָרן פאַרקערט,
עס קוקט אויף אונדז אַראָפּ אַן אויסגעלאַמטערנטע ערד
און אונטער אונדזערע פיס דער הימל צעטראָטן ווערט.

איבער אונדזערע קעפּ דאָס אָפּגעקאָסיעטע גראָז
פאַלט אַראָפּ אויף די ליפּן, פאַלט אונדז אַראָפּ אויף דער נאָז
און ס'ע צעטראָגט עס דער ווינט און איבער שטערן צעבלאָזט.

די שפּיל האַלט לאַנג נישט אָן און אַלץ איז צוריק אויפן אָרט,
ווי לאַנג קען אַ שטערן ליגן אונטער מענטשלעכן טראָט?
ווי לאַנג קען אַ הימל זיך וויגן אָן אַן אייביקן גאָט?

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# ש. ניגער — דער קריטיקער און מורה־דרך

(צו זיין דרייסיקסטן יאָרצייט)

.1

עס איז שוין אָפּגעלאָפן דרייסיק יאָר זינט שמואל ניגער איז אַוועק אין דער אייביקייט. דאָך פילן מיר נאָך אַלץ דעם חלל וואָס זיין פטירה האָט איבערגעלאָזט. ווי דער אנערקענטסטער יידישער קריטיקער און וואָרטזאָגער איז ניגער געווען באַליבט ביי זיינע לייענערס ווי ער וואָלט געווען אַ נאָענטער פריינד. האָט מען געטרויערט נאָך אים ווי נאָך אַ מנהיג וואָס נעמט מיט זיך מיט, ווען ער שטאַרבט, אַ שטיק לעבן פון כלל. ווי אַ קריטיקער, ווי אַ געלערנטער, ווי אַ פובליציסט, האָט ניגער פאַרקערפערט דעם מאָדערנעם יידיש־רענעסאַנס אין מזרח־אייראָפּע, און אויך דעם לאַנגן שווערן געראַנגל אים איבערצופלאַנצן קיין אַמעריקע.

שמואל טשאַרני, וואָס איז באַרימט געוואָרן אונטערן פסעוודאָנים ש. ניגער, איז געבוירן געוואָרן אין ווייסרוסישן שטעטל דוקאָר, דעם 15טן יוני, 1983, ביי אַ משפחה פון חב״דער חסידים. ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג — אין חדר און ישיבה, אָבער גאַנץ פרי האָט ער אָנגעהויבן לערנען וועלטלעכע לימודים, און איז געוואָרן פאַרינטערעסירט אין דער רוסישער ליטעראַטור, און אין קאַמף פאַר יידישן פאָלקס־קיום. זיין דעביוט ווי אַ שרייבער האָט ער געמאַכט אין 1904, אין יידיש־רוסישן זשורנאַל „וואָזראָזשדעניע״ (ווידערגעבורט) וווּ ער טרעט אַרויס ווי דער עקספּאָנענט פון יידיש־טעריטאָריאַליסטישן געראַנק (ס״ס). ווען די צאַרישע קאָנטר־רעוואָלוציע קריגט די אויבערהאַנט (אין 1906), ווערט ניגער אַרעסטירט, און עס שטעלט זיך ווי ער ווערט שיער־נישט פאַרפייניקט צום טויט, באַפרייט מען אים.

ניגער ווערט בהדרגה אַ צענטראַלע און רעפּרעזענטאַטיווע פיגור פון יידישן רענעסאַנס, וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין 1908, דורך די „ליטעראַרישע מאָנאַט־שריפטן״ — רעדאַקטירט פון 3 אינטעליגענטן: דער טעריטאָריאַליסט ניגער, דער ציוניסט גאָרעליק, און דער בונדיסט א. ווייטער. אין דער שריפט האָבן זיי פּראָקלאַמירט אַז די יידישע ליטעראַטור איז שוין רייף און אַז זי איז אַ ציל פאַר זיך און נישט אַ מיטל צו בילדן די מאַסן: „די ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן״ צילן נישט צו וואַרפן קערנדלעך פון פילאַנטראָפּישער קולטור־טרעגעריי, פון פּאָפּולער־געפעלשטער „פאַרן פאָלק״ ליטעראַטור. דער ציל פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן״ איז צו זיין אַ זאַמל־פונקט פאַר דעם וואָס זאָל קענען רייכער מאַכן אונדזער גייסטיקע וועלט, פאַרגרעסערן אונדזער קולטור־אייגנס, אויספיינערן דעם געשמאַק פון אַלטן לעזער און געווינען נייע.״

אין משך פון די יאָרן 1910־1913 האָט ניגער שטודירט הומאַניסטיק אין די אוניווערסיטעטן פון בערלין און בערן, גרייטנדיק אַ דיסערטאַציע איבער שאָפּענהויערס פילאָסאָפיע פון עסטעטיק. אָבער דעמאָלט פאַרבעט מען אים צו ווערן דער רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישן זשורנאַל „די יידישע וועלט״; באַזעצט ער זיך אין יאָר 1914 אין ווילנע, וווּ ער פאַרוואַנדלט דעם זשורנאַל אין אַן ערשטקלאַסיקער שריפט פאַר ליטעראַטור און קולטור. דאָ האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ סך עסייען איבער יידישע שרייבער און אומצייליקע רעצענזיעס.

דער סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער אָנהייב פון דער רוסישער רעוואָלוציע טרעפט אים אין ווילנע (1919). ווען די פוילישע לעגיאָנערן האָבן איינגענומען די שטאָט, איז זיין לעבן ווידער געווען אין סכנה. ער איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן בלויז אַ דאַנק אַן ענערגישער אינטערווענץ מצד יידישע כלל־טוער אין פוילן און אַמעריקע. סוף

1919 פֿאַרלאָזט ער מזרח־אייראָפּע און קומט קיין ניו־יאָרק, וווּ ער האָט געוווינט 35 יאָר ביז זיין פּטירה, אין דעצעמבער 1955. ער ווערט אַ מיטאַרבעטער אין „טאָג״ און ער רעאַגירט מיט אַרטיקלען, עסייען און רעפֿעראַטן אויף אַלע דערשיינונגען אין יידיש־געזעלשאַפֿטלעכן, קולטורעלן און ליטעראַרישן לעבן.

## 2.

כדי אָפּצושאַצן ניגערס בלייביקן צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, זיין אויפֿטו ווי אַ קריטיקער, און זיין באַטייט פֿאַר דער יידישער מחשבה, מוז מען זיך קודם כל באַקענען מיט זיין יידיש־הומאַניסטישן אני־מאמין, וואָרעם ניגער איז נישט געווען בלויז אַ מענטש מיט אַ ראַפֿינירטן געשמאַק אין ליטעראַטור און אַ בקי אין עסטעטיק, נאָר אויך אַ מאָדערנער יידישער טראַכטער מיט טיפֿע איבערצייגונגען און איינשטעלונגען אין שייכות צו וועלט־און־ייד־פּראָבלעמען. אויב הומאַניזם מיינט דאָס וואָס איז כאַראַקטעריסטיש־מענטשלעך — נישט איבערנאַטירלעך; דאָס וואָס איז שייך צום מענטשן — נישט צו דער דרויסנדיקער נאַטור; דאָס וואָס דערהייבט אים און באַפֿרידיקט אים; אַ טיפֿער אינטערעס אין אַלע פּאַזן און ליידנשאַפֿטן פֿון יחידס לעבן אויף ד ע ר וועלט — אויב הומאַניזם באַצייכנט אָט די אַלע טייטשן, דעמאָלט איז ניגער געווען אַ הומאַניסט פֿאַר עקסעלאַנס. דער מענטש איז פֿאַר אים געווען די מאָס און סאַנקציע פֿאַר אַלצדינג.

דער יידישער ק ר י ט י ק ע ר, פּונקט ווי זיין רבי י. ל. פּרץ, האָט געזען די וועלט מיט יידישע אויגן (פּרצעס פּאָעטישע דעפֿיניציע פֿון יידישקייט); האָט ער דעריבער פֿאַרשטאַנען אַז כדי דער הומאַניזם זאָל וואַרעמען און אילומינירן היינטיקע יידן אַזוי ווי די יידישע אמונה האָט געגעבן אַן אָנשפּאַר די פֿריערדיקע דורות, מוז דער הומאַניזם אַרויסוואַקסן פֿון אונדזער גייסטיקן באָדן, ער מוז האָבן וואָרצלען אין אונדזער עבר, אין אונדזער קאָלעקטיווער דערפֿאַרונג. אָט דערפֿאַר באַטאָנט ניגער אַז אין זיין נישט־דאָגמאַטישן וועלטלעכן קרעדאָ פֿאַרנעמט אַ צענטראַלע פּאָזיציע דער טאַלאַנט צו גלויבן — גלויבן נישט אין טעאָלאָגישן זינען, נאָר אין הומאַניסטישן מיין; „אַזוי ווי מען קען זיך נישט פֿאָרשטעלן די יידישע געשיכטע אָן קדושים, אַזוי קען נישט געמאָלט זיין אַ ייד אָן קדושה... ער מוז גלייבן אין די גייסטיקע ווערטן וואָס ליגן באַהאַלטן אין אונדזער געשיכטע, אין דעם ליכט וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אונדזער קיום, און אין אונדזער מלחמה פֿאַר קיום... יאָ, אַ ייד מוז זיין זיכער אַז אויב אַפֿילו לית דיין, קאָן נישט געמאָלט זיין אַזאַ זאַך ווי לית דין.״

אָבער בעת דער יידישער הומאַניסט איז טיף באַוווּסטזיניק וועגן באַזונדערטקייט פֿון יידישן גורל אין דער וועלטגעשיכטע, איז ער נישט דערפֿאַר אַז מיר זאָלן זיך איזאָלירן פֿון דער וועלט. פֿאַרקערט עס איז זיין טיפֿסטע איבערצייגונג אַז דער חורבן און די פּורעניות וואָס מיר האָבן געליטן במשך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, טאָר נישט פֿירן דערצו אַז מיר זאָלן זיך גטן מיט דער מערבֿ־קולטור, נאָר אונדזערע ליידן דאַרפֿן אונדז העלפֿן צוריק געווינען די פֿעיקייט וואָס פֿריערדיקע דורות האָבן פֿאַרמאָגט: „די קונסט צו סובלימירן די אייגענע ליידן און צו מאַכן פֿון דער פֿיזישער שוואַכקייט אַ גייסטיקע גבורה.״ דאָס, מיינט ניגער, קען מען אויך דערגרייכן דורך אַ פֿאַרטיפֿטן יידיש־עטישן באַוווּסטזיין, און נישט דווקא דורך אמונה און רעליגיעזן אתה־בחרתנו.

להיפּוך צו אַ סך אימיגראַנטן־אינטעליגענטן וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָבן אַרויסגעוויזן צום אַמעריקאַנער לעבנס־נוסח אַן אַמביוואַלענטע באַציונג, ד״ה פֿון איין זייט איז זיי געפֿעלן דאָס לאַנד פֿון פֿרייהייט און גלייכהייט פֿאַר אַלעמען; אָבער פֿון דער אַנדערער זייט האָבן זיי זיך געקלאַמערט אין די אייראָפּעישע פֿאָרורטיילן אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד פֿון אַ רויער מאַטעריאַליסטישער ציוויליזאַציע — להיפּוך צו זייער נעגאַטיווער שטעלונג האָט ניגער אַקצעפּטירט און אַפֿילו אַפֿירמירט אַמעריקע.

נאָך אַ צענטראַלער שטריך אין ניגערס וועלט־אַנשויונג איז דער פּלוראַליזם. אין

דעם פּרט האָט אָן שום ספק אים באַווירקט דער גייסטיקער קלימאַט פון דער טאָלעראַנטער, אַנטי־דאָגמאַטישער, פּלוראַליסטישער אַמעריקע. ער באַטאָנט אַ סך מאָל אַז ס'איז נישטאָ קיין סתירה אין דער אידעע פון איין פאָלק און פאַרשיידענע שבטים, ריכטונגען, שטרעמונגען. ס'איז נישט מעגלעך, האַלט ער, פאַר אַ וועלטפאָלק ווי אונדזערס צו זיין פון איין גוס שפּראַכלעך, רעליגיעז, קולטורעל. און פּונקט ווי מיר קענען באַשטיין פון פאַרשיידענע סאָרטן קיבוצים אין דער וועלט, אַזוי קען דער אַמעריקאַנער יידישער צענטער זיין אַ קיבוץ פון אַלערליי קיבוצים. „אַזוי ווי די בויונג פון אַמעריקע גופא איז אַ שותפות פון שיער נישט אַלע פעלקער, קולטורן און שפּראַכן פון דער וועלט, אַזוי האָבן אַ חלק אויך אין דעם יידישן קיבוץ פון אַמעריקע שיער נישט אַלע טיילן און גרופּעס פון יידישן פאָלק מיט זייערע אַלע היסטאָרישע, רעליגיעזע, וועלטלעך־קולטורעלע, שפּראַכלעכע און אַנדערע באַזונדערקייטן... מיר זיינען אַ קולטור־פּלוראַליסטיש פאָלק אין אַ קולטור־פּלוראַליסטיש לאַנד... דער יידישער „מעלטינג־פּאַט" נאָר נישט פאַרטונקלען אָדער גאָר פאַרניכטן אונדזער אינעווייניקסטן קולטור־פּלוראַליזם. יעדע שיטה, יעדע יידישע טראַדיציע, יעדע יידישע לעבנס־פילאָסאָפיע, יעדע יידישע ירושה וואָס איז לעבנס־ און קאַמפּס־פעיק מעג און מוז קעמפן פאַר איר אָרט אונטער דער זון."

ש. ניגער, דער פירער אין דער יידישיסטישער מחנה האָט — ווי זיין בוך „די צוויי־שפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור" באַווייזט — חלילה נישט מינימיזירט דעם ווערט פון העברעיש, ווי אַ פאַרקערפּערונג און אַ טרעגער פון יידישער קולטור. יידיש און העברעיש, לערנט ער מיט אונדז, זיינען אַ זיווג מן השמים, און דער בילינגוואַליזם האָט טיפע וואָרצלען אין אונדזער געשיכטע. נאָך אַ גרינטלעכער אויספאָרשונג פון דעם ענין צווייִשפּראַכיקייט ביי יידן און ביי אַנדערע פעלקער קומט ער דעריבער צו דער מסקנא אַז יידישקייט מיינט נישט די פאַרלייקענונג פון דער העברעישער קולטור־ירושה. „סיי יידיש, סיי העברעיש איז אונדז שטאַרק צו נוץ געקומען אין אונדזער לעבן און שטרעבן, אין אונדזער דענקען און געדענקען. מוזן די וואָס נעמען אָן די יידישע געשיכטע, די יידישע אַנטוויקלונג, אַזוי גאַנץ און פולשטענדיק ווי זי איז — אָננעמען און אָנערקענען אונדזערע ביידע שפּראַכן."

אויך איצט ווען די יינגערע דורות נוצן וויניק יידיש אין טאָג־טעגלעכן לעבן, האַלט דער יידישער קריטיקער, דאַרפן מיר זיך אָנשטרענגען מיט אַלע כוחות אָנצוהאַלטן יידיש, וואָרעם וואָס לענגער דער היגער יידישער קיבוץ וועט נוצן יידיש און פּראָדוצירן אין דער שפּראַך גייסטיקע אוצרות, אַלץ מער צידה לדרך וועט דער יונגער דור האָבן, און אַלץ גרעסער וועט זיין די ירושה וואָס מיר, די יידיש־יידן, וועלן איבערלאָזן פאַר די קומענדיקע דורות. אַחוץ דעם וואָלט דאָס יידישע לעבן אָן יידיש — געוואָרן אַזוי אָרעם, אַזוי אַנעמיש, אַזוי אינהאַלטסלאָז, אַז יידן וואָלטן אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלקס־קאָלעקטיוו און וואָלטן דאָ געוואָרן אַ רעליגיעזע סעקטע, בלויז מיט רעליגיעזע טעמפּלען און טעאָלאָגישע סעמינאַרן. אָבער פאַרוואָס איז עס מעגלעך געווען אויפצוהאַלטן אַ יידיש לעבן און קולטור אין שפּאַניע, אָן אַן אייגענער פאָלקס־שפּראַך? — פרעגט ניגער. ווייל אין יענער צייט האָט די רעליגיע אָנגעפילט דאָס גאַנצע לעבן מיט אַ רעליגיעזן אינהאַלט, בעת איצט איז רעליגיע אפילו ביי די רעליגיעזע אַמעריקאַנער יידן נאָר אַ קליינער טייל פון זייער לעבן און „אויב מיר יידן אין אַמעריקע זיינען אַ פאָלק איז עס... [ווייל] די יידישקייט פון אַמעריקאַנער יידן דריקט זיך אויס אין אַנדערע פאָרמען, באַציונגען, באַדערפענישן און אינסטיטוציעס, אַחוץ די ריין־רעליגיעזע... און אָט דאָס צוזאַמענלעבן אונדזערס, פּונקט אַזוי ווי אונדזער ירושה, קאָן אין קיין שפּראַך נישט אויסגעדריקט ווערן אַזוי נאַטירלעך... ווי אין יידיש".

אָבער הגם דער קריטיקער האַלט אַז דער קיום פון יידיש איז פון קאַרדינאַלן באַטייט פאַר אַ קרעאַטיווער יידישער עקזיסטענץ, פאַרלייקנט ער נישט די וויכ־

טיקע נאַציאָנאַליזירנדיקע ראָלע וואָס עס קען שפּילן אויך די אַמעריקאַנער יידישע אינטעליגענץ וואָס נוצט ענגליש ווי איר מעדיום פון שאַפן — ד"ה יענע אינטעלעקטועלן וואָס האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציונג צום יידישן לעבן און וואָס זיינען ערנסט באַשעפטיקט מיט יידישע פּראָבלעמען און ווערטן. די היסטאָרישע דערפאַרונג פון די לעצטע דורות דעמאָנסטרירט, לויט ניגערן, אַז אין יענע לענדער וווּ יידן האָבן אין משך פון אַ לענגערער צייט געשאַפן אויף יידיש און העברעיש, קענען יידן אינטעלעקטואַלן וואָס שאַפן אויף דער לאַנד־שפּראַך אויך זיין — ביז אַ געוויסן גראַד — יידיש־קרעאַטיוו. אָט די לעקציע וואָס מיר האָבן געלערנט אין מזרח־אייראָפּע, מיינט ער, איז אויך גילטיק פאַר אַמעריקע.

מיר קענען דעריבער סומירן אַז ניגערס יידישער הומאַניזם באַשטייט פון פיר גרונט־קאָמפּאָנענטן: וועלטלעכקייט, יידישע באַזונדערקייט, פּלוראַליזם און בילינגוואַליזם. אָט דער יידישער אני־מאמין געפינט זיין אויסדרוק, און איז שטאַרק פאַרבונדן, מיט זיין עסטעטישער פילאָסאָפיע און מיט זיין קרעדאָ ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער.

## .3

אפילו ווען מיר זאָלן אָננעמען אַז די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, וואָס וואָרצלט אין יידיש־היסטאָרישן באַוווסטזיין, און אין דער ספּעציפישער סאָציאַל־קולטורעלער מיליע פון מזרח־אייראָפּע, איז פון דעסטוועגן אין תוך אַ נאָרמאַלע ליטעראַטור; אפילו ווען מיר האַלטן אַזוי, מוז מען אויך מודה זיין אַז אויב די וועלטלעכע ליטעראַטור פון אונדזער פאָלק שפּיגלט טאַקע באמת אָפּ די יידישע נאַציאָנאַלע נשמה, דעמאָלט מוז זי רעפלעקטירן דעם אומגעוויינלעכן גורל, דעם טראַגישן קיום, און דעם עטאָס פון אָט דעם איינציק־אַרטיקן קאָלעקטיוו. ס'איז נישט נייטיק צוצושרייבן דער יידישער ליטעראַטור אַ ספּעציעלע, באַזונדערע מיסיע, כדי איינצוזען אַז אויב זי איז טאַקע דער ברענפּונקט פון דער יידישער נשמה, דעמאָלט דאַרף זי אַרויסשטראַלן דאָס ליכט פון דורות, און זי דאַרף פאַר אונדז אַנטפּלעקן די יידיש־נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט אין די ספּעציפישע אַקצענטן וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן גורל, און פאַר דער יידישער קולטור. עס איז דאָך אַקסיאָמאַטיש אַז די אויסערגעוויינלעכע יידישע עקזיסטענץ האָט איבערגעלאָזט אַ פּערמאַנענטן חותם אויפן יידישן כאַראַקטער און האָט געבוירן אַ ספּעציפיש־יידישן עטאָס! אָבער וואָס זיינען טאַקע די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון יידישן גייסט און אין וואָס באַשטייען זיינע אייגנטימלעכע ווערטן?

וועגן פינף זיילן פון דער יידישער ליטעראַטור — וועגן מענדעלע מוכר־ספרים, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, לייוויק און שלום אַש — האָט ניגער געדרוקט מאָנאָגראַפיעס. יעדער פון זיי, האָט דער קריטיקער באַוויזן, שפּיגלט אָפּ אַן אַספּעקט פון יידישן זיין ווי־זאַ־ווי זיך אַליין און דער וועלט; יעדער פון די פינף שריפטשטעלער פאַרקערפּערט אין זיינע ווערק איין פלאַך פון יידישן עטאָס. אַזוי האָט מענדעלע דער ערשטער קינסטלער אין דער יידיש־ליטעראַטור געפּרוּווט קאָמבינירן בעלעטריסטיק, טראַדיציע און יידישע געשיכטע, בעת שלום־עליכם האָט דורך הומאָר אונדז פאַרבונדן מיט דער קעגנוואַרט און קאָנקרעטיזירט דעם יידנס מענטשלעכקייט, זיין בטחון, זיין „געלעכטער דורך טרערן". ביידע, מענדעלע און שלום־עליכם, זיינען געווען רעאַליסטן וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון כלל, אָדער זיי האָבן אונדז געגעבן יידישע טיפּן.

פון דער אַנדערער זייט, איז פּרץ, דער ראָמאַנטיקער, געווען דער ערשטער וואָס האָט אונדז געגעבן דעם יחיד, די יידישע פּערזענלעכקייט, הגם זיינע פּערסאָנאַזשן שטאַמען פון אַ באַשטימטער סביבה, שטייען זיי איבער איר, וואָרעם פּרץ האָט אַנטדעקט דאָס אייביקע אין דער יידישער דערפאַרונג און דאָס אוניווערסאַלע אין דער יידישער באַזונדערקייט. דער הויפּט מקור פון שלום אַשס קרעאַטיוויקייט איז, לויט ניגערן — דער יידישער קידוש־השם און די אידילישע דערהויבנקייט. שבת־יום־טובדיקייט, דערלייזונג, די פיינפולע סודות פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ,

דעם יחידס טראַגישע צעשפּאָלטנקייט און דילעמעס — אָט דאָס זײַנען די הויפּט־מאָטיוון אין לייוויקס פּאָעזיע. ער איז דער דיכטער פון אונדזער געוויסן וואָס קען נישט אַקצעפּטירן דעם געדאַנק, אַז אונדזערע לײַדן — קערפּערלעכע און גייסטיקע — זײַנען אַן אַבסורד; שטרעבט ער דערפאַר צו באַזיגן דורך זײַנע לידער די מענטשלעכע יסורים.

אין הסכם מיט זײַן יידישער וועלט־אַנשויונג איז דער יידישער קריטיקער צוגעגאַנגען צו ליטעראַטור אי סאָציאָלאָגיש, אי עסטעטיש. ער איז געווען אונטער דער השפּעה פון סאַן־בעוון — וואָס האָט פּרובירט „אַלץ פאַרשטיין" און פון היפּאָליט טען מיט זײַן סביבה־קריטעריע. און בעת ניגער האָט נישט איגנאָרירט די פּראָבלעמען פון סטיל, פאָרם און ריטם, איז זײַן הויפּט־אינטערעס ביים אַנאַליזירן אַ ליטעראַריש ווערק געלעגן אין די אידעען וואָס דער שרײַבער רוקט אַרויס, אין אינהאַלט, אין וואָרצלדיקייט, אין פּאַרנעם. ער וואָלט זיך וואַרשײַנלעך אונטערגעשריבן אונטער ט. ס. עליאָטס זאָג, אַז די הויפּט־פונקציע פון קריטיק איז „צו העלפן פאַרשטיין און הנאה האָבן פון ליטעראַטור"; אָבער ער האָט נישט געהאַלטן פון ענגלישן פּאָעטס מיינונג אַז דער קינסטלער איז אָפט דער קאָמפּעטענטסטער קריטיקער. דער דיכטער — מיינט דער יידישער קריטיקער — קען נישט זײַן אַן אָביעקטיווער קריטיקער. ער קען זײַן ווערסאַטיל און אַלזײַטיק. אָבער ער קען בלויז זײַן אָביעקטיוו אין שייכות צום רוי־מאַטעריאַל וואָס ער אַליין נוצט אין זײַן שאַפן.

דער דיכטער איז צו שטאַרק פּאַרטייִש און צו שטאַרק פאַרנומען מיט זײַן אייגענער סענסיביליטעט, מיט זײַן עסטעטישער טעאָריע, מיט זײַן קרעאַטיוון מעטאָד און סטיל צו קענען אויפנעמען אַנדערע מעטאָדן און אַנדערע צילן. שמואל ניגער דערקלערט ווײַטער, אין זײַן קעמפערישן און גוט־אויפגעבויטן בוך „קריטיק און קריטיקער", (בוענאָס איירעס, 1959) אַז דער קריטיקער מוז זײַן געדולדיק, אַלזײַטיק, בויגזאַם, פעיק אויפצונעמען יעדע מדרגה און יעדער מין שעפערישקייט.

ש. ניגער, וואָס איז געוויינטלעך אײַנגעהאַלטן, מיושבדיק, אַנאַליטיש, גייט אַריבער אין שאַרפן סאַרקאַזם ווען ער באַקעמפט יענע וואָס ווילן נישט אַנערקענען די קרעאַטיווע ראָלע פון קריטיקער. ווען איינער, פרעגט ער, „זאָגט עפּעס אין גראַמען, וואָס אַנדערע האָבן שוין פריער אַ סך מאָל געזאָגט — איז עס שעפעריש; אָבער דער וואָס צינדט אָן אין דער טונקלקייט פון אַ ווערק זײַן אייגן ליכט... דער וואָס שפּינט געדאַנקען־פעדים, פאַרוועבט זיי און פאַרוואַרפט זיי ווי נעצן אין די טיפענישן פון אַ גרויסן גייסט, און ציט פון דאָרט אַרויס אַ לעבן, אַ פערזענלעכקייט, אַ וועלט אַ גאַנצע, דער ווערט מיט אַ מאָל אַ פּאַראַזיט, אַ גאָרנישט, אַן איבעריק באַשעפעניש. ניין, ער איז ניט איבעריק, מען דאַרף אים פאַר אַ שעיר לעזאזל."

און ציטירנדיק ווי אונטערשטיצער פון זײַן שטאַנדפּונקט — אַז פּאָעטן קענען נישט זײַן אָביעקטיווע קריטיקער — זשאָרזש זאַנד, ראָמען ראָלאַן און ווירדזשיניאַ וואולף, טענהט ער אַז דער האַלבקינסטלער וואָס זיצט אין דעם קריטיקער, קאָן אַמאָל ווערן אַ גאַנצער קינסטלער און זײַן קריטיק — קונסט.

וואָרעם פּונקט ווי די ליטעראַטור — מיינט ניגער — איז נישט נאָר „קריטיק פון לעבן" נאָר אויך קריטיק פון ליטעראַטור — ווי עס באַשטעטיקן די פאַרשיידענע דיאַלאָגן וועגן ליטעראַטור און קונסט וואָס מיר געפינען אין די ווערק פון פּלאַטאָן ביז אָסקאַר ווײַלד; פּונקט אַזוי קאָן קריטיק זײַן דיכטונג. ווי מוסטערן פון אַזאַ מין קריטיק ווײַזט ניגער אָן אויף הײַנעס עסיי וועגן דאָן קיכאָט; זאָלאַס אַרטיקל וועגן באַלזאַק און קאָולרידזשעס „ביאָגראַפיאַ ליטעראַריאַ."

ס'איז אָבער מאָדנע, ווי דער פּאָלעמיזירנדיקער קריטיקער האָט פאַרזען אַז די עדות וואָס ער ברענגט צו באַשטעטיקן זײַן טעזיס, וואַרפן אים פאַקטיש אָפּ, וואָרעם יעדער איינער פון זיי איז דאָך אַ קינסטלער — אַ דיכטער, אָדער נאָוועליסט — און דאָך האָט ער פּראָדוצירט ערשט־קלאַסיקע קריטיק!

זײַן קריטישן מעטאָד האָט ניגער באַצייכנט: „אימאַנענטע קריטיק", ר.ה. אַ

קריטיק וואָס זוכט די קריטעריע פון קונסט־ווערק אין אים גופא, נישט אין צוגעשניטענע פון פריער עסטעטישע טעאָריעס וואָס דאַרפן אַלע מאָל און פאַר אַלע שאַפונגען זיין גילטיק: „אמתע קריטיק קען געבויט זיין נאָר אויף אַ ברייטער און אַלזייטיקער אויפנעמונגס־פעיקייט... קריטיק ווייסט נישט פון גייסטיקער „מאָנאָגאַמיע". זי איז שטענדיק גרייט זיך צו פאַרליבן. זי איז אָפן פאַר אַלע שולן, אַלע עפּאָכעס, אַלע ריכטונגען און אַלע סטילן אין דער קונסט." זיין אידעאַל פאַר קינסטלערישער קריטיק איז נישט צו מעסטן דעם שרייבערס ווערק מיט באַשטימטע עסטעטיש־פילאָסאָפישע פאָרמולעס. נאָר אויסצוגעפינען וואָס דער קינסטלער האָט אויפגעטאָן מיטן רוישטאָף פון זיין ווערק.

.4

יעדער וואָס איז באַקאַנט מיט ניגערס געדאַנקען־גאַנג ווייסט אַז דער גרויסער קריטיקער האָט ליב געהאַט צו סינטעזירן עקסטרעמען, צו האַרמאָניזירן כלומרשטע היפוכים: ער איז געווען אַ ראַציאָנאַליסט וואָס האָט זיך פּאָזיטיוו באַצויגן צום וואָגיקן צו שטייער וואָס חסידות האָט בייגעטראָגן צו יידישער שעפערישקייט. זיין גלות־נאַציאָנאַליזם האָט אים נישט געשטערט צו אנערקענען דעם ספּעציעלן פּלאַץ וואָס ארץ־ישראל — און שפּעטער מדינת ישראל — האָט פאַרנומען אין יידישן פאָלק; ער איז געווען אַ יידישיסט וואָס האָט געהאַלטן אַז בילינגוואַליזם — יידיש און העברעיש — איז דער יידישער וועג; ווי אַ פאָלקיסט האָט ער פון דעסטוועגן געוווסט אַז נישט די פאַלשע נביאים זיינען פאַרשטיינט געוואָרן פון פאָלק; ער איז געווען אַ מאָדערניסט וואָס האָט געוואָרצלט אין דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע. זיין נייגונג צום „מיטעלן וועג" האָט נישט באַטייט אַז ער גייט מיטן שטראָם; אַז ער איז קאָנווענציאָנעל; פונקט פאַרקערט: ער איז געווען אומאָפּהענגיק, נאָן־קאָנפאָרמיסטיש, אַן אָפּנייגער אפילו אין זיין אייגענעם קרייז.

אַזוי למשל קעמפט ער פאַר יידיש און גלייכצייטיק וואָרנט ער קעגן שפּראַכיזם, ד"ה קעגן דעם גלויבן אַז שפּראַך קען ווערן דער יסוד פון פאָלקס־אייגנאַרטיקן קיום; וואָרעם „ווערטער וואָס זיינען נישט געוואָרן קיין שליסל צו ווערטן זיינען גאָרנישט ווערט, און דער קולט פון אַ שפּראַך אָן איר קולטור איז בלויז אַ וואָרט־פעטישיזם"; פונקט אַזוי אין פאַל פון שלום אַש. ווען דער באַרימטער נאָוועליסט ווערט פון אַלעמען קריטיקירט פאַר זיינע קריסטאָלאָגישע נאָוועלן, בלייבט ניגער זיין לאָיאַלער פאַרטיידיקער, נישט צוליב דעם קינסטלערישן אויפטו פון אַשן, נאָר בלויז דערפאַר וואָס דער קריטיקער פּראַקטיצירט דאָ זיין עסטעטישן קרעדאָ, אַז אַ שרייבער דאַרף, ווי אַ קאָלומבוס, אויספאָרשן נייע רעגיאָנען און אַנטדעקן נייע וועלטן, אַז אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט איז געוויינטלעך ניט יענער וואָס דריקט אויס דעם צייטגייסט, נאָר דער וואָס גייט זיין אייגענעם וועג. ש. ניגער אונטערשיידט צווישן אַשס באַוווסטזיניקן ציל און באַמיונג צו שאַפן, פון איין זייט, אַ דערנעענטערונג צווישן יידנטום און קריסטנטום, און, פון דער אַנדערער זייט, זיין רעכט ווי אַ קינסטלער אויסצוקלייבן יעדע טעמע וואָס פאַרכאַפּט אים. דער קריטיקער האַלט אויך אַז אַשן איז נישט געלונגען זיין הויפּט־כאַראַקטער אין „דער מאַן פון נצרת", אָבער ער באַשטייט דערויף אַז צוליב דעם טאָר מען פון דעסטוועגן נישט באַגרענעצן זיין פרייהייט אויסצוקלייבן יענע העלדן וואָס באַפרוכפּערן זיין פאַנטאַזיע.

געטריי צו זיין יידישן הומאַניזם און פּלוראַליזם, האָט ניגער פאַרטיידיקט דעם טעזיס אַז ס'איז ניט פאַראַן קיין אונטערשייד צווישן יידישער און נישט־יידישער עטיק און עסטעטיק; נישטאָ קיין נאַציאָנאַלער מאָנאָפּאָל אויף גערעכטיקייט, אָדער שיינקייט. עס זיינען געווען גרויסע יידן ווי די בעלי תהילים, רבי נחמן בראַצלאַווער, און אַ סך אַנדערע צו וועמען גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט דורך שיינקייט און קונסט, בעת געוויסע גויים, ווי למשל טאָלסטאָי, האָבן געשטרעבט אָפּצוטיילן קונסט פון רעליגיע. „איז מעגלעך", פרעגט ער, „אַז אַ פאָלק וואָס צייכנט זיך אַזוי אויס מיט זיין גייסטיקייט, זאָל פון

איך אויסשליסן דעם טייל, וואָס הייסט קינסטלעריש שאַפן, און קינסטלעריש־געניסן?" ניין, עס איז נישטאָ קיין ריס צווישן די צוויי חושים — דעם עסטעטישן און עטישן; אמתע קינסטלערישע שעפערישקייט, אַפירמירט ער, איז יראת־הכבוד פאַר גאָט און מענטש.

אין איצטיקן אינטעלעקטועלן קלימאַט — פון נעכטיקע ראַדיקאַלן און היינטיקע נעאָ־קאָנסערוואַטיוון און „בעל־תשובהס", איז עס נישט קיין אָפטע דערשיינונג צו הערן פון אַ יידישן קומיסט — און איבערצייגנדיק צו באַווייזן — אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע יידישע וויזיע, און מען קען דעריבער נישט האָבן קיין באַזונדער „יידישן וועג", ווי אַ מאָסשטאַב פון ליטעראַרישער קריטיק. עס זייַנען דאָ, טענהט ניגער, און מיר דוכט זיך אַז דער אמת איז אינגאַנצן מיט אים, פאַרשידענע יידישע וויזיעס — בלשון רבים — און וועגן פאַר פאַרשידענע גרופּעס און יחידים אין יידישן כלל, וואָס גיבן פאַרשיזנאַרטיקע ענטפערס אויף די צענטראַלע פּראָבלעמען פון מענטשלעכער און יידישער עקזיסטענץ. נאָך מער: דער קרעאַטיווער יחיד וואָס פאַרקערפּערט זיין פאָלקס און זיין דורס איבערלעבונג, איז נישט דער טרעגער פון אַ שטענדיקער, פאַרטיקער טראַדיציע: „דער גרויסער מענטש איז אַ שעפערישער באַגעמער, נישט סתם אַזוי אַ נעמער. וואָס מער ער ירשנט פון פריערדיקע דורות פון פאָלק, אַלץ גערעסער איז די ירושה וואָס ער לאָזט איבער זיין פאָלק, דער מענטשהייט. וואָס מער ער איז אַ נעמער, אַלץ מער געבער איז ער.

„מען קען נישט באַטראַכטן דאָס פאָלק ווי זעם שופט איבער ליטעראַטור און קריטיק; זער כלל איז סיי אין לעבן, סיי אין פונקט פון שעפערישקייט אַ ניוועלירער; זיין קריטעריע איז דער דורכשניט, בעת דעם קינסטלערס הויפּט־אייגנשאַפט איז אָריגינאַליטעט: „די ליטעראַטור, און ממילא אויך איר קריטיק גייט פאָרויס — אויב נישט ווי אַ וועגווייזער, איז ווי אַ וועגזוכער פאַרן פאָלק."

מיינט דאָס אַז ניגערס פּסק־דין וועגן שרייבער און זייער ווערק איז אומאָפּ־פרעגלעך? ניין! וואָרעם נישט געקוקט אויפן קריטיקערס סובטילן און מאָדערניסטישן צוגאַנג צו ליטעראַטור און קונסט; נישט געקוקט אויף זיין עמפּאַטיע צו יעדן טאַלענטירטן שעפערישן מענטש, איז ער פון דעסטוועגן געווען צו שטאַרק באַווירקט פון דער רוסישער אינטעלעקטועלער טראַדיציע, ווו ליטעראַטור איז געווען אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן אידעען, און צו באַהאַנדלען פּראָבלעמען, אַז ער זאָל זיך גרינטלעך אָפּגעבן מיט פאָרם, מיט ריטם, מיט מוזיקאַלישקייט אין פּאָעזיע — הגם ער האָט די אַלע אייגנשאַפטן נישט פאַרזען. אפשר דערפאַר האָט ער אונטערגעשאַצט אַ ריי דיכטער פון די „יונגע", און אינזיכיסטן, און מינימיזירט זייער גרויסן צושטייער צו דער אויסברייטערונג פון די האָריזאָנטן, צו דער באַרייכערונג און ניואַנסירונג פון דער שפּראַך אין דער יידישער פּאָעזיע. וואָרעם נישט געקוקט אויף זיין קאָנצעפּציע פון „אימאַנענטער קריטיק", איז ער נישט צוגעקומען צום האַרץ פון אַזעלכע אָריגינעלע דיכטער ווי מאַני־לייב, זישע לאַנדוי, משה לייב האַלפּערן, אהרן גלאַנץ־לעיעלעס.

* * * * *

ביז דער לעצטער מינוט פון זיין פּראָדוקטיוו לעבן האָט ניגער נישט אויפגעהערט צו רעאַגירן אויף יעדן באַטייטיקן יידישן דיכטער, פּראָזאַיקער, עסייאיסט, דענקער — און אויף יעדר פאַזע פון יידישן קולטור־לעבן. ער האָט מיט ערודיציע, מיט שכל־הישר, מיט אָריגינאַליטעט, אין אַ רייכן, ראַפינירטן יידישן לשון, אונדז געוויזן די ווערטפולקייט, די שיינקייט, דעם נאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן באַטייט פון דער יידישער ליטעראַטור. דער קריטיקער הומאַניסט, דער אינטערפּרעטירער פון יידישער שעפערישקייט, אין זער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט געלאָזט אַ רייכע ירושה פאַר די היינטיקע און קומענדיקע יידישע דורות.

שלמה שוואַרץ / שיקאַגאָ

# לידער

## טאָפּלטע שפּיגלען

מיר האָבן זיך ווידער און נאָכאַמאָל
איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט
מיט ווייטיק און מעלאַנכאָליע.
די מאַגיע און די טיפקייט
פון יענעם גרויסן זאַל
פון טאָפּלטע שפּיגלען

זיך דערקענט
אין די אַלע רגעס
און פּאָזעס
פון שווייגן
וו צייט איז שוין מער ניטאָ...

מילדער אַנגסט
האָט אונדזביידן
אַרומגעכאַפּט
מיט דער וועלט פון אַמאָל
אין פאָרפאָרנעם אויפבלי
פון פאַראַבאָלן
געשוינט דעם חשבון
אין גרונטאָוונע ציפערן —
דיין אויסגעבויגענער
האַנט געלענק
איז געווען דער ריכטער.

וואָלט איך כאָטש פאַרמאָגט
גאָטס גענאָד פון רחמנות
וואָלסטו נישט געווישט דיינע אויגן
מיט דעם פּאַפּירענעם האַנטוך
און איך וואָלט ווי אַן אורח
די פאַרשעמטקייט דיינע
געבענטשט — — —

1986—שיקאַגאָ

## הונגער

צום ווייפלטן מאָל מיט אַ לאַנגן מעסער
האָב איך דיך געשניטן,
פאַרגוואַלדיקט
צוליבן הונגער, פאַרטיליקט
ברויט, דו, מיינער
פון מיין לעבן??

עפּעס שרעקלעכס האָט געטראָפן:
גערִיסן שטיקער
פון דיין ווייכקייט;
און כאָטש דער מעסער
איז געווען
ווי מיינע פינגער

דער הונגער שלעפּט
דיך
צו שטאַרבן
אויף מיין גומען...
זיין גורל
איז
אומצוקומען —
ווען דער מעסער
מעסט
מיט זיין קאַלטן בליק
די זעטיקייט
פון צעבאַקענעם מאָגן.

דער אַכזר, דער הונגער,
דער האַר
פון מיין שטיקל לעבן
טיילט מיך
געשניטענע און צעריסענע
פענעצלעך
פון דיין וואַרעמקייט
צווישן די ציינער...

1986—שיקאַגאָ

## אַ הויפן מטבעות

דער ווייסער בוים
שטייט טאָג־טעגלעך
און צירט זיך מיט זון
ווי דער אַלטער גאַס־סוחר
מיט אַ הויפן אַלטוואַרג:
שטויב, שיכלעך און שנורעוואַדלעס
און בלייערס און פענדלעך,
פֿאַרלויבטע צעבראָקטקייט.
דער בוים,
דאָס טייערסטע פֿאַרמאָג:
אומרו פון ווינטן,
מיט צווייגן
קאַנדעליאַברעס
אויף זילבערנע אַקאַנטן.

אַ קעסטעלע, פֿאַרמאָגט דער גאַסן־סוחר
וואָס שלינגט
צעברעקלטע קאָלירן
און טומלענדיקע פֿאַרנאַכטן.
דער בוים,
אַן אָרקעסטער פון זוניקע בלעטער
און גאָלדענע סטרונעס
און טאַנצנדיקע דעלפינען
פון פֿאַרבלאָנדזשעטע טייכן.

נאָר היינט
צווישן זיי ביידע
ראַנגלט זיך
דער האַרבסטיקער געלער פייער
מיטן קופערנעם שפּעטער.

שיקאַגאָ—1986

## די אויפגעהאָנגענע שטאָט

די שטאָט צעוואַקסן הויך און העכער.
ווי אַ געהאָנגענער
נאָנטער צו גאָט
מיט וואָלקנדיקע סילועטן.
די הויכקייט, אומזיכער און שטאַר.

אויף די ווענט
זיינען זיי פֿאַרטראַכטע, אָן האָר,
מיט אַ זוניקן פֿאַרגאַנג,
מיט פֿלאַמיקע פייגל־געשטאַלטן,
מיט רויטע פֿליגלען,
פֿאַרשאָלטענע און פֿאַרלאָזענע.

די פֿאַרפלאָנצטע ביימער
מער און מער איינגעבויגן.
שאָטנס אַלערליי
ווערן שוואַרצער.

שטרענג איז דער משפּט
צעבראָכן און בלוטיק
געזילבערט מיט רעגן
ווינט און ווינטער.
דער זומער ווערט שטילער
מיט פייער־פידלען,
מיט געזאַנג און קולות.

די שטאָט וואַקסט
סכּנהדיק העכער, העכער.
דער הימל פול
מיט אויסטערלישע צייכנס.
צעזעגטע ביימער אין ווינטיקן
גסיסה־נעפּל

פֿאַלן קעגנאיבער
ווי אַלטע העלעפֿאַנטן
אָנגעשפּאַרטע
אין מיינע פענצטער...

שיקאַגאָ—1986

מאַרטין בירנבוים / ניו־יאָרק

# קברנים וואַרטן...

קברנים וואַרטן אויף מיין לשון
מיט פאַרשפּיצטע רידלען —
איך פאַרשטיין ניט
וואָס ס׳איז זייער אומגעדולדיקער געאייל?
און אפילו יענע, די גוט־מיינענדיקע,
וואָס שפּילן אויף נעקראָלאָגן־פידלען,
זייער סמיק, ניט־ווילנדיק,
ווערט אויך אין אונדזער לשון־גוף אַ פייל...

און מיר אַליין,
מיט אונדזערע אַגאָניעס און צווייפלען,
וויפל שטיקער רייסן מיר
פון אונדזער טראָציק־איינגעשפּאַרט
גענזאַנג?!
די חכמה פון די ווייסע האָר אויף שלייפן
איז ניט אַריינגעוועבט
אין יעדן פערז
פון אונדזער עלעגיש־ערלעכן געזאַנג...

די שאָטנס שרעקן! —
זיי שרעקן מ י ך,
די שוואַרצע וואָלקן־שלייערס
אויף דער לבנהס בלאַסן פּנים!
איך בין ניט אָבערגלויביק,
נאָר איך פלאַטער—
אַ דערשראָקן קינד...
ס׳האָט מיין באָבע אפשר
איינגעפלאַנצט אין מיר
דעם פחד פאַר די מיסטישע סימנים
און דאָס ליד פון שדים צו דערהערן
אין געיאָמער פון אַן אָסיענדיקן ווינט.

נאָר מיין כלי־זין
בלייבט אַלץ מיר
אין דער האַנט פאַרקלאַמערט,
און איך טרייב
די שוואַרצע שרעטן פון מיין שוועל,
כ׳בין אין מיין קינדערישן פחד
ניט קיין ציטערדידער שטאַמלער
און איך דערקען אין מיר
מיין איינגעוואָרצלטן בטחון
און איך געהאָרך זיין שטרעגן—
און דעם פליסטער אויך פון זיין באַפעל...

זינג איך,
מיט דעם לשון וואָס איז מיין נשמה,
מיט אַלע יידיש־זינגער
איינגעגלידערט אין דעם גרויסווערט
פון אונדזער איינגעשפּאַרטער יידיש־וועלט.
ס׳ליד
איז אַ כלי־זין אויך—
אויסגעפּרווט שוין לאַנג
אין ביטערע מילחמות...

ס׳איז ניט קיין שווערד,
נאָר שטראַלן־שאַרפן האָט עס טיף־געהיימע
און געוואָרן איז פון אים צעליכטיקט
ניט איין גרויער שאָטן,
און ניט איין שוואַרצער וואָלקן
געוואָרן איז פון אים צעהעלט.

בלומע לעמפעל / ניו־יאָרק

# פערעלע

פאַרוואָס פערעלע האָט גענומען דעם וועג וואָס זי האָט גענומען — איז ביי מיר פאַרבליבן אַ ניט געלייזט רעטעניש. אַלע מענטשן קומען אויף דער וועלט געבונדן צו די מאַמעס. טייל רייסן איבער דעם נופּלשנור מיטן ערשטן אויסגעשריי. אַנדערע מאַכן דעם קנופּ ענגער, בינדן זיך צו מיט לייב און לעבן אַזוי, אַז דער אינדיוויד ווערט אין גאַנצן אַבסאָרבירט.

אַזוי האָב איך געטראַכט שוין מיט יאָרן שפעטער, ווען נאָר פערעלע האָט אויפגעטויכט אין מיין זכרון. איך האָב געקענט פערעלען פון סאַמע ערשטן טאָג ווען זי איז געקומען קיין פאַריז. מיר האָבן דעמאָלט געוווינט אין דער אַרבעטער געגנט פון מאָנטרוי, אַ פאָרשטאָט פון פאַריז. מאָנטרוי האָט געהאַט אַ קאָמוניסטישן בירגערמייסטער, אַ קאָמוניסטישע אַדמיניסטראַציע. דאָ האָט זיך דער פאַריזער ש י ק ניט אָנגעזען. די באַפעלקערונג האָט זיך איינגעטיילט אין אַרבעטער און אַרבעטלאָזע. פערעלע איז געקומען מיט איר מוטער פון ענגלאַנד. איר פאָטער איז אומגעקומען אין אַ פייער וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דער פאַבריק ווו ער האָט געאַרבעט. ווען דאָס ביסל מוזמן וואָס זיי האָבן געקריגן פאַרגיטיקונג האָט זיך אויסגעשעפט, איז די אַלמנה מיט פערעלען געקומען קיין פאַריז, זיך אָנצושפאַרן לעבן איר עלטערן זון וועלכער האָט שטודירט אויף דער סאָרבאָנע און זיך אַליין אויסגעהאַלטן פון געבן לעקציעס צו סטודענטן פון נידריקערע קלאַסן.

פערעלע מיט איר מוטער זענען געוואָרן אונדזערע שכנים אויפן זעלבן שטאָק. אין די אָוונטן פלעגן זיי אַריינקומען זיך נאָכצופרעגן ביי מיין שזועגערין ווו מ'האַנדלט איין וואָס. זיי האָבן גערעדט יידיש געמישט מיט ענגליש. מיר האָבן אויפגעכאַפּט ווערטער וואָס האָבן פאַר אונדז געקלינגען קאָמיש, ווי למשל: „קיטשן" און „טשיקן", ניט וויסנדיק וועלכעס איז וואָס. אַזוי האָט מיין שוועגערין זיך נאָכגעפרעגט ביי דער ענגלישער ליידי, צי זי האָט שוין געקויפט אַ „קיטשן" אויף שבת? פערעלע האָט געקוקט דער מוטער אין מויל אַריין. האָט די מוטער געלאַכט, האָט זי מיטגעלאַכט. האָט די מוטער געוויינט, האָט פערעלע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אירע קאַשטאַנברוינע האָר פאַרדרייט ווי פלעשעלעך, האָבן קאָנספיראַטיוו פאַרהאָנגען איר פנים, אַזוי אַז מ'האָט נאָר געקענט זען ווי אירע אַקסל צוקן, און פאַרראָטן וואָס זי האָט געוואָלט פאַרשטעלן.

איין מאָל איז פערעלע מיט איר מוטער געגאַנגען זען אַנסקיס „דיבוק", וואָס אַ יידיש־אַמעריקאַנער טרופּע האָט אויפגעפירט. צו מאָרגנס זענען זיי געקומען אויסלאָדן זייער באַגייסטערונג, איבערדערציילן די מעשה נורא ווי לאהלע האָט נעבעך געליטן. דער אַלטער רבי האָט איר געפרוווט העלפן. ביים שיין פון שוואַרצע ליכט האָט ער באַשווירן דעם דיבוק ער זאָל פאַרלאָזן די בתולה: „דיבוק, דיבוק, גיי אַרויס!" האָט ער געקלאַפּט מיטן שטעקן. און וואָס האָט דער דיבוק געזאָגט? פרעגט מיין שוועגערין.

„דער דיבוק?" ענטפערט פערעלע, ווי זי וואָלט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון מרחקים. „דער דיבוק האָט געזאָגט: „נעווער"! איר קינדיש קול האָט שוין אין זיך געטראָגן דעם עקזאַלטירטן טאָן פון אַ מבשר אויף איר אייגענעם מאַרטירער וועג . . .

מיין שוועגערין האָט געזוכט און געפינען פאַר דער ענגלישער ליידי אַ שטעלע צו באַדינען אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט זיך אַליין ניט געקענט העלפן. קיין גרויסע שכירות האָט זי ניט געקריגן. עסן פאַר זיך און פאַר פערעלען איז געווען לרוב. זיי האָבן זיך אויך אַריבערגעצויגן צו דער קראַנקער אין דער דירה.

ווען די פרוי איז געשטאָרבן, זענען זיי ווידער פאַרבליבן אָן מיטלען צו לעבן. פערעלע האָט אויף אייגענער אַחריות פאַרלאָזט די שול און גענומען אויף זיך די לאַסט אויפצוהאַלטן איר מוטער. זי

איז שוין דעמאָלט געווען זעכצן יאָר אַלט. גייסטיק — אַ סך עלטער. און אפשר איז זי אַ קינד קיינמאָל ניט געווען. די שפּילן אין הויף האָבן זי קיין מאָל ניט אינטערעסירט. זי איז ליבערשט געגאַנגען מיט איר מוטער איינקויפן, געראַמט די צימערן, אויסגעגלעט די בעטן. זי האָט גערעדט מיט דער מוטערס רייד, נאָכגעמאַכט אירע תנועות. זי האָט זי אַפילו באַגלייט צום דאָקטער. זי האָט ליב געהאַט צוצולייגן איר אויער צו דער מוטערס פּלייצע און זיך איינהערן צו דעם זידן פון אירע לונגען, ווי זיי וואָלטן זיך געקאָכט אויף אַ הויכן פייער. דער עלטער ברודער, וואָס פלעגט שטיצן דער מאַמען האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ פראַנצויזיש מיידל. זי האָט אים אויסגעהאַלטן אויף דער מעדיצינישער פאַקולטעט. געלט פאַר דער מאַמען האָט ער ביי דעם מיידל ניט געקאָנט בעטן. דער עול איז געפאַלן אויף פערעלען.

פערעלע איז געקומען אַרבעטן אין דער זעלבער פאַבריק ווו איך און נאָך אַ צענדליק מיידלעך אין דער עלטער פון זעכצן ביז צוואַנציק זענען געווען באַשעפטיקט ביי סיליען פליטער אויף אָנגעצייכנטע אוזאָרן. די אַרבעט איז געווען אַ נודנע, אַ מאָנאָטאָנע. דעם קאָפּ צו דער אַרבעט האָט מען ניט געדאַרפט לייגן. האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט אויף די וועגן וווּהין די אַבסטראַקטע אוזאָרן האָטן אַזוי אונטערלוסטיק געפירט. זיי האָבן אונדז אַריינגעפירט אין די אָרעמס פון ניט געשטויגענע ליבהאָבער. געטאַנצט צו דער מוזיק פון נייע אויפגעקומענעם דזשעז, ביז עס איז געקומען די צייט אַ היים צו גיין.

דער אַרבעטס־לוין איז געווען אַ מינימאַלער. כמעט אַלע מיידלעך האָבן געאַרבעט אומלעגאַל, דאָס הייסט, אָן אַרבעטס־פּאַפּירן. דער פאַטראָן, כאָטש בטבע אַ פיינער מענטש, האָט דאָך אויסגענוצט די לאַגע מיטן אויסרייד, אַז ער מוז אונטערקויפן די אינספּעקטאָרן, וואָס פאַר לעגאַלע אַרבעטער וואָלט ער עס ניט געדאַרפט טאָן. פערעלע האָט געאַרבעט מיט מיר אין דער זעלבער אָפּטיילונג. מיר האָבן זי גערופן די קליינע. זי איז טאַקע געווען די קלענסטע, די יינגסטע, די שענסטע, די שטילסטע. איר איבערגעטריבענער שוויגן האָט פאַראַטן אַן אינטענסיוו אינערלעך לעבן. אַ מין פאַרהוילענע וועלט, וואָס האָט זי געהאַלטן אָפּגעזונדערט אין איר אייגענער פאַרצאַמונג.

ווען מיר, מיידלעך, האָבן פאַנטאַזירט אויפן קול, האָט פערעלע דעם קאָפּ פון דער אַרבעט ניט אויפגעהויבן. אירע דינע ווייסע פינגער האָבן געפּאָזעט גיך, מיט דער נאָדל אַרויס און אַריין. קיין אויפזיכט איבער דער אַרבעט איז ניט געווען. מיר האָבן געאַרבעט אויף שטיק. פאַר דעם וואָס די הענט האָבן פּראָדוצירט, פאַר דעם האָט מען געקריגן באַצאָלט.

דער פאַטראָן האָט זיך אַ פּאָר מאָל דורכשפּאַצירט איבער אונדזער אָפּטיילונג. זיין וואַסער־בויך האָט זיך קוים דורכגעשטופּט צווישן די שמאָלע, לאַנגע טישן. ער האָט גערעדט מיט אַ וואַרשעווער אַקצענט: יאַך, עך, און ענק, האָבן געקלונגען עקזאָטיש אין מיינע אויערן. „צ׳אָט געפינען די שער?״ „יאָ, מ׳האָטצע.״ „נו, גיט, אַבי צ׳אָטצע.״ זיין קיילעכדיק פּנים גלאַט ראַזירט, האָט אָפּגעשפּיגלט זיין זעלבסט־צופרידנקייט. ער האָט פאַר אַלעמען געהאַט אַ פיינדלעכן גוט מאָרגן. פאַר פערעלען האָבן די הענט גערעדט, ווייל דאָס מויל זיינס האָט געשוויגן. צום ערשט האָט ער צעשויבערט איר האָר. דערנאָך האָט ער אַ פיר געטאָן די האַנט איבער איר פּנים, און פאַרענדיקט די רוטינע מיט אַ פּעטשל איבער דער פּלייצע.

פערעלע האָט בעת מעשה די אויגן צו אים ניט אויפגעהויבן. ס׳האָט זיך געקענט דאַכטן אַז זי אַרבעט נאָך גיכער, ווי זי וואָלט וועלן אויסנעמען מיט איר פלייסיקייט. דאָס האָט אונדז פאַרדראָסן. ווי פרי מיר זענען געקומען צו דער אַרבעט, איז פערעלע שוין געזעסן אויף איר הויכער טאַבורעטקע אַריינגעטאָן אין די בלישטשנדיקע פליטער. געקומען איז זי די ערשטע, אַוועקגעגאַנגען איז זי די לעצטע.

מיר האָבן געוווּסט, אַז אונדזער פאַטראָן האַלט ביי אַ גט. דאָס בילד פון זיין פרוי

וואָס פלעגט שטיין אין ביוראָ אויפן שרייבטיש, איז מיט אַ מאָל פאַרשווּונדן. איר קול וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון איין עק פאַבריק צום צווייטן איז פּונקט אַזוי פּלוצים פאַרשטומט געוואָרן. „אַ שיינע ריינע כפרה", זענען מיר אַלע מסכּים געווען. ווער דאַרף אַזאַ אויסגעמאַליעוועטע יענטע, מיט אַ בוזעם העכער פאַר איר נאָז.

„זי האָט אים אויסגעשיט, ניט ער זי." רופט זיך אָן סאָלטשע, די אַליין אויסדערוויילטע פירזאָגערין פון אונדזער אָפּטיילונג.

„זאָל זי גיין אויף פרעמדע פיס." ענטפערט איר אַן אַנדערע.

„וועמען גייט עס אָן אויף וועמעס פיס זי גייט?" מיידלעך אַמפּערן זיך. יעדע מיט איר אייגענער השערה. נאָר פערעלע זיצט איינגעטאָן אין איר אַרבעט. פון צייט צו צייט שאַרצט זי אַוועק אירע לאַנגע ברוינע לאָקן. מיר דאַכט אַז איך זע אַ שינוי אין אירע עקספּרעסיווע אויגן, ווי זי וואָלט איבער נאַכט אַריבער פון מדרגה צו מדרגה. ס'קען זיין, אַז אַנדערע האָבן עס אויך באַמערקט, ווייל פּלוצים האָט סאָלטשע אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש: „אוי קינדער איך שטאַרב, איך חלש, איך האַלט עס ניט אויס. טוט נאָר אַ קוק, די קליינע טראָגט אַ פאַרלאָבונגס רינג."

ס'איז געוואָרן אַ גראַטשקע. ווער, וואָס, מיט וועמען? „פרעגט זי," שרייט סאָלטשע. „איר ווייסט דאָך וואָס שטיל וואַסער טוט? נו דאַרף מען זי אַ טרייסל טאָן, וועט דער סוד אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער."

„איר דאַרפט ניט טרייסלען," ענטפערט פערעלע און הייבט ניט אויף דעם קאָפּ פון דער אַרבעט. „פרעגט, וועל איך אייך זאָגן."

„אוי אַ בראָך איז מיר, זי גיט דאָך לשון. שוין ניט געהערט איר קול זינט נאַפּאָלעאָן איז אַריבער די עלבע. און אויב אַזוי פרעגן מיר טאַקע. מיר פרעגן ווער איז דער יאָלד וואָס באַגלייט זי אַהיים? מיר ווייסן אַז ביים טויער שטעלט מען זיך אָפּ. מ'קושט זיך אַזוי לאַנג ביז דער קאָנסיערזש עפנט דעם טויער."

„איר קענט אים." זאָגט פערעלע מיט אַ שטים קוים צו דערהערן. „ער איז אונדזער פאַטראָן."

ביי מיר זענען די פליטער פון האַנט אַוועקגעפלויגן. סאָלטשע האָט אַזאַ קלאַפּ געטאָן אין טיש, אַזש די שער איז אונטערגעשפּרונגען און איר שיער די אויגן אויסגעשטאָכן.

„ניט געפּאָקט, ניט געמאָזלט, און דעם פויגל אָפּגעשאָסן."

„זי האָט ניט געשאָסן. דער פויגל איז איר אַליין אין מויל אַריינגעקומען, שוין אַן אָפּגעבראָטענער."

פערעלע סיליעט די פליטער, גלייך ווי ניט זי מיינט מען. וואָס מער מ'האָט געפּאָרשט, אַלץ טיפער האָט זי געשוויגן. מיר האָבן געהאַלטן די אויערן אָנגעשפּיצט. די אויגן אָפן. מיר האָבן באַמערקט, אַז דער פאַטראָן וואָס פלעגט פריער אַ שויבער טאָן אירע האָר, שטעלט זיך איצט אויף די שפּיץ פינגער, צוצורירן די ליפּן, דאָרט וווּ פריער האָבן זיך זיינע פינגער געפּאָרעט. די עפנטלעכע דעמאָנסטראַציע האָט קלאָר באַוויזן, אַז יאָ, די קליינע פּערע איז אויף אַן אמת פאַרקנסט צו דעם פיר און פופציק יעריקן בעל־הבית.

איין שיינעם אָוונט האָב איך זי אָפּגעוואַרט. „איז עס אמת", האָב איך זי געפרעגט.

„אמת", האָט זי געענטפערט.

„און דיין מאַמעשי, האָט זי ניט דאַקעגן צום שידוך?"

„מיין מאַמעשי האָט דעם שידוך צושטאַנד געבראַכט."

„דו שפּאַסט?"

„ניין, איך שפּאַס נישט. מיין מאַמעשי איז געקומען מיך צונעמען פון דער אַרבעט. דער פאַטראָן האָט זיך גאָר פיין באַצויגן צו איר. האָט זי אים פאַרבעטן צום שבתדיקן מאָלצייט. ער איז געקומען. נאָכן עסן זיינען מיר אַלע דריי געגאַנגען אין סינעמאַ."

טאַקע זייער אינטערעסאַנט." זאָג איך מיט אָפענער איראָניע. „אָבער ווער וועט מיט אים שלאָפן, דו, צו דיין מאַמעשי?"

„חלילה!" דו ווייסט אַז מיין מאַמעשי איז קראַנק. זי דאַרף פלעגע די לונגען צו פאַרגיסן. איך האָב אים געזאָגט, אַז אָן דער מאַמעשי ריר איך זיך ניט פון אָרט.

„אַזוי האָסטו טאַקע געזאָגט?"

„ניין. איך האָב געזאָגט ביידע, אָדער גאָרנישט. ער האָט געענטפערט, איך נעם ביידע."

מילא זי, האָב איך געטראַכט, וואָס האָט ער אין איר געזען וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק צוגעצויגן? איר פּנים איז ניט באַשאַפן געוואָרן פאַר אַ פּאַסאַזשיר פון דאַמען־קליידער. אַזאַ פּנים האָט די נאַטור אויסגעפורעמט פאַר אַן על־גרעקאָ, זי צו דערבליקן אויף די גאַסן פון טאָלעדאָ, אָדער אין אַ גאָנדאָלע אין ווענעדיק. ער קוקט זי אָן ווי ער וואָלט זי דערקענט. זיין שפּיץ בערדל ציטערט. ער קוקט אויף אירע לאָקן, באַשפּרענקלט מיט לבנה פּליטער. דאָס מויל פאַרשלאָסן. דאָס פּנים בלייך. צוויי צעפּראַלטע הירשן־אויגן האַלטן זיין בליק. ער קליידט זי אָן אין אַ מאַנטילאַ פון ווייסן טיול און טראָגט איבער איר פּנים, דער עיקר אירע אויגן צו לעבן אויף דער קאַנווע אַזוי לאַנג ווי קונסט וועט לעבן, אַזוי לאַנג דאָס לעבן וועט לעבן...

* * *

נאָך פּערעלעס חתונה זענען געקומען נאָך אַנדערע חתונות. פריש געקומענע עמיגראַנטן־מיידלעך האָבן פאַרנומען די אויסגעוואַרעמטע טאַבורעטקעס. אויך איך בין אַוועק פון דער אַטעליע און פון מאָנטרוי. פּערזענלעכע פּראָבלעמען, ווי אויך אַלגעמיינע, האָבן פאַרטראָטן יוגנטלעכע אַספּיראַציעס. לעאָן בלום שטייט ביים רעדל. יידישע יונגע לייט שטעלן איין דאָס לעבן פאַר דעם שפּאַנישן בירגער־קריג. היטלער ברענט ביכער... ברענט מענטשן... לאַוואַל איז זיך משדך מיט מוסאָליניז... דער טייוול מיטן מלאך־המוות טאַנצן אויף דער חתונה... מוסאָליני מאַכט שותפות מיט היטלערן... יידן ברענען אין היטלערס גאַז־אויוונס. דאָס יאָר איז 1946 — אין בית אשר לא שם מת... און ווידער איז טאָג... און ווידער איז נאַכט... מענטשן איילן צוריקצושטעלן דעם ווי געווען. פּריה־ורביה איז דער לאָזונג פון טאָג... אַ נייער בראשית לויטן אַלטן נוסח.

ס'איז פרילינג. אויף די גרויסע בולוואַרן זעט מען דעם פּאַלוסט ניט אָן. אָפּגעטער פון אַלע מינים קוקן אַרויס פון די שויפענצטער. ווער עס בוקט זיך צום גאָלדענעם עגל און ווער עס שפּייט אויס. אַלע איילן, אייל איך אויך. איך אייל זיך צו טרעפן מיט דעם וואָס דאַרף פאַרטרעטן דאָס ליידיק געוואָרענע אָרט. ער וואַרט אויף מיר לעבן דעם קאַפע דע־לאַ־פּעי, דאָרט ווו די אַמעריקאַנער אָלרייטניקעס לאַנדן. איך דערקען אים פון ווייטן. זיין געקעסטלטע מאַרינאַרקע וואַרפט זיך אין די אויגן. לעבן אים שטייט אַ פרוי, אַ דינע, אַ קליינע. איך האַלט איין מיינע טריט. אפשר איז זי זיין ווייב? אַ געליבטע? איך קען דאָך אים אַזוי ווייניק. ער דערזעט מיך און פאָכעט מיט אַ צייטונג איבערן קאָפּ פון דער קליינער פרוי. זי נעמט עס אָן פאַר אַן אָפּזאָג, דרייט זי זיך אַוועק און דערנענטערט זיך צו אַן אַנדערן מאַן. איך קוק איר נאָך. איר גאַנג איז מיר קענטלעך, פאַרטשעפּעט עפּעס אין מיין זכרון, אַ בילד, אַ פּנים, פּערעלע. אויך זי דערקענט מיך, לאָזט זי שטיין דעם מאַן צו וועמען זי גערעדט און הייבט אָן לויפן אין דער פאַרקערטער ריכטונג אַוועק פון מיר. זי לויפט אָפּ אַ הונדערט טריט און פאַרשווינדט אין דער אָפענער טיר פון אַ ביליקן האָטעל.

„ווער איז געווען די פרוי צו וועמען דו האָסט גערעדט?" פרעג איך מיין פריינד.

„וואָס פאַראַ פרוי. דאָס איז געווען אַ גאַסן־מיידל."

„וואָס האָט זי געוואָלט פון דיר?"

„דאָס וואָס אַלע גאַסן־מיידלעך ווילן. זי האָט מיך פאַרבעטן זי צו באַגלייטן אין האָטעל אַריין."

איך האָב נאָך געוואָלט עפּעס פרעגן, נאָר די ווערטער זענען מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז. איך האָב זיך דערמאָנט אין אַ מעשה פון מזיקים וואָס דרינגען אַריין אין האַרץ פון אַ שעיר לעזאזל, צווינגען אים צו גיין קעגן שכל הישר, קעגן זיך אַליין.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי אַמאָליקע באַקאַנטע. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז איר מאַן, דער געוועזענער פּאַטראָן איז געשטאָרבן פון קאַנסער. ער האָט פאַרקרענקט זיין גאַנץ פאַרמעגן און זי איבערגעלאָזט מיט אַ צווילינג. ביינאַכט, ווען די קינדער שלאָפן, מאַכט זי דעם בולוואַר פון דער רעפּובליק ביז צו דער אָפּערע, און פון דער אָפּערע צוריק צום רעפּובליק...

**א. לוריא / ניו־יאָרק**

# לידער וועגן לידער

***

אַ ליד איז ניט ביים סוף אַ גראַם
מיט קורצע שורות קוים די העלפט,
אויך ניט דער בלענד און ווילער קלאַנג
וואָס צאַרטע אויערן געפעלט.

אַ ליד איז יענע גרויסע לייד
וואָס דריקט אין דיר פאַרשטומטערהייט,
און אָן אַ פּיפּס אין אָפּגרונט ברויזט
און פון פאַרשטיקטקייט וויל אַרויס.
ביסט אויסגענאָגט און ניט־דערוויינט,
און ס'איז די גאַנצע וועלט דיר ענג.

נאָר אָט לויפט דורך אין טיף אַ פונק,
ווי ס'וואָלט אַ פראַל געטאָן דער גרונט,
און אויסגעפיבערט, אויסגעקלאָרט
קלינגט־אויף פאַר דיר דאָס שטומע וואָרט.
און דיר פאַר דעם צו זיין דערהערט
דעם קאָפּ צו שענקען האָט די ווערט.

***

מיין פריינד, מיין פריינד, מיין האַרציק־ליבער,
וואָס לעבסט אין מיר אַן אויסגעקלערטער,
פאַר דיר אַ לעבן כ'האָב געקליבן
די קלאָרסטע וואָרהאַפטיקע ווערטער.

פאַר דיר אין שטומקייט זיי געטראָגן,
און אויסגעהיט זיי פון פאַרשוועכן,
איך ווייס, איך וועל זיי דיר ניט זאָגן,
ווייל מיר'ן קיין מאָל זיך ניט טרעפן.

וואָס מער זיי זינקען אין די טיפן,
אַלץ שטורעמט מער דאָרט אין דער נידער,
איך וואַרט, דאָס איז זאָל נעמען טריפן,
זיי זאָלן אויף אין ריינע לידער.

## דאַס וואָרט

אַזוי איז ער שטענדיק, דער אָנהייב פון טייכן:
פון עפּעס אַ קוואַל, אַ סטאַוו צי אַ זומפּ
ער רייסט זיך אַרויס, דערלאַנגט אַזאַ שפּרונג
און לאָזט זיך אַוועק אינעם וועג אין ניט־גלייכן.

און גאָרניט אין יאָגן פאַרצאַמען עס קען אים,
און גאָרניט זיין אימפּעט עס קען מער פאַרהאַלטן
און אַלץ ער אין האַסט מיט זיך טוט פאַרנעמען —
די ריטשקעס וואָס בלאָנדזשען אין באַלקעס און שפּאַלטן,
די שנייען וואָס שמעלצן, דעם אויסשלאַג פון באָדן.
און שפּרענקל צו שפּרענקל, און טראָפּן צו טראָפּן
אין מעכטיקן לויף אין דער ווייט נעמט ער טראָגן,
און קויט מיט זיך שלעפּט ער,
און בראָכשטיק און שטיינער
אין ברויזן, אין איילן ביים שלינגען די מיילן.
נאָר ווייטער אין שטראָמען פאַרהאַלט ער זיין יאָגן,
און איינגעצאַמט ווערט ער, לויטערער, ריינער,
און רויק און קלאָר אין דער טיף פון זיין בעקן
ער פליסט אַ געשטילטער צווישן די ברעגן.

אַזוי אויך דאָס ליד — דאָס וואָרט פון די תהומען
וואָס רייסט זיך אַרויס אין ברויזיקן שטראָמען,

דאָס וואָרט וואָס ווי לאַווע אין קראַטער
פאַרלאָשן,
שיסט־אויף אינעם אויסבראָך צו פורעמען
לשון.
און ווייל איז אַיענעם וואָס ס'איז אים
געגעבן
אַדורך מיט זיין וואָרט אין ריינקייט
דאָס לעבן.

## מיין ליד

כ'וואָלט וועלן מיין ליד ביזן ענד
אַזוי ניט־דערזאָגט זאָל פאַרבלייבן,
און טראָגן אין זיך עס פאַרקלעמט,
פאַרשאָטן אין שנייען פון שווייגן.

עס איז אינעם קלאַנג וואָס סע שטומט
פאַרבאָרגן דער זינען דער עכטער.
און אַלץ וואָס ס'פאַרפירט מיט דער צונג
דערציילן פאַרשוויגענע ווערטער.

אין אָפגרונט, אַליין, אומבאַפלעקט,
פאַר זייטיקן אויער פאַרשלאָסן,
צעבליט דאָרט דאָס וואָרט זיך אַנטפּלעקט
אין ערשטיקער ריינקייט פון לשון.

פון אונטער דעם שנייאיקן באַרג
שיסט־אויף אין צעגרינטקייט אַ צווייגל,
דאָס לויטערע וואָרט ווי אַ האַרף
קלינגט־אויף פון פאַרגליווערטן שווייגן.

***

איך האָב אַ לעבן אין זיך אַריינגעקוקט
ווי גלייך מען קוקט אין טיף פון ברונעם
און דאָרט דאָס וואָרט אין טונקלקייט געזוכט
וואָס האָט די ריינקייט די קלאָרע פון
בורשטינען.

און אַלץ וואָס אונטן ביים סאַמע דעק
עס ליגט
כ'האָב אין דער הייך פון דאָרט
אַרויפגעצויגן,
אַז ניט־פאַרשטעלט אין בלענדנדיקער ליכט
זאָל יעדער זען עס אָפן פאַר די אויגן

עס האָט מיר וויי געטאָן, וויי געטאָן
ביז בלוט.
כ'האָב אויפגעשניטן די פערצן מיינע ריפּן,
כ'האָב זיך דערט־אָבן צום לעבעדיקן גרונט
און צו דער לויטערקייט דער קלאָרער
זיך דערקליבן.

## אונדזער דאַנק

**דער יידישער קולטור-צענטראַלע** אין מעקסיקע און איר חשובן פאָרזיצער **פסח ליסקער** און עקזעקוטיוו־סעקרע־טאַר **יצחק שאַפּשיק** פאַר דער יערלע־כער ביישטייערונג פון 150 דאָלער לטובת דעם „חשבון״.

מיר שאַצן זייער דעם אָנשטרענג פון אונדזערע פריינד אין מעקסיקע און דאַנ־קען זיי חבריש.

פאַרוואַלטונג און רעדאַקציע
פון „חשבון״

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# אַ טאָג פון בזיונות

(דערציילונג)

## א.

יענעם פאַרטאָג האָט טודרוס מילגרוים זיך אויפגעכאַפּט אַ צערודערטער. דער הימל איז נאָך געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטער פינצטערניש. ס'איז געווען פאַר זון־אויפגאַנג, אָבער ס'ליכט פון דער וועלט איז נאָך געווען פאַרלאָשן. צוויי אומגליקן האָבן אים באַרויבט פון שלאָף. דער מבול, וואָס האָט ביינאַכט פאַרפלייצט טבריה און די דינסט, וואָס איז פון אים אַנטלאָפן. זינט ער איז געוואָרן אַן אַלמן, זיינען זיינע נעכט געווען קורצע. נאָך דריי שעה שלאָף איז דער גוף געווען אויסגערוט און די חושים וואַך. אָבער אין יענער נאַכט האָט ער כמעט קיין אויג נישט צוגעטאָן. ס'איז אים אַליין געווען אַ חידוש: ווי קען אַ מענטש אין זיין עלטער אויסקומען אָן אַן עוקץ שלאָף? פון ערגערניש האָט ער נישט געקענט איינליגן אַן איבעריקע רגע. ער איז אַראָפּ פון געלעגער און אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם געשטרייפטן כאַלאַט. ער האָט אַריינגעשטעקט די פיס אין די ווייכע לאַטשן. דאָס שלאָף־חדר איז געווען טונקל ווי אַ הייל. אָנשטאָט אָנצינדן די לאָמפּ, האָט ער אַוועקגעשאַרט דעם שווערן פאָרהאַנג. ער האָט קוים געעפנט אַ שפּאַלט פון דעם שמאָלן פענצטער, און אַזוי ווי נח פון דער תבה געוואָלט אַרויסקוקן צי די פאַרפלייצונג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

טודרוס מילגרוים האָט די שטאָט נישט דערקענט. טבריה איז געלעגן אַ דערטרונקענע. גאָט אַליין האָט די פענצטער פון הימל אויפגעפּראַלט, אַלע שליוזן האָבן זיך געעפנט און דער נידעריקער טייל שטאָט איז געוואָרן פאַרגאָסן ווי אַ שוימיקער טייך. די הייזער האָבן זיך געוויקט ווי אונטערגעשווענקטע. אויף דער וואַסער־אויבערפלאַך האָבן זיך געטראָגן אָפּגעבראָכענע לאָדנס, אַרויסגעריסענע טירן, צעפּאַלענע שינדל־דעכער ווי שפּענער. ווען האָבן די איינוווינער געוווסט פון אַזאַ אומגליק? טבריה האָט אויסגעהאַלטן ערד־ציטערנישן, זי איז איבערגעקומען מלחמות, אָבער די סכנה פון אַזאַ פאַרפלייצעניש האָט קיין מאָל נישט געלויערט אויף איר. אפילו די הילצערנע קלויז קעגנאיבער איז אַרומגעשווומען ווי אַן אָפּגעבונדן שיפל. אויס פחד, אַז גאָט שיקט אַראָפּ אַ צווייטן מבול אויף דער ערד, האָט ער גיך צוגעמאַכט דאָס פענצטער. זיינע ציטערדיקע ליפּן האָבן געמורמלט אומקלאָרע ווערטער, אַ געמיש פון צאָרן און געבעט. ער האָט באַדאַרפט אָפּגיסן נעגל־וואַסער, אָבער ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אין אַ ווייכן שטול ווי אין אַ היסב־בעט און די וואַכע מחשבות האָבן פלוצים אָנגעהויבן אַראָפּזינקען ווי אין אַ ברונעם. אין דער טונקלקייט האָט דער אויסגערוטער גוף דערשפּירט אַ שווערע מידקייט, וואָס ציט אַראָפּ אין אַן אויסהוילעניש. אָבער דער אימפּעט, וואָס גיט טודרוסן יעדן פרימאָרגן כוח אייצולייגן וועלטן, האָט נישט געלאָזט די מחשבות איינדרימלען.

טודרוס מילגרוים האָט אַריבערגעשפּאַנט זיבעציק יאָר, אָבער די עלטער האָט אים נישט געקענט באַצווינגען. ער איז געווען געוויקסיק, מיט אַ קאָפּ העכער פון זיינע צוויי זין. ער האָט געהאַט אַ פּאָר אויסגעזעגטע פּלייצעס, לאַנגע אָרעמס, זיין געדיכטע געלב־גרויע באָרד איז געווען צוגעשוידן פּירקאַנטיק און די געקרייזלטע האָר ביז צום נאַקן האָבן אויף אים אָנגעטאָן די גבורה פון איינעם, וואָס קען אי בייקומען מענטשן און אי זיך ראַנגלען מיט חיות.

ער איז געווען אַ בעל־נכסים, פאַרמאָגט הייזער, באָדן. די אַראַבישע לאַנד־באַזיצערס האָבן אים געוואָלט פאַרקויפן זייערע שטחים באָדן, זייערע פּרדסים און

וויינגאָרטנס. אָבער ער האָט נישט געהאַט געוואָלט נאַשן ביי מיר. ווען קיינער האָט בדעה צו זאַמלען פאַרמעגנס פאַר יענער וועלט. ער האָט געהאַט געגוג פאַר זיינע קינדס־קינדער. מעקלערס האָבן אָפּגעשלאָגן די טירן, אָבער ער האָט זיי געטריבן ווי זלידנע פליגן. ער האָט חתונה געמאַכט די בנים און זיי געמאַכט פאַר סוחרים. נאָך זיין ווייבס טויט האָט די תאווה צום לעבן, די פאַרשפּעטיקטע מאַנצבילשע לוסטן, וואָס ער האָט דערשטיקט אין זיך אַלע יאָרן, ווידער אויפגעפלאַמט. שדכנים האָבן נישט איבערגעוואַרט דאָס יאָר און אים געבראַכט אַלמנות מיט קניפּלעך. זיי האָבן אונטערגעפירט מיטליאָריקע גרושות, וואָס קענען נאָך געבערן. אָבער טודרוס האָט געזוכט אַ יונגע יפת־תואַר, אַ מויד, וואָס זאָל ברענען ווי אַ פלאַם, אַז ער זאָל זיך קענען רייצן מיט יעדן עובר־בטל, וואָס פאַרגינט אים נישט ס'לעבן.

וואָס איז אַ זכר אָן אַ נקבה? די לצים וואָס באַריידן אים אין שטאָט, זאָגן אַליין, אַז די ליבשאַפט פון אַ מאַנסביל צו אַ פרוי איז די העכסטע פרייד וואָס מ'קען האָבן אויף עולם־הזה אָן זינד, די שענסטע שמחה וואָס פאַריאָגט דעם עלנט פון זיקנה. ווען ער האָט ס'ערשטע מאָל געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן אַ צווייטער חתונה, האָבן די זין געשפּעט פון אים, אַז ער מאַכט פון זיך אַ לייטיש געלעכטער און ער האָט זיי געוואָלט וואָרענען, אַז ער וועט זיי אויסמעקן פון דער צוואה. די שנורס האָבן נישט אַריינגעשמעקט אין זיין הויז. טודרוס האָט אַליין גערוימט, געקאָכט זיינע אייגענע געקעכצער. איין מאָל אַ חודש האָט ער געדונגען אַ וועשין. פאַרוואָס קומט אים אין די יאָרן אַזאַ מערכה?

נאָך איידער ער איז געוואָרן אויס אָבל, האָט ער געשיקט נאָך דבורה די רייפּערקע און זי האָט אים געבערנגט אַ דינסט, בלוט און מילך. ווי זי האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, איז טודרוס מילגרוים פאַרבליפט געוואָרן. רויזע האָט זי געהייסן און אַזוי ווי איך נאָמען אַזאַ איז זי געווען. אַ צייטיקע בלום, אַן אָפּגעטאָקט וואָרעם לייב מיט אַ פּאָר פיס, וואָס טענצלען אונטער. זי האָט געהאַט אַ מילך־ווייס פּנים מיט ציין ווי פּערל, פלעמלדיקע אויגן ווי בלויע לעמפּלעך. אירע ברוינע האָר פאַרקעמט מיט קריינדלעך און לעקעלעך, וואָס אַזוינס זעט מען נאָר ביי אַ גרעפין נישט ביי אַ דינסטמויד.

געווען איז זי אַ צפתער טאָכטער, אַ קיילעכדיקע יתומה, אויסגעהאָדעוועט ביי אַן אָרעמער מומע, אָבער אירע פירעכצער זיינען געווען פון אַ הייזנטמאָדישער צעלאָזענער מויד, אַ שטיפּערקע, וואָס ווי נאָר זי לאָזט פאַלן אַ וואָרט, צינדט זי אָן פאַרבאָטענע באַגערן. רויזע האָט נישט געקענט קיין שייטל עברי, אָבער זי האָט געהאַט אַ מויל ווי אויף שרויפן. טודרוס האָט די ערשטע טעג געטראַכט: איידל אין אויסזען, אָבער פאַרשייט אין דער נשמה. ער האָט נישט געקענט אַרויסקריגן אַ וואָרט וועגן איר פאַרגאַנגענהייט. פון דעסטוועגן האָט זי איין מאָל אין אַ פריימאָרגן נאָכן אויפראַמען דאָס הויז, זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז זי האָט אַמאָל געהאַט אַן אומגליקלעכע ליבע און זינט דעמאָלט וויל זי מער נישט וויסן פון קיין מאַנסביל. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַז איין זכר נאַרט אָפּ אַ מיידל, פאַרלירן אַלע מאַנסבילן דעם חן אין אירע אויגן. כ'קען מער קיין איינעם נישט געטרויען...

טודרוס האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר גיריקע אויגן און געזאָגט:

— רעדסט פאַלשע רייד, רויזע. אַזאַ איינע ווי דו האָט געגוג פייער פאַר אַ מנין זכרים.

רויזע האָט זיך צעלאַכט.

— פייער ברענט אַזוי לאַנג, ווי מ'לייגט צו קוילן. יענער שוויצער האָט פון מיר געמאַכט אַן אויסגעלאָשענע קויל.

— וווּ האָסטו אים געפונען?

— וווּ טרעפט אַ דינסטמויד אַ האָלעדריגע? אין הויז וווּ זי דינט. אַ חוצפּהדיק זינדל געווען. אַ בן־יחיד ביים בעל־הבית.

— האָסט געוואָלט מיט אים חתונה האָבן?

— ער האָט געהאַט פון מיר ס'געגנאַר. ווען כ'האָב אים געטריבן פון זיך, האָט ער געשוווירן, אַז ער וועט מיך פירן פאַר אַן אויער צו דער חופה, אָבער זיין טאַטע־מאַמע טאָרן נישט וויסן דערפון. ס'איז געווען אַ ווילדער שקר. נישט קיין בער, נישט קיין יאַגעדעס ... דערווייל האָט ער געוואָלט נאַשן ביי מיר ווען קיינער האָט נישט געזען, האָט ער מיך געקנייפּט אין וויכן פלייש. איין מאָל ביינאַכט איז ער דורכן פענצטער אַריינגעשפּרונגען אין אַלקער ווו איך בין געשלאָפן. כ'האָב אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און ער האָט מיך שטום געמאַכט מיט זיינע הייסע קושן. ער איז געפאַלן צו מיינע פיס און אויסגעבייטלט אַלע נאַרישע רייד, וואָס אַ היציקער מאַנסביל פּלוידערט, ווען ער לעכצט נאָך די לאַסקעס פון אַ פרוי. ער איז געוואָרן ווילד. ס'האָט שיער נישט געהאַלטן ביי אַן עבירה, אָבער כ'האָב באַצייטנס אויפגעפּראַלט די טיר און אים אַרויסגעוואָרפן.

טודרוס האָט געזען אַז זי איז נישט קיין מלופים־קינד, האָט ער זי גענומען אויפן צימבל:

— אַ פרוי אָן אַ מאַן, רויזע, איז ווי אַן אַרבוז אָן קערנער — האָט ער זיך געוויצלט.

— אַ פרוי אָן אַ מאַן איז ווי אַ פידל אָן אַ סמיטשיק — האָט זי אים שעלמיש אָנגעקוקט.

ביי טודרוסן האָט די באָרד זיך געמיילט פון געלעכטער.

— און וואָס איז אַ חתונה ווייסטו, רויזע?

— מיין מומע אין צפת האָט אין מיר אַריינגעטענהט: אַ חתונה איז ווי געהאַקטע לעבער... מ'קען לעבן אָן דעם מאכל. אָבער פאַרוואָס, רויזעלע קרוין, זאָלסטו זיך באַגיין אָן דעם?

טודרוס איז געבליבן אָן לשון. די מויד איז אַ בוגרת, שעלמיש און איבערגעשפּיצט. זי איז איין קנויל פון בלוט און פייער. איר מויל גייט אויף שרויפן. ער האָט אָפּגעמאָסטן איר מילכיקן האַלדז און אירע אויסגעבעטע אָרעמס. זיינע אויגן האָבן זיך געגליטשט איבער איר בוזים און היפּטן. פון תאווה האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ שטילן זיפץ. פאַרוואָס האָב איך זי נישט געטראָפן מיט צוואַנציק יאָר פריער? כ'בין געווען מסוגל אויפצועסן אַזעלכע הינדעלעך מיט די ביינער. ווער איך קענען אַזאַ איינע היינט אויך פאַרדייען?

ב.

טודרוס מילגרוים האָט זיך אויפגעריסן פון דרימל. ער האָט אויסגעריבן די אויגן. אַ העלקייט איז געווען צעלייגט איבער דער וואַנט אַנטקעגן. שטיקלעך זון ווי שמייכלען האָבן דורכגעזייט דעם שווערן פאָרהאַנג. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט און אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער. ס'האָט מער נישט גערעגנט. די פאַרטרונקענע הייזער האָבן זיך אַרויסגעהויבן ווי אויסגעוואַשענע שטיינערנע געוויקסן. איבערן הימל זיינען צעריסענע כמאַרעס אָפּגעשווומען צום אין־סוף.

אַן אויפגעהייטערטער האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. פון די הייכן האָט געבלאָזן די קעלט פון טבת. די אָנגעלאָדענע וואָלקס זיינען אויסגערונען ווי רויך. אַ לויטערע ליכטיקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער טאָליקער טבריה. ער האָט זיך איינגעוואַשן. ער האָט אָנגעטאָן טלית און תפילין און אַוועקגעלייגט אַ דאַווענען מיט אַ ברען. ווען ער האָט געהאַלטן ביים אָפּוויקלען די רצועות, איז ער ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער. פאַר די שוועלן פון די הייזער האָבן ווייבער אין ברייטע ספּודניצעס, מיט שיטערע בעזימער אויפגעקערט די שטראָמען, וואָס זיינען אַראָפּגערונען אין די זאַמדיקע ראָיון. מאַנסבילן מיט פאַרקאַשערטע הויזן־נאָגעוויצעס, איינגעווייקט ביז צו די קני, האָבן מיט לאָפּעטעס אויפגעהאַקט די ערד און געגראָבן אַן אָפּלויף פאַר די צעבערס וואַסער.

טודרוס האָט אָנגעטאָן וואַרעמע מלבושים. ער האָט אַרויפגעצויגן אויף די פיס אַ פּאָר גומענע שטיוול און איז אַרויס אין הויף. דער צוגאַנג צום שטאַל איז געווען פאַרגאָסן. ער האָט אַראָפּגענומען די פרענטעס פון דער הילצערנער טיר און אַרויסגעפירט אַ מאָגערן, ברוינעם אייזל מיט אַ גרויען פלעק צווישן די אויערן.

טודרוס האָט נישט געטאָרט היינט אויסמיידן דעם פרימאָרגן־שפּאַציר. נאָך אַזאַ חורבן האָט ער געמוזט אַ רעכטן קוק טאָן אויף זיינע הייזער. ווער ווייסט צי דער שטורעם האָט נישט אַראָפּגעריסן די דעכער, צי ס׳האָבן נישט געפּלאַצט די רערן און די דירות זיינען פאַרפלייצט געוואָרן? און וואָס איז געשען ביים נייעם בנין, וואָס ער האַלט אין בויען? זיינען די ווענט דאָרט נישט איינגעזונקען? ס׳האָט אים געטריבן פון אָרט.

נאָכן הייניטיקן מבול, וועט ער מוזן דורכרייטן די גאַסן, אַנשטאָט צו גיין צופוס. ער האָט אָפּגעבונדן די טאָרבע פון דעם אייזלס מאָרדע. דאָס פּאַשע־זעקל איז געווען אויסגעליידיקט. ער האָט באַטאַכט די געטרייע רייט־חיה און איר אַ פּאַטש געטאָן איין מאָל איבערן קאַרק, אַ צווייט מאָל אויפן הינטער־חלק, און דערנאָך אַרויפגעלאָדן דעם זאָטל. דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט. דער הימל איז שוין געווען אויסגעלייטערט. טבריה, אַן אויסגעצוואָגענע האָט זיך געטונקט אין ליכט פון דער וועלט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַהין און אַהער. אין עק הויף איז געשטאַנען אַ היכער לייטער. ער האָט דעם לייטער צוגעשטעלט צו דער שטאַל־וואַנט און אַרויפגעקראָכן אויפן העכסטן שטאַפּל. פון אויבן, ביים ראַנד פון דאַך, האָט ער ווי אַ קאַפּיטאַן אויף אַ שיף אַראָפּגעקוקט אויף דער פאַרגאָסענער שטאָט. די זון האָט זיך צעליכטן איבער די קאַלוזשעס וואַסער. פון דער ווייטנס האָט ווי אַ מאַטער שפּיגל זיך אויסגעשפּרייט דער ים כנרת, אויפגעשוואָלן מיט זיינע גרינע וועלן. טודרוס האָט זיך געקוויקט מיט דער ווילדער שיינקייט ווי ער וואָלט טבריה צום ערשטן מאָל דערזען.

דורות איז די שטאָט געלעגן באַגראָבן ווי אַ שלאָפנדיקע מיוחסת. ווען מלחמות און ערדציטערנישן האָבן זי חרוב געמאַכט, האָט אַ דרימל פון יאָרהונדערטער געהויערט איבער איר. צווישן אַראַבישע איבערפאַלן און טריקענישן האָבן יידן אויפגעהערט צו קומען אַהער פון ווייטע מדינות. מען האָט נישט געצינדן קיין הדלקה, נישט געטאַנצט אַרום די קברים פון צדיקים. טבריה איז געווען אָנגעזען מיט אירע כוללים, אָבער די לומדים האָבן זי אויסגעמיטן. זיין זיידע האָט אויפגעצויגן אַ דור. זיין טאַטע איז דורכגעגאַנגען אַ לעבן אין עושר און אין כבוד, אויסגעגעבן די זין און טעכטער, אָבער ביידע, דער זיידע און דער טאַטע, האָבן אין זייערע טעג נישט אָנגעזען קיין נייע פּנים, קיין חסיד, קיין פּרוש, קיין בן־תורה. איינגעמויערט אין אירע ענגע געסלעך און הויפן האָט טבריה גערוט צופוס דעם ים כנרת ביז די באַנייטע עליה האָט אויפגעבראָכן די מויערן. מחנות חלוצים האָבן ווי שטורעמפייגל זיך אַריינגעריסן אַהער. אומדערשראָקענע, אָן פּחד פאַר די אַראַבער האָבן זיי אויפגעשטאָכן בערג, געשניטן גאַסן, געבויט ווייסע הייזער און די שטילע טבריה איז געוואָרן אַ רוישיקער יאַריד.

טודרוס האָט אַריבערגעקוקט צו די באַרג־הייכן. דאָרט האָט זיך אַרויסגעהויבן די קריה, די יונגע שטאָט גן־שמואל, מיט ווייסע בנינים, איינגעהילט אין גאָרטנס, מיט אויסגעפּלאַסטערטע וועגן, מיט יונגע וועלדער. די הייזער זיינען באַזעצט געוואָרן מיט יונגוואַרג, ווייל אַ יונגע טאָכטער צוקאָפּנס דער אַלטער מאַמע איז די נייע שטאָט. אין די אַלטע טבריה, אַן איינגעשרומפּענע זקנה, רוט ווייטער אַ בכבודיקע אויף דעם זעלבן אָרט. ביי די חכמי התלמוד איז די נידעריקע שטאָט געבליבן די פּערל פון ארץ ישראל, דער מיטלפּונקט פון דער וועלט. אירע הייסע קוואַלן, די חמי טבריה, זיינען דאָס אייביקע היילאָרט פאַר שלאַפּע און פאַרקריפּלטע. טודרוס האָט געריבן דעם שטערן: ווי לאַנג זיינען שוין די וואַרעמע קוואַלן אַן אָרט פון גענעזונג? פון בראשית אָן! קריגסהאַרן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען מיט זייערע חיילות, האָבן אין די געבענטשטע וואַסערן געבאָדן זייערע לייבער. ביי קרעציקע און שלאַקרידיקע זיינען אָפּגעוואַשן געוואָרן די אויסשלאַקן. צו די זעלבע קוואַלן זיינען געקומען זיך היילן די קסרים פון רוים און די מלכים פון יהודה.

שטאָלץ וואָס אין דער דאָזיקער שטאָט איז ער, טודרוס מילגרוים, אַ בעל נכסים,

פאַרמאָגט הייזער און לאַנדשטיקער, האָט ער צוגעפינדט דעם אייזל צום טויער, גרייט אַרויסצורייטן פון הויף, ווי פון דרויסן איז מיט אימפעט אַריינגעלאָפן אַן איבערגעוואַקסענער מאַנסביל, הויך ווי אַ ריז, ברייט ווי אַ קצב. ס'איז געווען זכריה קדיש, דער לוסטיקער הייזער־מעקלער פון אַלזשיר. ביים דערזען דעם מעקלער האָט טודרוס געמאַכט אַ ביטערע העוויה. ער האָט זיך געשראָקן, אַז דער אַלזשירער רמאי, דער דרייקאָפ, וואָס קען אין מיטן מדבר צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, וועט אים אַוועקפטרן דעם טאָג. זכריה קדיש האָט געהאַט אויפן קאָפ אַ געפרעסטן טאַרבוש מיט אַ טראָלד. דער טערק איז שוין לאַנג אַוועק פון ארץ ישראל, אָבער דער ספרדישער האָקוס־פאָקוסניק האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט דער רויטער פעסקע. זיין רויטלעך פנים האָט געשטראַלט. צווישן די ציין האָט געשטעקט אַ פעדלמוטערנע ליולקע און אין דער רעכטער האַנט אַ בייטשל קאָלירטע קרעלן. ער האָט אַ הויב געטאָן די אויגן צום הימל און אָנגעוויזן אויף דער בלאָטע אין הויף.

— שלום ר' נגיד — האָט ער פריילעך אויסגערופן — נאָך אַזאַ מבול מעגן מיר ביידע גומל בענטשן...

טודרוס מילגרוים האָט אים צוגעוואָרפן אַ בליק פון פאַראַכטונג. אַ באַזאָרגטער, אַז דער ספרדי איז געקומען אים פאַר־טויבן מיט זיין געהאַקט צינגל, האָט ער בייז אַ ברום געטאָן:

— מ'עט שוין בענטשן אָן דיר, זכריה קדיש... כ'בין שטאַרק פאַרנומען. אויב דו גייסט מיר היינט ברענגען אַן אויפקויפער פון הייזער, פאַרשפאָר דיר די טירחה.

— כ'וועל דיר ברענגען היינט אַן אמתן כאַדזש, ר' נגיד! אַ געשוואָלענעם פריץ, אַ יידישן כאַדזש פון באַגדאַד! ער איז אָרעמער פון אַ קאַליף, אָבער רייכער פון אַן עפענדי; ר'איז אָנגעשטאָפט מיט ממון ווי אַן אַבטיח מיט זאָמען. ער קען אויס־קויפן גאַנץ טבריה.

— כ'האָב גאָרנישט צו פאַרקויפן. ברענג מיר נישט קיין סוחרים.

— אַ באַגלויבטן סוחר אויך נישט?
— אויך נישט.

דער מעקלער האָט אַרויסגעכאַפט די פערלמוטערנע ליולקע פון מויל. ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דעם בייטשל קרעלן אין דער לופט. ער האָט אַפנים אָנגע־קוואָלן פון טודרוסעס געבייזער. פון גרויס תענוג האָבן די אויגן ליצניש געלאַכט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— אויב נישט אַ קויפער פון הייזער, טודרוס מילגרוים, קען איך דיר ברענגען אַ זיווג אויך! ביי זכריה קדיש איז אַלץ עובר לסוחר. כ'האָב גרייט אַ בתולה, אַ פריש הינדעלע אַ פראַכט פאַר די אויגן, אַ תענוג פאַרן מאָגן! ס'איז אויך גרינג צו פאַרדייען...

— צו שפעט, זכריה. ביסט געקומען צו שפעט.

— אַ דערקוויקעניש פאַר די אַלטע ביי־נער איז קיין מאָל נישט צו שפעט. דו עלטערסט זיך, ר' נגיד, אָבער כ'זע נישט קיין איין קנייטש אויף דיין צורה... כ'האָב פאַר דיר אַ ספרדישע טאָכטער אַ בת יחידה. שטורעמדיק ווי אַ וויכער, הייס ווי אַ פלאַקער, אַזוי ווי אַלע טעכטער אין מאַראָקאָ. איר מאַמע שטאַמט פון ראַבאַט. זי האָט נושא חן געווען ביי די מאַראָקאַ־נישע שרים און דער סולטאַן אַליין האָט אויף איר געוואָרפן אַן אויג. ביסט גרייט אָנצוקוקן די יפת־תואר?

דער מעקלער איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, געוואַרט אויף טודרוסעס הסכמה. אָבער דער אויפגעבראַכטער טודרוס איז אַריינגעלאָפן אין שטאַל און אַרויסגעקומען מיט אַן אייזערנעם שטאַנג. ער האָט אַ הויב געטאָן דעם שטיק אייזן איבער זכריהס קאָפ און זיך צעשריגן:

— אַלע מיינע בייזע חלומות אויף דיין האַלדז און נאַקן! פאַרוואָס ביסטו נישט דערטרונקען געוואָרן אין דעם היינטיקן מבול? אַרויס פון מיין הויף, מערזאַוויעץ, נואף, איידער כ'שפאַלט דיר דעם קאָפ!

זכריה האָט זיך אַ רוק געטאָן הינטער־ווילעכץ אויף עטלעכע שריט. טודרוסעס גרימצאָרן האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַן אמתע אימה. כהרף עין האָט דאָס ליצנות

פון אים זיך אָפּגעטאָן. די צעשראָקענע אויגן האָבן זיך צעטענצלט. ער האָט אויפגעפּראַלט דאָס טויער און אַרויסגעלאָפן.

טודרוס האָט אים נאָכגעקוקט און געלאַכט. דער היציקער מעקלער איז אַנטלאָפן ווי אַן אָפּגעשמיסענער פּורים־שפּילער. ביים אויפגעהייטערטן טודרוס האָבן די ליפּן זיך צעבלאָזן. ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן אייזל און אַרויסגעריטן פון הויף.

ג.

ער איז געריטן דורך די פאַרשוווּנקטע גאַסן. די הייזער זיינען געשטאַנען אויסגעצוואָגענע. די שטיינערנע טרעפּ פאַר די טירן — אָפּגעשייערטע. די זון האָט זיך צעפלאַמט, פון דער ווייטנס, אין דער נידערונג האָט דער צעשוימטער ים כנרת ווי אַ ריזיקער וואַלפיש זיך געוואָרפן מיט רוגזה. טודרוס האָט געטריבן דעם אייזל צום פּלאַץ, וווּ מ'האָט געבויט זיין ניי הויז. ער איז געווען נייגעריק צי די פאַרפּלייצעניש האָט נישט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין די בוי־מאַטעריאַלן, צי די מולאַרעס האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. פּלוצים איז אָנגעלאָפן אַ מחשבה: פאַר וועמען דאַרף ער אַזוי פיל איינרייסן? צו וואָס בויען נייע הייזער, אַז ר'איז איינער אַליין?

ס'איז אים ווידער געקומען אויפן זינען רויזע. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם ערשטן שמועס מיט איר, ווען זי האָט גערעדט צו אים די טריפהנע ריידעלעך. איר לייב איז דעמאָלט געווען פול מיט לוסט און דאָס שאַרפע צינגל האָט געקנאַקט די אמתע דיבורים. זכריה קדיש איז צו אים היינט געקומען מיט איידעלע רייד, אָבער דער רמאי האָט אין אים אויפגעוועקט דאָס איינרעדעניש, אַז ער קען נאָך אַזאַ איינע ווי רויזע פאַרדינען. פאַרוואָס איז זי נעכטן אַנטלאָפן פון הויז? נאָר דערפאַר ווייל ס'האָט זיך אים פּלוצים פאַרגלוסט אָנצוהייבן מיט איר יינגלשע שטותערייען? טודרוס, טודרוס, פאַרוואָס שאַנעוועסטו נישט דיין כבוד? — האָט ער זיך אַליין געמוסרט — כ'בין געכאַפּט אין דער מעשה. די מויד האָט פאַרט זיך איינגעבאַקן אין מיין האַרצן...

ס'האָט נישט געהאַט קיין זין צו לייקענען, אַז די רויזע ליגט אים אין די ביינער. איר אַרומדרייען זיך אין הויז האָט אים צעדודערט. ער האָט זיך געמאַכט אַ מנהג אַרויסצוגיין יעדן פרימאָרגן שפּעטער פון הויז און צוריקקומען פריער. רויזע האָט אָפּגעטעמפּט זיינע חושים. זי האָט געאַרבעט פון פרי ביזן אָוונט. ער האָט זיך געשעמט פאַר מענטשן. צו פאַרמיידן לשון הרע ביי די שכנים אין גאַס, האָט ער נישט דערלאָזט זי זאָל נעכטיקן אין דעם אַלקער. שלאָפן איז זי אַוועק צו אירס אַ קרובה. אָבער דורך די שעהען וואָס זי איז געווען אונטער זיין דאַך, האָט זי געראַמט, געוואַשן און צוגעגרייט פאַר אים אַלע מאכלים וואָס ער האָט ליב געהאַט: געבראָטענע הון מיט רויטן פעפער, אַרבעס־קאָטלעטן, בלינצעס, וואַרעניקעס, באָרשטש פון בוראַקעס און שטשאַוו, אפילו אַראַבישן כומוס.

פון צוויי תאווהס האָט טודרוס זיך נישט געקענט באַפרייען, די תאווה פון בלוט און די תאווה פון מאָגן. ווען רויזע האָט אָפּגעדינט דעם ערשטן חודש, איז ביי טודרוסן רייף געוואָרן אַ ווילדער באַשלוס. ער וועט נעמען רויזען פאַר אַ ווייב. אָבער די מורא פאַר די דערוואַקסענע בנים האָט אַרויסגערופן ספקות. אויפן צווייטן חודש האָט ער מער נישט געצעגערט. ער האָט גערופן צו זיך ביידע זין, מיכאל און זבולון און אָן שהיות זיי געלאָזט וויסן:

— קינדער, כ'קאָן מער נישט זיין אַליין...

די זין האָבן געקענט דעם טאַטן, געוווּסט פון זיינע לוסטן. דאָס וואָס ער באַגערט פאַסט פאַר אַ געשמדטן האַלדז. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן וואָס ער מיינט, אָבער זיך געמאַכט תמעוואַטע. מיכאל דער בכור האָט זיך אָנגערופן:

— דו ביסט נישט אַליין, טאַטע. האָסט קינדער, האָסט אייניקלעך...

דער טאַטע האָט גענומען קעמען די באָרד מיט די ביניקע פינגער און גערעדט בנעימותדיק:

— איר זייט דאָך מער נישט קיין יינגלעך, בנים מיינע. ס'איז אייך נישט שווער צו פאַרשטיין מיין מעמד. אויסגעגעבענע קינדער האָבן אייגענע משפּחות. דאָס איז דער דרך פון דער וועלט. דער באַשעפער

האָט צוגענומען אייער מאַמע פֿאַר דער צייט, אָבער צום הימל קען מען קיין תּרעומות נישט האָבן. דער אמת איז, אַז כ׳בין געבליבן איינער אַליין אויף דער עלטער. אַז ס׳וועלן פֿאַרבײַ נאָך אַ פּאָר יאָר, ווער וועט אויף מיר אַכטונג געבן?

מיכאל האָט געוואָרפֿן שפּאָטבליקן אויף זבולונען. דער עלטערער זון איז געווען געוויקסיק, מיט אַ קנאַכיק פּנים און אַ שאַרף פֿאַרשפּיצטער גאָמבע. זבולון, דער ייִנגערער, איז געווען קיילעכדיק, ווייכלייביק מיט נאָכגיביקע אויגן. ביידע ברידער האָבן זיך איבערגעקוקט, פֿאַרשטאַנען אַז מ׳דאַרף דעם אַלטן לאָזן זיך אויסריידן. זיי האָבן געשוויגן און טודרוסעס צונג איז געוואָרן לויזער.

— האָב איך געטראַכט, בנים מיינע, ביז כ׳האָב בײַ זיך אָפּגעמאַכט חתונה צו האָבן... קיין אָנבאָטן פֿעלן נישט. שדכנים שלאָגן אָפּ די טירן, אָבער עפּעס פּאַסיקס איז שווער צו קריגן. איז מיר איינגעפֿאַלן... ס׳וועט קלינגען ווילד, איר׳ט מיינען כ׳בין פֿון זינען גערירט, אָבער ס׳איז שכלדיק... איז מיר איינגעפֿאַלן צו נעמען רויזען... לאַכט נישט פֿון אַלטן טאַטן. אַזוינס טרעפֿט אין אַ סך בכבודיקע משפּחות . .

די זין האָבן זייערע אויערן נישט געגלייבט. פֿון בושה האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט. טודרוס האָט זיך געמאַכט נישט זען זייער פֿאַרלעגנהייט. אַ פֿאַרלאַנג האָט אין אים אויפֿגעוואַכט צו ריידן סיי ערנסט, סיי מיט ליצנות. זיינע זין זיינען דערוואַקסן, היינטוועלטיש און ער קען זיך פֿאַר זיי פֿאַרטרויען ווי אַ מאַנסביל צו מאַנסלייט. געלויבט איז דער אויבערשטער, ער איז נישט קיין קריפּל. און וויפֿל יאָרן ס׳איז אים נאָך באַשערט, זאָל ער זיך אויסלעבן ווי אַ געזונטער זכר. ווער דען, אויב נישט די אייגענע בנים וועלן אים פֿאַרשטיין?

— וואָס איז דען אַ מאַנסביל — האָט ער געזאָגט — אין העלפֿט, וואָס גאַרט נאָך דער צווייטער העלפֿט. לצים זאָגן, אַ זכר אָן אַ ווייב איז ווי אַ געבראָטנס אָן קנאָבל... דער באַשעפֿער אַליין האָט נישט געקענט צוזען די איינזאַמקייט בײַ אָדמען און געזאָגט: ס׳איז נישט גוט דער מאַן זאָל זיין אַליין... און ער האָט אים געגעבן אַן עזר כנגדו. יעדער בעל־חי איז עלנט אויף דער וועלט. ס׳לעבן איז אַ רעטעניש, אונזערע יאָרן דרייען זיך אין אַ משוגענעם ראָד. די מאַמע וועט מען שוין לעבעדיק נישט מאַכן. השם נתן, השם לקח... און ווער קען זאָגן פֿון וואַנען דער עזר כנגדו דאַרף קומען? אפֿשר איז ס׳באַגעגעניש מיט רויזען באַשערט געווען פֿון הימל... כ׳קען זיך נישט העלפֿן, בנים מיינע, כ׳האָב זי האָלד געקראָגן. אפֿשר רייד איך יינגלשע רייד, אָבער ווער מעג דן לכף חוב זיין אַן עלנטן מענטש? ווי נאָר זי קומט אַריין אין הויז, הייבט אַלץ אָן צו לייכטן ווי די זון אין הימל. זי איז אויך אַ בריה. אַלץ ברענט אונטער אירע הענט. אמת, כ׳האָב זי צוגענומען פֿאַר אַ דינסט צו טאָן פּראָסטע אַרבעט, אָבער זי איז איידל, די אצילות אַליין... בנאמנות, פֿון אַזעלכע ווי זי ווערן געטרייע ווייבער. כ׳וויל, זין מיינע, איר זאָלט זיך ריכטן, אַז היינט, מאָרגן...

ביידע זין זיינען געשטאַנען קעגנאיבער דעם טאַטן צאָרנדיק און אַרויסרופֿעריש. מיכאל האָט געזאָטן פֿון כעס. ער האָט אין יענער רגע געזען די מאַמען אויפֿן טויטן בעט. דאָקטוירים האָבן זי נישט געקענט ראַטעווען. די בייזע קרענק האָט איר לייב פֿאַרצערט און זי איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. פֿאַר דער גסיסה האָט זי נאָך פֿאַרלאַנגט פֿון די קינדער זיי זאָלן נישט פֿאַרשאַפֿן דעם גוטן טאַטן קיין צער און דאָ, קוים ווי ס׳איז אַ יאָר פֿאַרבײַ, קלייבט זיך דער אַלטער חתונה צו האָבן מיט זיין דינסטמויד!

די זין האָבן זיך שטומע איבערגעקוקט, געהאַט אַזוי פֿיל צו זאָגן איינער דעם אַנדערן און געשוויגן. מיכאל איז דער ערשטער אויפֿגעשפּרונגען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף טודרוסן מיט צאָרן און פֿאַרוווּרף:

— אויב דו האַלטסט זיך, טאַטע, בײַ דער דעה צו שטעלן אַ חופּה מיט דיין דינסטמויד, וועל איך מער דיין שוועל נישט איבערטרעטן!

— איך אויך נישט! — האָט זבולון נאָכגעזאָגט.

און ביידע זיינען אַרויס מיט אַ קלאַפּ אין טיר.

ווען טודרוס מילגרוים איז געבליבן אַליין, האָט ער זיך געטרייסלט פון כּעס. ער האָט זיך נישט געקענט שענקען צו וואָס ער האָט זיך שואל עצה געווען מיט די עזות־פּנימער. ביי זיי דאַרף ער נעמען אַ היתר? זיי זיינען נישט קיין שותּפים צו זיין עלנט, וועלן זיי אויך נישט האָבן קיין חלק אין זיין שמחה. ס'איז זיין לעבן און ס'וועט אויך זיין זיין גיהינום...

אַנטשלאָסן צו טאָן דאָס, וואָס ס'אייגענע האַרץ גלוסט, איז ער צוגעגאַנגען צו דער קאָמאָדע און אַריינגעקוקט אין שפּיגל. דער געוויקסיקער גוף האָט אויסגעהאַלטן די משא פון יאָרן. דאָס האַרטע פּנים איז געוועזן פריש, אָפּגעברענט, נאָר די געקרייזלטע האָר האָבן שוין גענומען ווערן שיטער און די געלבע באָרד דורכגעפלאָכטן מיט ווייסע פעדעם. פעדים זיינען דאָס? שנור'ן, געפלאָכטענע שטריק, וואָס וועלן בינדן דעם מידן גוף און אים שלעפּן צו דער ערד, אויב ער וועט נאָכגעבן זיינע בנים, די מחוצפים.

ער איז אַריין אין אַלקער און זיך צוגעלייגט אויף דער סאָפע. ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן אויף אַ פּאָר מינוט און זיך באַרויקט.

ד.

טודרוס איז ווייטער געריטן אַ פאַרטראַכטער. ער האָט זיך געוויגט אויף דעם אייזל מיט דער פוילקייט פון אַ מדבר־רייטער אויף אַ קעמל. דעם אייזלס טריט זיינען געווען דריבנע, צעקראָכענע. ער האָט מיט אַ שטעקעלע אונטערגעהעצקעט זיינע באָקעס און די שלעפּ־חיה איז געוואָרן רירעוודיקער. ס'איז געווען טבת, אָבער טבריה איז ווידער געלעגן אונטערן זון־בראַנד. ער איז פאַרבייגעריטן די שמאָלע גאַסן. פון די גריבלעך איז ס'וואַסער אויסגערונען. די ריטשקעלעך בלאָטע פאַר די שוועלן פון די הייזער זיינען שוין געווען טרוקן. אויף די נידעריקע מויערן האָבן די נאַקנס געלויכטן ווי באַגאָסן פון די גליענדיקע זון־פלאַמען אין תמוז.

הינטערן אַלטן מאַרק, אויף אַ טאָליקער זאַמד־פלאַך האָט זיך געבויט אַ נייער קוואַרטאַל. ווייסע, פירעקיקע הייזער ווי אויסגעזעגטע קאַסטנס זיינען געווען צעשטעלט אין רייען. אויף טייל הייזער האָבן באַלאַטן־לייגערס באַדעקט די דעכער מיט רויטן קארמיט, פאַרבערס האָבן געקאַלכט די ווענט, סטאָליאַרעס האָבן אַריינגעזעצט טירן, פענצטער. די קלעפּ פון די האַמערס, דאָס שניידן בעלקעס און ברעטער האָבן אָפּגעהילכט מיט אַ רעש ווי מען וואָלט געזעגט ביימער. טודרוס האָט אָפּגעשטעלט דעם אייזל ביי אַ הויכן, רויען בנין, וווּ אַרבעטער אין פאַרקאַלכטע בגדים האָבן אויפגעשטעלט לייטערס פון דיקע בעלקעס און זיי אַריינגעהאַקט ווי קלינעס אין די ווענט. דאָס האָבן זיי אויסגעפאַרטיקט רושטאָוואַניעס אויף אַ פיר־שטאָקיקער געביידע. פלינקע יונגען האָבן געקלעטערט אויף די רושטאָוואַניעס ווי אַקראָבאַטן. אַ שפּרונג אַרויף, אַ שפּרונג אַראָם און אָט זיינען זיי געשטאַנען אויפן העכסטן גאָרן ווי אויף אַ געשפּאָלטענער בריק.

טודרוס האָט אָנגעקוואָלן פון דעם האַרמידער. וואָס איז פון טבריה געוואָרן? אַ נייע וועלט גייט דאָ אויף, און דאָס יונגוואַרג רעגירט מיט איר. אָנשטאָט מיט ווילערנערס, קלויז־זיצערס, איז די שטאָט פול מיט חלוצים. אַ נייער דור! אָבער וואָס וויל דאָס הייַנטיקע יונגוואַרג? — ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע זין — זיי ווילן דער עלטערער דור זאָל געבן די הסכּמה אויף אַ וועלט, וואָס ווערט איבערגעקערט, אָבער אַליין פאַרגינען זיי נישט די טאַטעס די פרייד פון עולם הזה. ווי ציַיטן האָבן זיך געביטן! אָנשטאָט קוועטשן די באַנק אין בית־המדרש, קלעטערן די יונגען אויף רושטאָוואַניעס, זיי זיצן אויף די טראַקטאָרס אין פעלד. די בענקשאַפט נאָך גאולה, וואָס ליגט ביי דורות יידן אין די ספרים, אין די רצועות פון תפילין, שרייט ביי זיי אַציִנד אַרויס אין דעם גרילץ פון מאָטאָר, אין דעם פּייף פון לאַסט־טראָק.

ער האָט אַ האַצקע געטאָן דעם אייזל און דער חמור איז פּלוצים אונטערגעשפּרונגען, ווי הייסע נאָדלען וואָלטן געבריט זיינע פיאַטעס. ביז צו טודרוסעס בנין הינטער דער שוחטים־גאַס איז געווען אַ מהלך, אָבער דער חמור, גלייך ווי די חכמה פון בלעמס אייזל וואָלט זיך באַזעצט אין אים, האָט געטאָן אַ ממזרישן בליק אויף טודרוסן און אָנגעהויבן לויפן מיט גרויס אימפּעט, און כהרף עין צוגעפירט דעם בעל־הבית צו זיין פאַרמעגן.

דאָ האָט געראַשט ווי מ׳וואָלט נישט געבויט אַ הויז, נאָר אַ גאַנצע גאַס. די פיר ווענט זיינען געווען אַרויפגעצויגן אין דער העלפט. ציגל־טרעגערס, ליים־מישערס האָבן באַדינט די מוליאַרעס. אויף אַ ווינקל־מויער איז געשטאַנען אַ געוויקסיקער יונג. ער האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ קעלניע, אין דער צווייטער אַ פירעקיקן פּאָלירטן ציגל און פאַר די פיס אַ שאַף מיט ליים. ער האָט געלייגט די ציגל אין אַ שיכט אויף אַ שיכט און אַליין זיך געוווּנדערט ווי גיך די וואַנט וואַקסט אים אַריבער. טאַבאָרשטשיקעס און אייזן־בייגערס האָבן געהאַוועט. אַ ברייטפּלייציקער סטאָליאַר איז געריטן אויף אַ דיקן ברעט און צוגעשניטן אַ שמאָלן קאַסטן אויף אַ בעטאָן־גאַרטל. דערזען אָנקומען טודרוסן, האָט ער אַרויסגענומען דעם טשוואָק, וואָס האָט געשטעקט אין מויל און אַ פריילעכער אַ רוף געטאָן:

— זעט חבריא, אדון טודרוס מילגרוים! דער בעל־הבית בכבודו האָט אויפגעטויכט פונעם מבול!

די מוליאַרעס האָבן אַרויסגעלייגט די קעלניעס, די אייזן־בייגערס האָבן אַראָפּגעלאָזט די רערן. די טאַבאָרשטשיקעס האָבן אויפגעהערט צו זעגן די ברעטער און אַלע אינאיינעם האָבן באַגריסט טודרוסן. טודרוס האָט געשמייכלט און היימיש געפּאָכעט מיט אַ האַנט. ער האָט געגאַפט אַרום זיך. אַלץ איז געווען איינגערעדלט, אַלץ איינגעשפּאַנט. די וועלט איז געשטאַנען אַן אויסגעוואַשענע און אין דעם לויטערן פרימאָרגן האָט טודרוס דערשפּירט ווי נייע כוחות זיינען אים אויפגעגאַנגען. זיין גוף איז געוואָרן אָנגעגאָסן מיט קראַפט. דאָס בלוט האָט האַסטיקער געריזלט אין די אָדערן. אין אַזאַ טאָג ווערט יעדער בעל־חי ווי אַ שותף צו גאָטס באַשאַף, האָט טודרוס געטראַכט.

ער האָט פאַרמאַכט דאָס רעכטע אויג, פאַרזשמורעט דאָס ליקע און אָפּגעמאָסטן די פיר ווינקלען פון בנין. זיין בליק האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן פּלאַץ. אַ לאַסט־אויטאָ האָט אויסגעלאָדן זעקלעך צעמענט. קעמלען האָבן אָפּגעליפערט טאָרבעס מיט זשוויר און זיף־זיף. אַרום דעם נידעריקן פּאַרקאַן, וואָס האָט אָפּגעצוימט דעם פּלאַץ, זיינען געווען אָנגעלייגט אייזערנע שטאַנגען, געפלאָכטענע דראָטן, קאַכלעס, הילצערנע ראַמען צו טירן און פענצטער.

אַן אויפגעהייטערטער האָט ער אַ פּאַטש געטאָן דעם אייזל און אָפּגעריטן אַ פּאָר שריט ווייטער. צוויי תימנער בעלי־מלאכה מיט סאַמעטענע בערדלעך ווי ביי קאָרטן־מלכים, האָבן פלינק און מיט געניטשאַפט געשטאָפּט שיטערן צעמענט אין פירעקיקע אייזערנע פאָרמען. זיי האָבן אַרויסגעפּעסט ציגל און דערנאָך זיי סאָרטירט אויף ברעטלעך, זיי זאָלן זיך באַקן אויף דער זון. די תקיפות פון אַ בעל־הבית האָט אין טודרוסן אויפגעוואַכט. ער האָט צוערשט געשפּאַנט אַהין און אַהער. דערנאָך איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון אייזל און אַרויפגעקראָכן אויף אַ רושטאָוואַניע. ער איז געבליבן שטיין פאַר דעם ערשטן מוליאַר, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַרפן קעלניעס ליים איבער אַ שיכט ציגל. טודרוס האָט ווילעריש אַרויסגענומען פון דעם מוליאַרס האַנט די וואַסער־וואָג און זי צוגעשטעלט צו דער ווינקל־וואַנט. ער האָט געגעבן אַ מבינישן קוק און אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז קרום, בעל־מלאכה מיינער!

— שוין אַזוי פרי זוכט איר חסרונות?
— האָט דן דער מוליאַר אַ געערגערטער געפרעגט.

— אַז מ׳זוכט געפינט מען. ס׳איז קרום!
— איז טודרוס באַשטאַנען אויף ס׳זייניקע.

— כ׳ווייס נאָך ווי צו האַלטן אַ וואַסער־וואָג אין האַנט! — האָט דער באַליידיקטער דן אַקעגן גערעדט — דער ווינקל איז גלייך ווי אַ ווירע.

— וואָס טויג מיר דיין וואַסער־וואָג? דער גאַנצער שיכט איז קרום! — האָט טודרוס גערעדט מיט גרינגשעצונג.

— פון אייך וועל איך אַוודאי נישט לערנען ווי צו ציען אַ וואַנט. אויב עפּעס זאָגן, מעג דער אַרכיטעקט...

— ביי אַן אַן אמתן אַרכיטעקט וועסטו פליען פון דער מויער!

— אויף אייער באַפעל?

— אויף מיין באַפעל.

— נו, דאָס איז שוין בעל־הבתישע חוצפּה! — האָט דער מוליאַר אַ פאַרפּלאָמטער פון כעס, אַ וואָרף געטאָן די קעלניע און אויפגעהויבן די אויגן צו די אַרבעטער אַרום.

פון אַלע זייטן בנין האָבן מוליאַרעס, סטאָליאַרעס, דראָטן־בייגערס, אַוועקגעלייגט די כלים און נייגעריקע זיך דערנענטערס. איינער האָט אויסגערופן:

דער מבול איז ערשט אַריבער און שוין הייבט זיך אָן דער קלאַסן־קאַמף!

דן האָט אַ זאָג געטאָן מיט ביטול:

— אדון טודרוס מילגרוים וויל אונדז ווייזן, אַז ער איז אַ תקיף!

— וועמען וויל ער זאָגן דעות? — האָט אַ נידעריקער דאַרער טאַבאָרשטשיק זיך אַרויסגערוקט.

— אונדז אַלעמען!

— שיק אים ער זאָל זיך אויסטענהן מיט דעם קבלן.

פון אונטער אַ ברעט איז אַרויסגעקראָכן אַ פעסטלייביקער רעדן־לייגער נפתלי, אַ באָרוועסער מיט אַ בעדואינישן קאָפּטוך פאַרוויקלט אַרום נאַקן. ער האָט זיך צוגעשאַרט צו טודרוסן און אים איינגערוימט:

— זוכט זיך נישט קיין צרות, אדון מילגרוים. דן איז אַ יונג אַ צעלייגער, אַן אמתער מומחה. ער קען זיין פאַך...

— כ׳דאַרף נישט קיין מליץ־יושר! — האָט טודרוס זיך אַ בייזער געטאָן.

— כ׳בין נישט קיין מליץ־יושר. ס׳איז בלויז אַ זייטיקע עצה ווי אויסצומיידן אַ שטרייק...

— אַ שטרייק?

טודרוס האָט פאַרדעכטיקט זיך אַרומגעקוקט, גלייך ער וואָלט דערשנאַפּט, אַז מ׳לויערט אויף אים. אַלע האָבן פון אים ס׳געגנאַר, דער קבלן, דער אַרכיטעקט, די פועלים. אַמאָל האָט מען אים געחנפעט, היינט איז ער אַרומגערינגלט פון שונאים. דער פעטלייביקער רעדן־לייגער האָט ווידער געלאַסן גערעדט.

— עטלעכע חברהלייט העצן אויף אייך, אדון מילגרוים. איינער פון זיי, אַן איראַקער, טענהט, אַז מ׳טרעט אים מיט די פיס, ער פאַרדינט ווינציקער פון די אַשכנזים. און ר׳ווייסט דאָך, אַן אויפגערעגטער פרענק איז ערגער פון אַ צעקאָכטן דערוויש... אַ צווייטער, אַ קאַווקאַזער ביינער־ברעכער הייסט פאַרלייגן די הענט. און קיין עצלנים, אַרומשלעפּערס אויף נישט צו אַרבעטן פעלן אין ערגעץ נישט... כ׳הער, זיי גרייטן זיך צו פאָדערן אַ הוספה. מען דראָט אפילו אָפּצושטעלן די אַרבעט...

ביי טודרוסן האָבן זיך די ברעמען פאַרצויגן, די אויגן האָבן זיך צעפלאַמט. מיט די שאַרפע בליקן האָט ער דורכגעבריט איינעם נאָכן אַנדערן די מחוצפים, וואָס זיינען געשטאַנען אין אַ רעדל אַרום. ביי אים האָט געזאָטן דער כעס און זיי האָבן אים אָפּגעמאָסטן מיט ליצנות. אין דעם איבערקוקן זיך איז געווען אַ חוצפּהדיקער פאַרמעסט. ווער וועמען וועט מנצח זיין? נישט אַזוי ווייט די שפּאָט־רייד האָבן אים פאַרדראָסן, ווי די וואָרנונג אָפּצושטעלן די אַרבעט אויפן בנין. ער האָט טראָציק אַ פרעג געטאָן:

— ווער וועט זיך דערוועגן צו וואַרפן די אַרבעט?

— איך וועל זיך דערוועגן! — האָט דער אייזן־בייגער אַ געשריי געגעבן און

זיך געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין האַרצן — איך, גילוני וועל זיין דער ערשטער!

— מיר אַלע וועלן זיך דערוועגן! — איז אַן אָנגעקרעפּטער ליים־מישער אַרויס־געשפּרונגען.

— און אַז ס'וועט האַלטן ביים לייגן די הענט אין קימפּעט, בין איך אויך נישט קיין שטרייק־ברעכער — האָט אַן עלטע־רער סטאָליאַר מיט אַ געדונצלט פּנים זיך אָנגערופן.

דו, דער מוליאַר האָט מיט נצחון אַריינ־געשריגן טודרוסן אין פּנים:

האָט זיך עס אייך געלוינט, אדון טודרוס מילגרוים? מיט אונדזערע חברה קען מען נישט קאָמאַנדעווען. ס'פעלן נישט קיין הייזער־בויער אין שטאָט. איר זייט אַ נגיד אַ פּיעכאָטניק, אָבער די גאווה האָט איר ווי גאַנץ טבריה וואָלט געווען ביי אייך פאַרמשכונט...

טודרוס האָט געפלאַמט מיט רוגזה. ער האָט אויפגעהויבן צוויי פויסטן אין געשריגן:

— דרך־ארץ, חצוף איינער! ווען דו האָסט נאָך געגעסן ברויט מיט דזשעגעכץ, האָב איך שוין אַליין געצייגן ווענט! אין נאָר ווענט? אַ גאַנצן בנין, פון פונדאַמענט ביזן דאַך האָבן מיינע הענט אויסגעפּאַר־טיקט! ווער איז אַרויס בויען דאָס ערשטע הייז אין דער נייער שטאָט, איך יענער זייט מייער? דו צי איך?

ער האָט ווידער־אַמאָל אַ קוק געטאָן איף ?עם ר?ל אַרום. פאַר אים איז געשטאַנען אַן אויפגעהעצט געזעמל. אויף אַלעמענס ליפּן האָט זיך געבלעזלט אַ חוזק. אין אַלעמענס אויגן איז געווען שפּאָט. וואָס איז דאָס? וועלן זיי טאַקע וואַרפן די אַרבעט? און ווו איז דער קבלן? און דער אַ־כיטעקט? די סטאַדע וועלף האָט מען אַרויסגעלאָזט, אָבער דער חיות־צימער איז נישטאָ... מיט געניטשאַפט האָט ער נאָכאַמאָל זיי באַטראַכט. מסתמא וואַרטן זיי ער זאָל זיך אַרויסכאַפּן מיט נאָך איין שאַרפן זאָג פאַר אַ צולאָג, וועלן זיי מעגן אַראָפּלויפן פון בנין. ער וועט אָבער נישט אַ־ יינשפּילן אין זייערע הענט. אמתע וואַלד־גזלנים! ערגער ווי די בעדו־אינער אין מדבר! זיי וועלן נאָך קומען איף ס'זייעריקע! ער, טודרוס וועט אַראָפּ־שלינגען די חרפה און ?יי איבער־לאָזן אַצינד.

ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן אייזל. ער האָט אַ קיצל געטאָן די באָקעס, אָבער ווי אויף צו להכעיס האָט די חיה גענומען אונטערהינקען. ער איז קוים אָפּגעריטן עטלעכע שפּאַן, געוואָלט אַ קוק טאָן הינ־טערווילעכץ צי זיי האָבן צוריק אַרויפ־געקלעטערט אויף די רושטאָוואַניעס, אָבער דאָס געזעמל האָט זיך נישט גע־רירט פון אָרט. הינטער זיינע פּלייצעס האָט ער פאַרנומען זייערע שפּעטערייען. ער האָט געקענט הערן זייערע קולות:

— אַזאַ אַלטער תרח!

— עפּעס יינגערס פון אים זיצט אין מושב זקנים.

— טשעפּע נישט זיין עלטער. ער שטייט ערשט אין שידוכים...

— געהערט, חברה? ער וויל זיך פאַר־כנסן מיט זיין יונגער דינסטמויד.

— און זיינע זין וועלן אים פאַרגינען אַראָפּצושלינגען אַזאַ ביסן? ער'ט זיך נאָך קרעקן...

— האָט אַ יאַהאַנדות, גזלנים! אַביסל אָפּשיי פאַר אַ בכבודיקן חתן־בחור!

(סוף אין קומענדיקן נומער)

משה שקליאַר

# ווערטל און וואָרט

## איינער

איינער האָט פאַרקאָכט אַ קאַשע
און די הענט זיך אָפּגעוואַשן —
נישט אים מיינט מען,
נישט דאָס האָט ער,
און ער הערט אייך ווי דעם קאָטער.

אַ שטיין געוואָרפן אינעם וואַסער,
בלייבט ער אויפן דנאָ אַ נאַסער
און אים קאָנען צען חכמים
נישט פין דאָרט אַרויסצובאַקומען.

ווער־זשע איז ער אָט דער איינער,
וואָס אים אַרט נישט קיינער, קיינער?
האָט איר דאָך געהערט מסתמא,
ס'האָט דאָס פאָלק פאַר אים אַ נאָמען —
נישט קיין גרויסער חכם,
נישט קיין נאַר אַ קליינער.

## אַ פּוסטע כּלי

אַ דאָקטאָר האָט דאָס האַרץ געעפנט
פין אַ קאַרגן פּאַציענט
און דערזען —
דאָס האַרץ איז פּוסט,
ווי יענעמס הענט.
האָט ער זיך געוווּנדערט,
האָט ער נישט געוווּסט,
ווי קאָן עס קלאַפּן גאָר
אַ האַרץ
אין ברוסט,
אויב עס איז פּוסט?
— ני, טאַקע,
זאָג —
האָט ער גערעדט צי זיך אַליין —
אָט אַ האַרץ,
ס'איז פּוסט און דאָך,
נאַכט און טאָג טיקטאַקעט
און בלייבט נישט שטיין
קיין ווײַלע.
געמיינט אַ האַרץ,
און ס'איז אַ פּוסטע כּלי...

## דער „געשאַנק"

— אַ פּאַטש פאַרגייט,
אַ וואָרט באַשטייט —
האָט ער געזאָגט
צום אויסגעפּאַטשטן.
און יענער,
נישט פאַרלירנדיק קיין צייט
האָט אים צוריק דערלאַנגט
אַן אמתן „געשאַנק"
אָן אַ וואָרט אַרויסצורײדן.

איז געבליבן צווישן ביידן
אַ נישט געלעזטער שטרייט —
איז עס אמת
אַז אַ פּאַטש פאַרגייט?

## וואָס וועט זיין?

ני, איז וואָס וועט זיין?
אַ לאָך אין הימל,
אויפן הימל אַ יאַריד?
סיי־ווי די זון וועט אויפגיין
און פאַרגיין
ווי נעכטן,
פאַראַיאָרן,
אַלע מאָל,
און ס'וועט די ערד נישט ווערן מיד
צי קרייזן,
אייביק קרייזן.

הינדע זאַרעצקי /ניו־יאָרק

# לידער

## זייער לידער־קראַנץ

שנייִ, רעגן און ווינט
האָבן מיין פּנים געגלעט,
אויף די ליפּן האָט געבליט
אַ תּפילהדיק געבעט:
ניט עגבערן זאָל הונגער
מיינע צוקנדיקע גלידער.
צערטלען זאָל דורך וווּנדער
ווי תּפילתדיקע לידער.

יאָגנדיק זיך נאָך דעם קול
וואָס איז געשטאַנען
ביים בראשית.

און אַז זי וועט אים קיין מאָל
נישט געפינען?
וועט אויך נישט זיין
קיין לאָך אין הימל...

## ווערטל און וואָרט

אָט אַ שפּיל געטאָן זיך
מיט אַ ווערטל, מיט אַ וואָרט,
אין נישט לייכטער איז געוואָרן,
און נישט שווערער.
עס איז אַ שפּיל פון יענעם סאָרט
וואָס צעעפנט דעם זכרון
און ווידער קאָנסטו הערן
דעם מינדסטן שאָרך,
וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן
ערגעצווו אין דיין געמיט
אין וועסט אים טראָגן
אַדורך יאָרן
ביז פאַרוואַנדלען אים
אין ליד.

אויף יאַרידן טוען לידער
באַשיינען סוחרום־טומלער;
האַנדל איז אין שפּליטער—
צעטענצלט זיך אַ קרומער.
דער יאַריד איז אין פלאַקער;
טראָגן אָקסן מאַרק אויף הערנער,
דער הענדלער און מנקר
שטעכן זיך דורך דערנער.
גייען מיר און גייען.
מיר ווערן קיינמאָל מיד.
דורך רעגן און דורך שנייען
מיר זינגען אונדזער ליד.
אין צוקנדיקן הונגער
איינער פון בעטלער זיבן,
דורך תּפילה און דורך וווּנדער
מיר האָבן זיך דאָ פאַרקליבן;

אין הייל פון ליכט און שטערן
וואָס בלינדער האָט דערעזן—
אויסטיילן צווישן גאָטס קרן
דאָס ליכט וואָס ער'ט דערזען—
זיינען מיר בעטלער־זינגער
פון גרויסע יאַרידן פאַרטריבן,
צערטלען מיר ברידער־זינגער
און היטן וואָס מיר'ן פאַרשריבן.

גייען מיר און גייען,
מיר ווערן קיינמאָל מיד:
דורך רעגן און דורך שנייען
מיר היטן אונדזער ליד.
פולע טאָרבעס אונדזער פאַרמעגן,
שטעקנס געשניצט פון פּימסן־האָלץ
חלומות כוואַליען אַריבער די ברעגן,
אונדזערע כתבים טראָגן מיר שטאָלץ.

גייען אונדז אויס די קרעפטן,
שוועבט אונדזער חלום אַליין —
ווונדער טוט העפטן און עפטן,
ווונדער דורך ווונדער אַליין.
קומען אַן בעטלער מיט נייע קרעפטן
אַנטקעגן בעטלער אין כישוף־טאַנץ;
הענט טוען זיך פלעכטן־און־פלעכטן
און שפינען זייער לידער־קראַנץ...

## דער קעניג פון געפליגל

פאַר בלומע לעמפעל

דער קעניג פון געפליגל
געפלויגן, געפלויגן,
פון באַרג עווערעסט
ה ו י ך
ה ו י ך
אונטער בלויען קופאָל.
אין טיפן בלענד דער הימל
אַנטקעגן בלומעס:
— ק ו י פ ל —
מיט איר הערלעכן ווונדער.

דער אָדלער אין פלאַטער!
מיט ריזן פליגל געשניטן
אַזור בלויען חלל —
געפרייט האָט זיך דאָס האַרץ
פון דער גין ׳גינערעיש
— ב ל ו מ ע —
וואָס
זייט
זייט
זייט
אין אייביק יידיש
ג אָ ר ט ן.

## אַהרן קאָפּלאַנדס ניגון

אין דיין
אַפּאַלײשיען פרילינג
אויפגעבליט האָט
אַמעריקעס ניגון,
אין עכטן
אין הערלעכן טאָן;
הער איך בערג זינגען
אייברעהעם לינקאָלנס חלום,
וואָלט וויטמאַנס
— סאַלוט אַה מאָנדע —
זע איך בריקן ציען
איבער בלויע טייכן —
גילדערנע האַרפעס.

אין סטייטס שווימען
פיש
רודערן
מיט פין־פעכער
זופּן קרישטאָל קלאָרע וואַסערן
מיט דיין לויטערן ניגון —
מיט דיין יצירה.

דיין געזאַנג צו „בילי די קיד"
זע איך אים
אויסטאַנצן זיין עלנט,
פיל איך זיין
בייסיקן הונגער...
כישופט דיין ניגון
צו דער גראַציע פון זיין טאַנץ.

אָקלאַהאָמאַ, שטאַט פון רויט־הויטיקע,
יורשים פון פּאָוהאַטאַן *)
באַקרוינען די שטאָט
מיט פאָלקלאָר, מיט מעשיות,
אין זייער שיינקייט וועבסטו אַריין
דיין ניגון — דיין יצירה:
— אַ מ ע ר י ק אַ —

*) פּאָוהאַטאַן: דער עלטסטער
פון די אינדיאַנער.

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערער אינפאָרמאַציעס שרייבט צו:

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 South Robertson Blvd. ⊙ Los Angeles, Calif. 90035

(213) 552-2007 : אָדער טעלעפאָנירט

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# דאָס יעקב צבי שאַרגעל יובל־בוך— אַ ספר פון אַ שעפערישער עפּאָכע אין ארץ־ישראל

(צו זיין ווערן אַ בן־שמונים לגבורה)

עס איז געווען פאַר מיר פערזענלעך אַ פריידיקע דערשיינונג, וואָס אין דעם טאָג ווען איך בין געקומען אַהיים נאָך אַ לענגערן „באַזוך“ אין מעלבורנער שפּיטאָלן, האָט די פּאָסט מיר געבראַכט די מתנה מיט אַ פיינער דעדיקאַציע פונעם בעל־יובל.

עס איז אַ ספר וועגן אַ יידישן ישראל־דיכטער, עסייאיסט, רעדאַקטאָר, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין ליטעראַרישער און פּיאָנערישער טעטיקייט אויפן פעלד פון יידיש־שאַפונג פאַר דער גרינדונג פון ישראל און איז ממשיך זיין טעטיקייט עד היום (עד מאה ועשרים), ווי אַ יידישער דיכטער און ווי דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דער „ישראל שטימע“.

אָט דער ספר היובל ל־י. צ. שרגל (ווי עס הייסט אין עברית דער ספר, געשריבן אין אונדזערע ביידע נאַציאָנאַלע לשונות) איז איינצייטיק נישט בלויז די ביאָגראַפישע, ליטעראַרישע און אידעאָלאָגישע אָפּשאַצונג פון דעם יחיד שאַרגעל, נאָר אויך פון אַ גאַנצער עפּאָכע, איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט און די אויפטוערישקייט און אויפבויערישקייט אויפן פעלד פון יידיש־שאַפונג אין לאַנד, דור אַ גרופּע פּיאָנירן יידיש־אַקשנים, וואָס האָבן געדאַרפט אויסשטיין „קאַלטס און וואַרעמס“ מצד די פאַרביסענע פאַנאַטיקערס—קעגנערס פון לשון יידיש.

און עס דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אויב די „שוואַרצע אַרבעט“ האָבן געטאָן די א״ג גדוד מגיני השפה, איז די אידעאָלאָגישע באַגרינדונג געקומען פון די „אויבערשטע פענצטער.“

דב סדן, וואָס איז באַטייליקט אין דעם יובל־בוך מיט אייניקע וואָגיקע אַרבעטן אין ביידע לשונות, דערציילט צווישן אַנדערן אָט דעם מערקווירדיקן פאַקט: בעת אַ פייערלעכן קבלת־פּנים פאַר שלום אַש און פרץ הירשביין אין ארץ־ישראל, האָט ביאַליק געזאָגט וועגן העברעיש און יידיש, אַז דאָס זענען נעמי און רות. פאַר דעם „חטא“ האָט ביאַליק געקראָגן זיין שכר אין וואָכנבלאַט כתובים פון פינף אָנגעזעענע נעמען אין דער העברעישער ליטעראַטור (אברהם שלאָנסקי, אָשר ברש, אליעזר שטיימאַן, יצחק למדן און יעקב ראַבינאָוויטש) וועלכע האָבן, לויטן אויסדרוק פון דוב סדן דעם תוכחה־פּעקל מכבד געווען ביאַליקן.

ביים לייענען דאָס, בין איך געווען איבערראַשט, וואָס דער איניציאַטאָר פון דעם תוכחה־פּעקל איז גראָד געווען איינער פון מיינע באַליבטסטע עסייאיסטן, וועלכער האָט זיך געדרוקט אין יידיש אין דער וואַרשעווער פּרעסע, און שפּעטער האָב איך זיינע ווירקלעך נחת־רוחדיקע עסייען געלייענט אין די גאָלדענע קייט.

פון דעם עפּיזאָד האָב איך געלערנט, אַז שטיינמאַן, וואָס האָט אין די יאָרן פאַר דער מדינה, רק געשריבן זיינע עסייען אין העברעיש, האָט גראָדע אויף דער עלטער זיך צוריקגעקערט צו דער מאַמע יידיש און אַרויסגעגעבן אַ באַנד גאָלדענע עסייען.

עס וועט אונדז נאָך שפּעטער אויסקומען צו רעדן וועגן דעם ענין העברעיש און יידיש אין לאַנד, אָבער קודם איז דאָך מיין אייגנטלעכע טעמע דער בעל־יובל, און די קרוב פינף צענדליק אָפּשאַצונגען וועגן אים, אין יידיש און עברית, פון

עטלעכע דורות שרייבערס: פּאָעטן, עסיי־איסטן און ליטעראַטור־קריטיקערס.

קוואַנטיטאַטיוו און בפרט קוואַליטאַטיוו זענען נישט אַלע אָפּשאַצונגען פונעם בעל־יובל און זיין שאַפן פון איין שיעור קומה, אָבער זייערע נעמען, מיין איך, דאַרפן יאָ דערמאָנט ווערן, מחמת די פאַרשידנאַרטיקע אַרבעטן שאַפן דעם מאָזאַיק פון דעם בעל־יובלס „גאַנג און געזאַנג" פון העכער אַ האַלב יאָרהונדערט; איינצייטיק אַנטפּלעקט זיך פאַרן לייענער נישט נאָר דער פולער פּראָנטאַלער פּאָרטרעט פון יעקב צבי שאַרגעל, נאָר אויך דער גייסטיקער קלימאַט פון לאַנד פאַר יידיש, פון פאַר און בעת די מדינה־יאָרן.

די נעמען פון די באַטייליקטע אינעם יובל־בוך, סיי די וואָס זענען שוין אויפן עולם האמת — און זיי וועלן אין גן־עדן קענען זען, אַז זיי זענען די ערשטע אין דער ריי, באַגלייט מיט אַ יידיש־טראַדיציאָנעלן: זכרונם לברכה.

און להבדיל לחיים, די לעבעדיקע (דורך דער צייט פון דרוקן, זיינען אויך פון די לעבעדיקע געוואָרן אַרויסגעריסן נעמען). איז ווי זאָגט מען ביי יידן: תנו כבוד לתורה, די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט יידישער שעפערישקייט אַלע יאָרן ואילו הן:

יעקב גלאַטשטיין, נח גריס, לייזער דאָמאַנקעוויטש, ל. חיים שמעוני, א. וואָלף־יאַסני, משה יונגמאַן, דניאל לייבל, דוד ספרד, יהודה קערש, מלך ראַוויטש, שלמה רויטמאַן, אריה שמרי. דערמאָנענען מיר זיי טאַקע מיט דעם ז"ל.

די אַרבעטן זייערע זיינען געסדרט לויטן א"ב אונטערן אות **א**. אין **ב** — אויך לויטן א"ב, אָבער אַן אויסנאַם זענען עטלעכע בריוו, שייכותדיקע, פון אַברהם סוצקעווער צום בעל־יובל.

איז דאָך סוצקעווער אונדזער אַלעמענס בן־שעשועים און דער הבן יקיר לי אפרים פון אונדזער יידישער פּאָעזיע און יידישער ליטעראַטור, און ווי דער באַערטער טאַנטרעגער, גייט ער בראש פון דער מחנה.

קומען מיר צו די נעמען פון דער מהנח — ואילו הן:

שמואל איזבאַן, הירש אָשעראָוויטש, יוסף אָקרוטני, רבקה באַסמאַן, י. ח. בילעצקי, לילי בערגער, דוד וואָלפע, שלמה וואָרזאַגער, גבריאל וויסמאַן, חיים זעלצער, דאָרע טייטעלבוים, שיע טענענבוים, יצחק יאַנאַסאָוויטש, מרדכי ליטווין, דב סדן, יצחק קאַהאַן, שמעון קאַנץ, אליהו שולמאַן, ישעיהו שפּיגעל.

באמת אַ פּילפאַרביקע מחנה, וואָס איז פאַרבונדן בלב ונפש מיט יידיש־שאַפונג.

ביים סוף פון ספר גייט דער העברעישער אָפּטייל מיט מחברים פון וועלכע אייניקע שרייבן אין יידיש, אָדער אין ביידע נאַציאָנאַלע לשונות. מיר קענען זיי און איך וועל דאָ זייערע נעמען נישט אויסטיילן באַזונדער. די עלף וואָס באַטייליקן זיך אין העברעישן טייל זיינען:

אמיר גלבע, ישעיהו אוסטרידן, י. ח. בילעצקי, מאיר בן־משה, מרדכי חלמיש, יוסף חנני, רבקה כהן, חיים לנדאו, דב סדן, אהרן קווה, אבנר שרגל.

מיר האָבן נאָך נישט קיין געשיכטע, וואָס זאָל פּרשפּיגלען לפני ולפנים די יידישע ליטעראַטור־שאַפונג אין פּאַלעסטינע און ישראל. דאָס וואָלט אונדז געהאָלפן צו זען אי דעם כלל־פּנים פון דער פּיאָנירישער גרופּע, אי דאָס פּנים פון יעדן יחיד פון די צען ראשונים און פון דער שפּעטערדיקער אויסגעוואַקסענער מחנה בימי המדינה.

איך זע דעריבער אינעם יובל־בוך נישט נאָר דעם בעל־יובל, ווי אַ יחיד, נאָר אויך די אַלע צוגעקומענע שפּעטער בעת די פאַרשידענע ע ל י ו ת און עמיגראַציע־שטראָמען דורך די לעצטע צענדליקער יאָרן. אין דעם זין וועלן די בעסערע עסייען און מער־פּאַרטיפטע אָפּהאַנדלונגען דינען ווי ציגל צום געשיכטע־בנין פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער פון דער יידיש־שאַפונג אין לאַנד.

עס קומט באמת דער פּיאָנירן־גרופּע אַ גרויסן זכות, וואָס זי האָט לשון יידיש און יידיש־שאַפונג פאַרזייט אין דעם דעמאָלטיקן האַרטן באָדן און קלימאַט. דאָס

וואָס די גרופּע, פון די „ערשטע צען", האָט טראָץ אַלע שטיינער אין וועג, געבויט, פאַרוואַנדלט יידיש־שאַפונג ווי אַ פּערמאַנענטע טאָג־טעגלעכע רעאַליטעט, האָט דאָך גורם געווען די אויסברייטערונג און פאַרטיפונג פון זייער יידיש־שאַפונג, ווי אַ יסוד אויפצושטעלן, לכשירחיב, העכערע גאָרנס.
ווערן אין דעם ספר אין אַ ריי אַרבעטן דערמאָנט די נעמען פון די צען ראשונים:

יוסף פּאַפּיערניקאָוו, יעקב צבי שאַרגעל, מנחם סטעמפּל, מאָטל וועקסלער, אריה שמרי, אברהם לעוו, הלל שאַרגעל, י. מאניק לעדערמאַן, י. ח. בילעצקי, רקודה פּאָטאַש, שלמה שיינהויט (שנהוד).

אין שאַרגעלס אַ ליד האָב איך אָנגעטראָפן אַזאַ זאָג: „קיינער האָט נאָך נישט פאַרבאָטן דעם חלום צו לויפן איבער פאַרשאָטענע וועגן." און אָט דער חלום איז דאָך פאַרזיים געוואָרן אין דער ישראל־לאַנדשאַפט מיט דעם ערשטן זאַמלהעפט „אָנהייב", דערשינען אין ירושלים אין 1928. אין מיאַמי האָט אויך אָנגעהויבן דערשיינען אין די אַכציקער יאָרן דער זשורנאַל אָנהייב. קומען אויפן געדאַנק פאַרשידענע אַנאַלאָגיעס, אַסאָציאַציעס וועגן דעם פאַרשידנאַרטיקן קלימאַט דעמאָלט אין ירושלים און אין מיאַמי אין אונדזער צייט.

נאָך „אָנהייב" איז דערשינען שטאַמען, און שטאַמען לאָזן זיך דאָך נישט אַרויסרייסן אפילו דורך אַ הוראַגאַן־שטורעם... אגב האָט שאַרגעל אַרויסגעגעבן צוויי בענד ליטעראַרישע עסייען — פון אָנהייב אָן און קוואַלן אַרום געצעלט. מיט רעכט באַמערקט שמואל איזבאַן, אַז שאַרגעל שטעלט היינט מיט זיך פאָר „דער געדענקער און דערמאָנער" פון די וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער שאַפערישער יידיש־באַוועגונג דורך איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט.
יעקב צבי שאַרגעל איז דער איינציקער צווישן די ערשטע אין די מיט־צוואַנציקער יאָרן וואָס האָט געפירט דעם רעגיסטער פון דער ישראל־פּלעיאַדע מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן. און ווירקלעך, ווער עס האָט געלייענט זיינע צוויי בענד עסייען האָט פאַר זיך דאָס בילד פון דער יידיש־באַוועגונג אין לאַנד, ווי אַ צווייג פון דער יידיש־וועלט־ליטעראַטור.
קליין איז געווען די באַוועגונג אין יענע יאָרן. אָבער אָט די פּיאָנירישע קליינע שרייבער־משפחה אין לאַנד האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסן מסירת־נפש פאַרן געדרוקטן יידיש־וואָרט.

בראש פון דער שרייבער־משפחה איז דאַן געשטאַנען דניאל לייבל, ווי אַ מדריך און לערער מיט אַ סך וויסן און קולטור. פאַר די יונגע שרייבערס איז דניאל לייבל געווען אָבער אייניציייטיק אַ פּראָבלעמאַטישע פיגור צוליב זיין מאַרקסיסטישן איינשטעל אין ענינים פון ליטעראַטור און קונסט. אריה שמרי באַמערקט צווישן אַנדערן (אין זיין אַנאַליטישער אָפּהאַנדלונג איבער שאַרגעלס פּאָעטישן דרך) אַז דעמאָלט איז די יידישע פּאָעזיע אין ישראל געשטאַנען פאַר דער סכנה פון פּראָלעטקולטישע השפעות, פאַר פּאַרטייאישע רעזשיסירן. מען האָט אַ סך גערעדט בלשון אנחנו — מיר. און - - - דאָס שיינע אין שאַרגעלס ליד און די דערגרייכונג אין זיין ליד, וואָס ער האָט גובר געווען אין זיך די סאָצרעאַליסטישע באַשטעלונג, ווי זי איז געווען אין דער מאָדע אין די אָנהייב־יאָרן פון יידיש אין ארץ־ישראל".
דערציילט דאָך אין זיין בוך „פון אָנהייב אָן" שאַרגעל אַליין, ווי אַזוי דניאל לייבל־אַלכסנדר האָט געגאַרט צו „פאַרפלאַנצן און פלעגן אַ ציוניסטיש־פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור", ער האָט „געלערנט די כללים פון ציוניסטיש־מאַרקסיסטישן ליד". און דאָס, זאָגט שאַרגעל, האָט „געפירט און פאַרפירט." דאָס ברענג איך דאָ נאָר אגב־אורחא, מחמת מיין הויפּט־טעמע איז דאָך שאַרגעל גופא, זיין אויפטועריש־קייט און דערגרייכונג ווי אַ יידישער פּאָעט, עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער.

דב סדן האָט אין דעם יובל־בוך אויך אַ גרינטלעכע און פאַרנעמיקע אָפּהאַנדלונג וועגן שאַרגעלן. עס איז אי ביאָגראַפיש, געשיכטלעך און ליטעראַריש אַנאַליטיש, וואָס לאָזט איבער ביים לייע־

נער אַ לענגערן נאָכטראַכט. וועלן מיר אָנהייבן פון ביאָגראַפישן טייל, אָפּשטאַם, דאָס שטעטל אין דער אַלטער היים און דער צידה לדרך, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך, ווען ער איז ביי זיינע 20 יאָר פון כעלעם אַוועק אויף זיין וועג קיין ארץ־ישראל.

עס זיינען דאָ צוויי כעלעמס: די שפּעדיקע פאָלקלאָריסטישע כעלמער מעשיות, וואָס זיינען אַ רייכער קוואַל בעל־פּה און בכתב. דאָס איז די אַנעקדאָטישע כעלעם; די אַנדערע כעלעם איז אַן אַלט־יידישע קהילה, פון דעם 14טן אָדער 15טן יאָרהונדערט, איינע פון די אָנגעזעענע יידישע קהילות אין פּוילן, וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט אירע באַרימטע גרויסע רבנים (ווי דער מהרש״א) און לעצטנס מיט יידישע טאַלאַנטירטע שרייבערס.

* * * * *

יעקב צבי שאַרגעל איז געבוירן געוואָרן ביי חסידישע עלטערן, אין דעם רעוואָלוציאָנערן יאָר 1905. ער האָט באַקומען אַ רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע דערציִונג, חדר, ישיבה־יאָרן, וואָס האָבן שפּערער באַגלייט זיין דיכטערישן שאַפן, זיין יוגנט, וואָס איז אויסגעפאַלן אין אָנהייב די 20ער יאָרן, ווען אויף דער יידישער גאַס זענען שוין געווען איינגעפונדעוועטע פּאָליטישע פּאַרטייען פון פרומען לאַגער און פון יידיש־סאָציאַליסטישן בונד און פּועלי־ציון. פון מיינע אייגענע ישיבה־יאָרן געדענק איך, ווי די אידעען און ביכער פון די ראַדיקאַלע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען פלעגן ליגן באַהאַלטן אונטער די גמרות אויף די שטענדערס און באַווירקט די ישיבה־בחורים. יעקב צבי איז באַווירקט געוואָרן פון דער פּועלי־ציון אידעע און פון באָראָכאָוויסטישן יידישיזם. אַן אַקטיווע נאַטור, אָנגעזאַפּט מיט אידעאַליזם דעצידירט ער זיך אין זיין 20טן לעבנסיאָר צו ווערן אַ חלוץ־פּיאָניר אין ארץ־ישראל.

דער וועג פירט דורך טשערנאָוויץ, די שטאָט פון דער באַרימטער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וווּ די אידעע פון יידישיזם און לשון יידיש איז געוואָרן אַ פאָן, אַ גרויסע יידיש־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס האָט זיך צעבליט צווישן ביידע וועלט־מלחמות אויף ביידע זייטן אַטלאַנטיק, בפרט אין מזרח־אייראָפּע מיט די אָרגאַניזירטע גרויסע יידישע מאַסן־באַוועגונגען פון פאַרשידענע ריכטונגען און שאַטירונגען. די יידישע ליטעראַטור האָט זיך צעבליט אין ראַטן־פאַרבאַנד, פּוילן, רומעניע און באַלטישע לענדער.

שאַרגעל האָט אין טשערנאָוויץ זיך באַקענט מיט דער טאַלאַנטירטער יונגער יידישער שרייבער־משפחה, בראש מיט אליעזר שטיינבאַרג. די השפּעה פון אָט דער שרייבער־גרופּע האָט וואַרשיינלעך דעצידירט ער זאָל זיך נעמען צו דער פעדער און פרוּוון זיין שרייבערישן טאַלאַנט.

געקומען קיין ארץ־ישראל אין 1926, האָט ער זיך באַגעגנט מיט עטלעכע יידישע יונגע שרייבערס, וואָס האָבן יידיש לשון און יידיש שאַפונג באַטראַכט ווי אַ נויטווענדיקייט פאַר זיך און פאַרן לאַנד. דער יונגער שאַרגעל פּרוּווט זיין פען אַ ביסל זשורנאַליסטיש און האַלב בעלעטריסטיש, זוכנדיק אַ זשאַנער אין וועלכן ער זאָל געפינען זיין באַרוף. זיין אַקטיווע נאַטור איז אויך משפּיע די קליינע גרופּע יידישע שרייבערס אין לאַנד, וואָס געפינען זיך אונטער דער השפּעה פונעם פריער שוין דערמאָנטן דניאל לייבל. נעבן אים ווערט שאַרגעל דער ענערגישער אַקטיוויסט צו באַווייזן מיט מעשים אין אַ געדרוקטער אויסגאַבע, אַז עס איז דאָ אַ יידישע שרייבער גרופּע, פּיאָנירן, די אַ״ג „ערשטע צען״. שאַרגעל איז דער אַקטיווסטער און ענערגישסטער פון דעם „צענדליק״ וואָס האָט דורך דעם זאַמלהעפט „אָנהייב״ (1927) פּראָקלאַמירט „מיר קומען אָן״. די שפּעטערדיקע אויסגאַבע „שטאַמען״ האָט נאָך מער פאַראַנקערט לשון יידיש אין אַלט־נייַלאַנד.

אין 1927 דרוקט שאַרגעל אָפּ זיין ערשט ליד אין „אַרבעטער צייטונג״ (וואַרשע). ווען עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין ארץ־ישראל די צוויי וואָכיקע יידישע צייטונג „נייַוועלט״ ווערט שאַרגעל איינער פון אירע רעדאַקטאָרן, ווי ער איז עס שפּעטער געוואָרן פון דער אויסגאַבע „אויף דער וואַך״. זיין דינאַמיק קענטיקט זיך בולט אין העלפן גרינדן

און אויפהאַלטן יידישע צייטשריפטן אונ־טער יתרוס נעמען צוליב די דעמאָלטיקע לאַנד־געזעצן. ווען עס קומט אויף דער געדאַנק צו שאַפן אַ קלוב פון יידישע שרייבערס אין לאַנד, ווערט שאַרגעל איינער פון די באַגרינדערס פונעם קלוב, ווו ער נעמט אויף זיינע פלייצעס דעם יאָך פון סעקרעטאַר. אַזוי אַרום זעען מיר אים אויף פאַרשידענע אָפּשניטן פון יידישער קולטור־טעטיקייט אין לאַנד אין וועלכער ער איז איינער פון אירע זיילן איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט.

שאַרגעל, דער ליטעראַרישער רעדאַק־טאָר פון „די ישראל שטימע", האָט די ליטעראַרישע זייטן פון דער צייטונג פאַר־וואַנדלט אין דער מזרח־וואַנט פון דער אויסגאַבע און דאָס איז זיין זכות. אגב, האָט שאַרגעל אויך רעדאַקטירט די העב־רעישע יאָרביכער ק ט י ף. און ביי דער געלעגנהייט איז אויפן אָרט צוצוגעבן אַז די אַלע שעפערישע אַקטיוויטעטן זענען ביי אים געווען — אויסבאָרגנדיק ד"ר הערצלס באַפליגלטן זאָג — דער שבת פון זיין לעבן. אין דעם זין האָט נאָך בייניש מיכאַלעוויטשעס טויט (1928) י. כמורנער געשריבן אין זיין נעקראָלאָג־אַרטיקל „ביניש האָט זיך נישט מקריב געווען: זיין קאַמף, און זיינע הערצישע יאָרן דורך טורמעס און קאַטאָרגע פאַר דער סאָציאַליסטישער אידעע — איז גע־ווען דער שבת פון זיין לעבן.

* * * * *

איז שוין צייט מיר זאָלן מעיין זיין אין זיינע לידער־ביכער — אַ האַלבער טוץ שוין (אַחוץ די צוויי בענד זכרונות, וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַ בוך לידער זיינע איבערגעזעצט אין עברית, און זיינס אַן איבערזעצונג פון מרדכי נמירס בוך „שליחות במוסקווא" אויף יידיש — צוזאַ־מען, אַ קיילעכדיק צענדליק ווערק ביי אַ דיכטער וואָס איילט זיך נישט אַרומצו־נעמען זיינע שאַפונגען וואָס גיכער צווישן צוויי טאָוולען. יאָ, שאַרגעל האָט נישט נאָכגעפאָלגט די פון דער פּאָעטישער ספערע, וואָס זענען אין גרויס איילעניש וואָס גיכער אַרומצונעמען מיט טאָוולען אפילו נאָך האַלב־צייטיקע לידער. ער איז זיך געגאַנגען זיין דרך מיט פּאַמעלעכ־דיקע טריט, געגאַנגען און דערשפּאַנט צו צייטיקייט. —

שאַרגעל האָט שטאַרק מקפּיד געווען נישט אַריינצונעמען אין בוך־פאָרם נאָך נישט רייפע פּירות און דאָס איז זיין זכות און שבח, וואָס ער האָט באַקומען בשפע אינעם יובל־בוך. אַ וויכטיקער עלעמענט אין זיין ליד און פּאָעמע איז, וואָס ער פאַרבינדט זיין שטעטל־היים און זיין גורסא דינקותא מיט זיין ארץ־ישראל היים. זיין פּאָעטישער שליאַך פירט דורך דעם נעכטן, היינט צום מאָרגן — רינגען פון איין דורותדיקער קייט.

פונקט צו צען יאָר נאָך זיין דעביוט פון זיין ערשטן ליד (1927), איז דערשי־נען זיין ערשטער לידער־בוך „אין בלוי־ען ליכט". דער אָפּרוף איז אין אַלגעמיין אַ גוטער. דניאל לייבל, וואָס האָט גע־טראָגן דעם שטריימל פון אַ ליטעראַרישן מדריך (זיין צווייטער שטריימל — דער מאַרקסיסטישער מדריך) האָט אין זיין רעצענזיע אָפּגעשטעלט זיך אויף דעם אָפּטייל פון דער זאַמלונג, די לידער פון די לעצטע צוויי יאָר אין לאַנד (וואָס טראָגט דעם טיטל פון בוך), דאָס זענען געווען די יאָרן פון פּאָגראָמען אין לאַנד און „פון טיפער מענטשלעכער שאַנד". ריכטיק באַמערקט דניאל לייבל דעם אונ־טערשייד פון טערמין „אָריענט" ביז „מזרח". דאָס ערשטע איז נישט יידיש און קלינגט מיט פרעמדקייט פאַרן יידישן אויער און אויג, בעת מ ז ר ח איז היימיש און זאָגט שוין עפּעס אַנדערש.

ער מאַכט אים אויך אויפמערקזאַם אַז די איבער־לעבונגען דאַרף מען נישט „ליטעראַריזירן" און ער דאַרף אויך אויס־מיידן „איבעריקע שפּע אין רעפ־לעקסן". ער הייבט אָבער אַרויס און צי־טירט זיינע בעסערע לידער, בפרט זיין מאַמעס זאָגן אַ שטיקל „גאָט פון אַברהם" און ער פאַרענדיקט זיין רעצענזיע: הלוואי זאָלן אַלע לידער פון יונגע יידישע שריי־בער זיין אַזוי געווויגן און געמאָסטן, אַזוי ריין, אַזוי האַרציק, אַזוי העכט, ווי דאָס". (נייוועלט", דעצ. 1937).

דער יונגער שאַרגעל האָט געלייגט גרויס אַכט אויף די אָנמערקונגען פון זיין

מדריך און געשליפן זיין פּאָעטישן וואָרט,
מיט טיפער אַחריות פאַר זיין יידיש לשון,
דאָס ליד זאָל ווערן גוט אויסגעצייטיקט
פאַרן אַריינגיין אין בוך. דעריבער איז
זיין צווייטער לידערבוך „פון וויי און
גלויבן" דערשינען מיט 22 יאָר שפּעטער
(1959). דאָס בוך איז אַ צונויפזאַמל פון
העכער 20 יאָר דיכטערישע אַריינטראַכ־
טונגען פון די שוידערלעכע יאָרן, 1939,
ביז דער אַנטשטייאונג און אויפשטייג פון
דער מדינה, וואָס מיינט: חורבן, אבילות
און אויפריכטונג.

יעקב גלאַטשטיין האָט אין זיין פיינער
רעצענזיע פון דעם לידערבוך זיך אָפּגע־
שטעלט אויף די צוויי הויפּט־מעלות פונעם
דיכטער: „זיין געוועבטער און געשטריק־
טער יידיש — וואָס שפּיגלט מיט קינסט־
לערישער רייכקייט — און די מעלה פון
נאַטירלעכער ארץ־ישראלדיקייט". ביי
דער געלעגנהייט טוט גלאַטשטיין אַזאַ זאָג
וועגן מצב פון יידיש (אין 1959), און די
„געגעבעכטע קלאָגרייד"...

כדאי אָפּצופרישן פאַר אונדז יידישע
שרייבערס זיינע ווערטער מיט קלאַפּע 30
יאָר צוריק: „כ'ווייס נישט באמת וואָס איז
פאַנטאַזיע און וואָס איז די וואָר. אויב
לידער שרייבן איז פאַנטאַזיע־יידיש און
דער מצב פון יידיש איז די וואָר, איז די
פאַנטאַזיע אַ סך לעבעדיקער און אמת־
דיקער פון דער וואָר. נישט נאָר לעבע־
דיקער, נאָר זי מאַכט זיך לחלוטין נישט
וויסנדיק וואָס די וואָר פאַרברעכט די
הענט"...

זיין דריטער לידערבוך „זוניקע שוועלן"
(1968) האָט באַקומען גאָר אַ סך לויב
אין אַ צאָל אָפּשאַצונגען בכל תפוצות
ישראל. מיין ווייניקייט האָט דאַן אין אַ
קורץ־געפרעסטן אַנאַליז אויפגענומען דעם
סוגעסטיוו־סימבאָלישן אָנדייט פונעם
בוך־טיטל אין פאַרשידענע דימענסיעס:
אינעם שטח, אין צייט און אינעם געמיט
פון אַ ישראל־דיכטער. דריי וואָס זענען
אין תוך גענומען איינס.

דורך די "שוועלן" גייט דורך די חומש־
דיקע לאַנדשאַפט פון ארץ כנען מיט די
אָבות („דאָ האָבן געשפּאַנט מיינע זיי־
דעס") און אַוודאי גייט דורך די געדענק־
שאַפט פון דער אַלטער היים („כעלעם
האָט געהייסן מיין שטאָט"), מיט „דאָס
פאַרבאָרגענע ליכט אין טויזנט גע־
שטאַלטן". מיט פּיעטעט און ליבשאַפט
באַוינגט ער די פלאַטערנישן און בענק־
שאַפטן, וואָס טוען קומען צו אים „געהילט
אין רעגנבויגן".

געווען אין שטוב נישט ווייניק נויט,
אָבער געווען אויך די „די שיין", די פאַר־
הוילענע, וואָס האָט פול געמאַכט די
שטוב..." „ווער האָט געזונגען דאָס
ליד / פון ייד / וואָס בענטשט אין פינצ־
טערניש דאָס ליכט? - - - וואָרעם דאָס
ליד פונעם ייד / וואָס בענטשט אין פינצ־
טערניש דאָס ליכט / איז אַריין צו מיר
אין וווינונג / אומגעריכט — / און אַ
היים געוואָלט."

די צווייטע הויפּט־מעלה וואָס גלאַט־
שטיין האָט שוין דערמאָנט פריער, קומט
נאָך בולטער צום פּאָעטישן אויסדרוק אין
שאַרגעלס באַגייסטערטע געזאַנגען צו דער
ישראל לאַנדשאַפט, אַקאָמפּאַנירט מיט אַ
תנכישן עכאָ, פאַרמאָגן זיי אַ העל־קלאַנ־
געדיקן ריטם, אַ קרעפטיקע קלאָרקייט
פון געפיל און שטימונג. אין זייער אויס־
דריקלעכער בילדערישקייט און באַדייטי־
קייט איז פאַראַן נישט נאָר אַ נאַציאָנאַלע,
נאָר אויך אַן אוניווערסאַלע פאַרב, פונקט
ווי די לידער וואָס זענען אונדז אויס צו זיין
ליבע־מאָטיוון, קאָנען אויך זיין געזאַנגען,
דינע געפיל־טענער צום לאַנד און היים
אין וועלכע דער דיכטער־חלוץ האָט אַ
חלק ונחלה..." (פון מיין בוך „אויפן צו־
שיידוועג).

שאַרגעל האָט געשריבן נישט ווייניק
לידער פון וויי און צער. ער האָט אָבער
אויך געזען ווי עס „קומט דאָס ליכט פון
די שטיינער און זאָגט גוט־יום־טוב דעם
טרויער." ועל כולם איז דאָך דער דיכטער
אַן אומגעזעטיקטער פּייזאַזשיסט. די אַלטע
היים, בפרט די נייע היים, האָט אים צוגע־
שטעלט גענוג פּייזאַזשן צו דערקוויקן זיין
האַרץ און דעם לייענערס.

בעיקר פאַרבינדט זיך דאָך אין זיין
פּאָעטישן שאַפן די נאַטור־וועלט מיט

מענטש־וועלט, אין זיינע פֿאַרשידענע ריטמען. עס שיינט מיר, אַז פֿון זיינע זעקס לידערביכער איז „זוניקע שוועלן" די סאַמע פּאָעטישסטע אויטאָביאָגראַפֿיע פֿונעם מחבר.

אין די ראַמען פֿון דעם זשורנאַל איז מיר נישט מעגלעך מיטצושפּאַנען מיטן מחבר פֿון בוך צו בוך און קריטיש אַנאַליזירן די איינדרוקן און מחשבות פֿון שאַרגעלס אימאַזשנירנדיקע לידער און זייערע רעפֿלעקסן ביים לייענער. געוויינטלעך זענען דאָך לידער מער פֿאַרן אויער ווי פֿאַרן אויג. מיר דערהערן די קלאַנגען (פֿאָנאָלאָגיע), די געמיט־עמפּפֿינדונגען און די אַלע אַסאָסיאַציעס, וואָס דער וואָרט־קלאַנג און אָפּקלאַנג רופֿט אַרויס אין אונדזער געמיט.

אָבער איך האָב איינגעזען, אַז ביי שאַרגעלן איז ווייניק צו הערן בלויז מיטן אויער. פֿאַראַן ביי אים לידער וואָס פֿאַרלאַנגען אויך די ראיה פֿון אויג, נישט בלויז צו זען נאָר — צו דערזען די בילדער און חזיונות, וואָס פֿאַרקנסן אינהאַלט מיט פֿאָרם. עס האָבן מיך זייער באַאיינדרוקט די שורות אינעם יובל־בוך פֿון מיין חשובן פֿריינד, דער ייִדיש־העברעיִשער פּאָעט י. ח. בילעצקי. אין שייכות מיט שאַרגעלס לידערבוך „טויערן אין די בערג", באַמערקט ער: — זוכן מיר דערייבער אין שאַרגעלס נייעם לידער־ספֿר אַ ליכטיקע ראיה, אַ לעבעדיקן אָטעם, דעם ייִדישן בעל־חוב אויף בלוטיקע וועלט־וועגן, וואָס צאָלט און צאָלט זיינע חובות, דעם חשבון פֿון יחיד און פֿון דער עדה; און דו זוכסט דעם גאַנג צווישן טויערן אין די בערג, דאָס שטייגן אויף באַרגיקע טרעפּ . . . און ווייל דו ווייסט אַז אין לאַנגאָניקן חלום זענען אין וועג פֿאַרבליבן גייערס, גייערס ווידערשפּעניקע... מורדים מיט פּלייצעס און מיט אמונה, מיט ברויז און מיט אומרו, מיט חלום און וויזיע..." (ז' 117).

אַזעלכע שורות לאָזן איבער אַ נאָכטראַכט, אַ נאָכקלאַנג, מחמת עס באַרירט ניט בלויז שאַרגעלס דיכטערישע וואָרטשאַפֿט פֿון זיינע „טויערן אין די בערג" און נישט בלויז פֿון זיינס אַן אַנדער לידערבוך, נאָר בכלל דעם גורל פֿון אונדזער זיין, וואָס פֿאַרחלומט די וואָר פֿון דער וועלט — ווי עס זאָגט שאַרגעל אין זיין ליד געווידמעט דעם עברית־פּאָעט אמיר גלבוע: „צו זיין אַ פּאָעט אין אַ צייט אַ ליידיקע, שרייבט ער איבער די חלומות זיינע אין נביא־פּסוקים געאַרבעטע / און רעדט אַרויס מיט רייד פֿון די שלאָפֿנדיקע / וואָס וועקן אים און מיך / און די אַלע וואָס שלאָפֿן..."

אָט די נאָכטראַכטנדיקע שורות דערמאָנט חיים זעלצער אינעם יובל־בוך ביים סוף פֿון זיין אָפּהאַנדלונג (איבער שאַרגעלס זעקסטן לידערבוך „ליכט פֿון מיין גאַס" — 1984). ווי אין זיין פֿינפֿטער לידער־זאַמלונג „האַרבסטיקע טרויבן" איז אויך צו זיין זעקסטן צוגעפּאַסט דער מאָטאָ, וואָס איך נעם פֿון צוויי שורות אין זיינס אַ ליד: „דער חלום האָט צוגעמאַכט די אויגן / און מיך געלאָזט אַליין מיט דער וואָר"... עס איז גוט וואָס מיר געדענקען אַז ייִדישע געשיכטע גייט זיך מיט אַן אַנדערשדיקער אייגנאַרטיקע וואָר, וואָס מ'זעט נישט מיטן אויג אויפֿן אויבערפֿלאַך פֿון טאָגטעגלעכקייט.

ווייל איך פֿאַרענדיקן מיין אָפּהאַנדלונג איבער דעם יובל־בוך, וואָס איז מלא וגדיש מיט דעם בעל־יובלס פּאָעטישן דרך און אויפֿטו. זיין דיכטערישן בוי־און־בינדזאַץ; דער ריטם פֿון זיין ווייסן פֿערז און פֿון פּאָעטיש־טראַדיציאָנעלן. די אַלע עסייען באַגלייטן דעם בעל־יובל מיט טיפֿער אָנערקענונג פֿאַר זיין אויפֿטוערישקייט און דיכטערישע דערגרייכונגען. עס ווערן אויך אַקצענטירט זיינע מענטשלעכע מעלות טובות, זיין פֿאַרגינערישקייט לגבי קאָלעגן, וואָס איז דאָך נישט קיין צו אָפֿטע דערשיינונג אין דער שרייבערישער וועלט (ביי די אומות העולם, ביי אונדז).

ווידער אין די ביבליאָגראַפֿישע שורות איז אויך פֿאַרצייכנט די צאָל ביכער וואָס זענען אַרויס אונטער זיין רעדאַקציע און פֿאַרזען מיט אַריינפֿירן. דאָס אַלץ איז גוט און פֿיין, אָבער מיר אינטערעסירט נישט נאָר וואָס איז דאָ אין די שורות נאָר אויך צווישן די שורות, וואָס סטימולירן אַ נאָכ־

טראַכט נאָכן אַוועקלייגן דאָס בוך. און מיך האָבן באַגלייט אַ סך נאָכטראַכטענישן נאָכן אַוועקגיין פון דעם ספר.

אונדזער געמיט איז באַשווערט מיט דער מערכה פון יידיש און מיר פרייען זיך מיט דעם וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין דער מדינה (און מיר ווינטשן זיך אַ פיל בעסערע מערכה). איך האָב אין אַ ריי ערטער פון דער אָפּהאַנדלונג דערמאָנט דב סדאַן, וואָס איז מיט זיין פעדער און שיעור קומה אויף די העברעיש־יידישע געמאַרקן אַ בר־סמכא, און ער שטעלט אַוועק די שאלה צי דער הערמעטישער פּראָצעס מצד דעם העברעישן צד אין דער קעגנערשאַפט צו יידיש איז געווען אַ באַרעכטיקטער בשעתו? ער באַמערקט, אַז גראָדע ביאַליק האָט אַרויסגעוויזן אַ טיפערן היסטאָרישן חוש ווי זיינע אָפּאָנענטן מיט זייער פּאָביע קעגן ייִדיש. ער פּאַראַפראַזירט ביאַליקס זאָג דאַן, אַז העברעיש דאַרף מען רעדן און יידיש רעדט זיך — און היינט, בפרט ביים יונגן דור, ווען העברעיש רעדט זיך און יידיש דאַרף מען רעדן, לכל הפחות פאַרשטיין.

אויף דעם געביט דאַרף נאָך זיכער אַ סך געטאָן ווערן צו שטאַרקן דעם באַוווסטזיין, ווי לעבנסנויטיק עס איז פאַר אונדזער פאָלק, אין דער מדינה און די תפוצות, אָפּצוהיטן אַלע זיינע קולטורווערטן, בפרט פון אונדזער מזרח־אייראָפּעישער תקופה („די גאָלדענע תקופה", ד"ר יהושע העשל).

דב סדן שטעלט אויך אַוועק אונטער אַ פראַגעצייכן „דאָס וויטערדיקע אָנהאַלטן פון אַ הערמעטישער איינשפּראַכיקער אָפּגעשלאָסנקייט", איז עס היינט טאַקע נויטווענדיק פאַרן העברעישן צד? ער דעפּינירט זיין איינשטעל, אַז הגם „אין עצם ענין לשון זענען די העברעישע דיכטערס די עיקר־מחותנים" (אין דער מדינה), אָבער אָן יידיש לשון „וואָלט געפעלט אַ שטאַרקע היימישע סטרונע אין דער דאָזיקער האַרפע" (העברעיש — ז' 189).

ווער איך דעם מאמר מסיים זיין מיט שאַרגעלס אַ וואָרט אויף אַ יובל־פייערונג פון יידישן שרייבער־פאַראיין, ווי נויטיק עס איז אַ מין אוניע פון ביידע לשונות, וואָס יעדע איינע באַמיט זיך אַריינצוטראָגן אין דער שותפות וואָס מער, וואָס בעסערס — — — דאָס וואָלט דאָך אונדז געקענט דערהייבן.


## מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים

בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

## G. FRYDMAN

"HESHBON" — G. FRYDMAN, *Fin. Secretary*

337½ No. Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

Phone: 655-1292

פאַרוואַלטונג „חשבון"

משה עטינגער / ניו־יאָרק

# צוויי לידער

## חוכה וטלולא *

די וועלט דערציילט אַ מעשה מיר
אַ מעשה פון זמנים פיר:
דער ערשטער גייט אין רעגנשיך
מיט דונער און מיט בליץ
טראַכט ער אַז אַ געוויטער איז
סתם אַזוי אַ וויץ.

דער צווייטער שפּאַנט מיט שטורעמשטיוול
איבער שניי און אייז
מיינט ער אַז וואַרעם איז
דער פראָסט בכלל ניט בייז.

דער דריטער טאַנצט מיט שפּראָצלען גרין,
בלימלעך, און מיט צוויט,
זינגט ער אַ זמר
און אַלץ איז וווּל און גוט.

דער פערטער וועקט זיך פון שלאָף
אַן אויסגערוטער יאַט —
תבואה־זאַנגען כאָוועט ער
די וועלט צו מאַכן זאַט.

נאָר די וועלט אַ זלודנע איז
אין זמנים פיר פאַרשטעלט; —
איז די מעשה ניט קיין מעשה —
ניט ווערט אַ גראָשן געלט.

---

* געלעכטער שפּאַס

## אין שרעקלעכע טעג

זרח דער מטורף שטייט אויף די טרעפּ פון
שפּיציקן פּוילישן קלויסטער און האַלט
צוויי אויסגעלאָשענע ליכט.
דער מאַרקפּלאַץ, דער רינג, ליידיק און
הפקר ער עיפּושט;
שוואַרצע שווערע וואָלקנס פאַרדעקן
דעם הימל
אַז מ'זאָל ניט זען ווי די זון וויינט.
מיין פאָטער דער שותק זיצט אין
אַ טאַטשקע
אַ נאַקעטער ביז צום גאַרטל
אַן אויסגעצאמטער פון הינגער
קלאַפּט ער מיט די דאַרע פינגער
אויף די אַרויסגעשטופּטע ריפּן
ווי אויף סטרונעס פון אַ צימבל
אַ מיתה־משונהדיקן ניגון.

כּץ דער שכן שטופּט מיט גרימצאָרן די
טאַטשקע
איבער די חורבה־גאַסן.
זיי אַנטקעגן קומט אַברהם בער דער קברן
און מיט אַ הייזעריקן קול ער שרייט —
„שוין צו שפּעט, כ'קען מער ניט גראָבן,
מער ניט טשערפּיס אויף די טויטע אויגן
ליגן.
ר' איציק, איר וועט מוזן קוקן און מוזן
שווייגן."
מיין פעטער דער קדוש הי"ד קרעכצנדיק
ענטפערט :
ניין! ניין! — כ'וועל ניט שווייגן !"
און האָט אויסגעהויכט די נשמה.

אַלע ווילדע ווינטן האָבן זיך צעבלאָזן.
אַלע בייזע רוחות האָבן זיך באַוויזן.
אַ מבול פון בלוט, צער און שוידער
האָט זיך אויסגעגאָסן !

חיים פלאָטקין / ניו־יאָרק

## באַקרוינט

דער שטערן,
ווי נאָר־וואָס געבוירן,
קוקט דערשטוינט:
דעם וועג אַהער
מיינע ברידערלעך האָבן פאַרלוירן
און נאָר מיך —
האָט גאָט
מיט אַ פונק געקרוינט?
נישט לאַנג איז דער איינציקער שטערן
אויפן הימל געבליבן אַליין:
— מיין שאָטן האָלט אין ליכטיק ווערן!
די הימלישע כלה,
מיט שטערן, אין איר זילבערנעם שלייער,
ווי צו דער חופה
איז געקומען צוגיין,
מיין וואַרטן באַלוינט:
דער נאַכטיקער חן —
די לבנה האָט באַקרוינט.

רבקה קאָפּע / פּאַריז

## צעשיידט

פֿאַר מיין טאָכטערל פּאַניעלע

ווי וואָלט איך איצט דיינע האָר קאַמען,
מיט דיר זיין אַ ווייליגקע ביינאַנד.
ווי זעלטן ווען זענען מיר צוזאַמען,
און מיר בענקען דאָך אינעם זעלבן לאַנד!

שעמעוודיק ביסטו פֿאַר מיר געשטאַנען
ווי אַ שטערנדל געבליקט אין דער ווייט,
און שווער איז געווען דאָס באַקאַנען —
אויף אייביק כ'האָב פֿאַרלאָרן דיין
קינדהייט!

דיין קוש אויף מיין שטערן האָט געציטערט,
ווי אויף אַ בלאַט דער מאָרגנטוי,
"זיי געזונט", האָט דיין שטים זיך געביטערט
און ווידער זיך צעשיידט אָט אַזוי.

איצט ברענג איך דיך פֿאַר מיינע אויגן,
פֿאַלט אַרויס אַ פֿאַרהוילענע טרער;
ווערסט פֿאַרוואַנדלט אין אַ רעגנבויגן,
שווימסט אַרויף אויף די שורות אין קאָליר.

מערץ 1944

## אַ דערמאָנונג

דאָס גרינע בגד פונעם בוים
האָט צוגעאייגנט זיך די ערד.
פרעסטלט אין די ביינער־צווייגן,
ווען ערד טראָגט דאָס איבערבעט.

איצט ריידן שוין די שניי־קנאָספּן,
איז יעדער בוים אַ צוקער־ליד,
וואָס ליכטיקט אויס מיין געמיט —
און כ'זע מיין מאַמעס ווייסע הענט,
וואָס האָבן אויך דעם סוד געקענט:

אין אַ ווינטערטאָג אין אַ זאַוויי —
גאָמולקעס קנעטן פונעם שניי...

לילי בערגער / פּאַריז

# די לעצטע נאַכט

(דערציילונג)

שווערע נאַכטיקע שאָטנס האָבן איינגעוויקלט דאָס קליינע, אָרעמע צימער. דאָס לעמפּל אויפן שרייבטישל, אַן איבערגעדעקטס מיט אַ טיפן טונקעלן אַבאַזשור, וואַרפט קוים אַ בלאַסן אָפּשיין אַרום זיך. די אַראָפּגעלאָזענע שוואַרצע פּאַפּיר־ראָלעטע איבערן פענצטער זעט אויס ווי אַ טרויער צודעק איבער אַן אָרון. אַ געדיכטער קלעפּיקער אומעט געמישט מיט אומרו פילט אָן דעם קליינעם חלל. אומעט און אַנגסט פלעכטן זיך צוזאַמען, דרייען זיך אין דער לופט אין משונהדיקע זיגזאַגן, קריכן צוזאַמען מיט די שאָטנס אויף די ווענט, פילן אויס אַלע ווינקעלעך, אַלאַרמירן, שרייען שטומערהייט, ווי הונדערטער געפערלעכע שלאַנגען וואָלטן פון דרויסן באַלאַגערט, אַרומגעדרענגט דאָס הויז, געשלייכט זיך דורך די פאָרן פון די ווענט, געשטופּט זיך דורך אַלע שפּאַרונעס, געסיטשעט דראָענדיק דורך די גיפטיקע ציינער.

דאָס אַלטע פאַרזשאַווערטע אייזערנע בעטל איז אויפגעבעט, אָבער ליידיק. דער האַרטער געלעגער וואַרט אויפן קאַרגן ביישלעפער. די מי און מאַטערניש פון טאָג האָבן אים נישט געבראַכט דעם שלאָף. די בהלה אין האַרץ האָט אים פאַריאָגט. דער וואַכיקער איז ביים טישל אָנגעבויגן איבערן פאַפּיר, פירט איילִיק מיט דער פעדער איבערן בייגעלע, באַדעקט דאָס ווייסע פאַפּיר מיט דראָבנע שוואַרצע צייכנס, אויסגיסנדיק אין זיי דערינערונגען פון אַמאָל, אָנטרייענדיק זיי די איצטיקע איבערלעבונגען. דער מידער קאָפּ הייבט זיך פלוצלינג אויף. די פעדער פאַלט אַרויס פון האַנט. דער וואַכיקער רייסט זיך אָפּ פון טישל מיט וועלכן ער איז געווען ווי צוזאַמענגעוואַקסן.

אַ קליינגעוויקסיקער, דראָבנער, אייסגעדאַרטער, איינגעטריקנטער, זעט ער אויס אויף אַ קרענקלעך, שלעכט אַנטוויקלט יינגל. איבערן אויסגעמאַטערטן, איינגעשרומפּענעם גוף הייבט זיך אָבער שטאָלץ אויף אַ הויכער, קלוגער שטערן פון אונטער וועלכן ס'קוקן אַרויס צוויי טיפע, בלוי־וואַרעמע אויגן. איבערן לענגלעכן, אויסגעצערטן, צעאַקערטן פּנים איז אויסגעגאָסן אָן אַ שיער צער און גוטסקייט, ווייטיק און ליבשאַפט. דער אַלטער מאַן מיטן איינגעשרומפּענעם גוף בלייבט שטיין אַ פאַרגליווערטער, בלויז דער קאָפּ באַוועגט זיך לאַנגזאַם און אומרויִק. דאָס געדיכטע בערדל ציטערט אונטער ביי יעדער באַוועגונג פון קאָפּ. צוויי אומרויִקע, פאָרשערישע אויגן קוקן, קוקן אַרום זיך, ווי זייערע בליקן וואָלטן געוואָלט מיט זייער שאַרף אַדורכדרינגען דורך די ווענט, אויספאָרשן די געפאַרן, כדי זיי אויסצומיידן.

* * * * *

דאָס געטאָ איז פאַרזונקען אין נאַכטיקער שטילקייט. די שטילקייט איז געדיכט צום איינהאַלטן פונעם אָטעם ביי אַ שווער באַדראָטן, וואָס באַהאַלט זיך אויס פאַר זיין פאַרפאָלגער הינטער אַ גאָר נאָענטער וואַנט. פון צייט צו צייט רייסט זיך דורך דער נאַכטיקער שטילקייט אַ טויטער קלאַנג פון אַ זאַלפּ.

דאָס געטאָ איז איינגעוויקלט אין אַ געדיכטן נעפּל פון אַנגסטיקער שרעק. איבערן געטאָ הענגט אַ שוואַרצער, דראָענדיקער הימל. די אויגוסט־לופט איז אַ הייסע, אַ פאַרנע, אַ שטיקנדיקע, אָבער מענטשן ליגן אויף זייערע געלעגערס אין די באַהעלטענישן איינגעדרענגט, איינגעקאָרטשעט, ווי פון אַ שטאַרקער פראָסטיקער קעלט. דאָ און דאָרט איז אַ משפּחה פאַרבליבן ווי אַ צעקאַליעטשעטער קערפּער פון וועלכן מ'האָט אָפּגעהאַקט גלידער. גאַנצע הייזער זענען אויסגעליידיקט. זינט דעם 22טן יולי ווערט דאָס געטאָ מיט יעדן טאָג שיטערער. מיט זעקס טויזנט, צען טויזנט אַ טאָג.

בייטאָג גייט דער טויט אַרויס אין דרויסן, ער הוליעט אויף די געטאָ־גאַסן, אויף די הייפן; ער יאָגט זיך ווילד נאָך די בעטלערס, נאָך קינדער, וואַרפט זיך אויף יעדערן, וואָס שטעקט אַרויס דעם קאָפ. דער טויט באַפעלט, אַפעלירט צו קומען צו אים פרייוויליק. ער זאָגט צו צו באַלוינען די פרייוויליקע מיט דריי קילאָ ברויט און אַ קילאָ מאַרמעלאַד... דריי קילאָ ברויט און אַ קילאָ מאַרמעלאַד.

דאָס געטאָ איז אַן אַרומגעצוימט, פאַרמאַכט יאַגד־פעלד. דער טויט האָט פאַנאַנדערגעלאָזט זיינע יאַגד־הינט, זיי שנאָרכן אויס, שטעקן אַריין זייערע שפּיציקע מאָרדעס אין אַלע נאָרעס. בלויז דער אָנגעהויפטער פינקערט־וואָגן פון וועלכן ס'רינט בלוט, קורסירט אימגעשטערט. לאַנגע קאַראַוואַנען ציען זיך פון פרי ביז נאַכט צום אומשלאַג־פּלאַץ. דער דייטשער מלאך־המוות שניידט דערווייל זיין שניט בלויז בייטאָג, לויט דעם שטייגער פון אַן אַרבעטס־טאָג — ביז 6 אַזייגער.

* * * * *

דאָס געטאָ איז פאַרזונקען אין אימהדיקער נאַכטיקער שטילקייט, אין אַנגסטיקער דערוואַרטונג. אויף בוידעמער און קעלערס שלאָפן מענטשן מיט אַן אומרואיקן, קאָשמאַרן שלאָף. ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק שלאָפט נישט. יאַנוש קאָרטשאַק וואַכט אין די נעכט — שרייבט, נאָטירט, הערט זיך איין אין דער דראָענדיקער שטילקייט, טראַכט נאָך, זוכט עפּעס צו צוטראַכטן. אַרום אים, אויבן און דערנעבן שלאָפן איבער צוויי הונדערט קינדער, זיי גלויבן אין אים, האָבן צו אים אַזוי פיל צוטרוי. זיי שלאָפן מיט אַ האַרטן קינדערישן שלאָף. די געטאָ־בהלה איז צו זיי נישט אַריינגעדרונגען. קאָרטשאַק דערלאָזט נישט, אַז פּאַניק און אימה זאָלן זיך באַזעצן אין זיין הויז, אַז שרעק זאָל צעקלעמען די קינדערשע הערצער. זיי זעען אויס צו זיין רויק, זיינע קינדער. וואָס האָבן זיי זיך צו שרעקן, אַז דער דאָקטער, זייער שטענדיקער באַשיצער איז מיט זיי? האָט ער זיי דען נישט געשיצט קעגן הונגער און שלאַפקייטן? קעגן אַלע פּלאָגן? מיט זייער דאָקטער פילן זיי זיך זיכערע אין דער שווערער בהלה־צייט. זיי שלאָפן נאָך אין זייערע בעטלעך.

יאַנוש קאָרטשאַק שלאָפט ווייניק ביינאַכט. איצט דוכט זיך אים, אַז ער הערט ווי די קינדער עטעמען שווער, ער זעט זייערע קאָשמאַרע חלומות, פילט ווי זייערע אויגן זענען געווענדט צו אים; זיי שטרעקן אויס צו אים די הענט, קלאַמערן זיך אין אים שטאַרק, זייער שטאַרק. ווי אַזוי זאָל ער זיי ווייטער שיצן און באַשיצן? ווי אַזוי? אין האַלדז שטיקט, ער וויל שרייען, רופן נאָך הילף. אָבער צו וועמען? צו דער וועלט? ער פירט איצט מיט איר אַ דעבאַטע, אַ שטומע דעבאַטע מיט דער וועלט. און מיט זיך גופא. מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן און מיט אַ שטומען מאָנאָלאָג אויף די ליפן, שפּאַנט ער לאַנגזאַם מיט באָרוועסע פיס הין און צוריק, קוים אָנרירנדיק דעם דיל:

— ביסט טויב און בלינד, וועלט, מיר שרייען, רופן צו דיר און דו הערסט נישט; מיר גייען אָפּ אין בלוט און דו זעסט נישט. אונדזערע אויגן קאָנען שוין נישט וויינען, די מידערן האָבן זיך אויסגעטריקנט. מיר קענען שוין נישט שרייען מיט קיין מענטשלעכער שטים, מיר ברומען ווי געיאָגטע, פאַרוווּנדעטע חיות, מיר כאָרכלען אונטערן חלף אין גסיסה־קאָנוווּלסיעס. דערגייט עס נישט צו דיר? און אפשר ווילסטו נישט הערן און זען? אפשר פאַרשטאָפּסטו דיר די אויערן? אפשר...? האָסט באַנקראָטירט, וועלט! האָסט אַליין אַרויסגעגעבן אויף זיך אַן אורטייל. דיין ציוויליזאַציע, דיינע גרויסע אידעאַלן, דיינע... דיינע... אַלץ, אַלץ באַנקראָט! און איך... איך אויך באַנקראָט, אַ גרויסער באַנקראָט. אָנגעזאַמלט אַ גרויסן קאַפּיטאַל. געזאַמלט, געזאַמלט צוטרוי ביים קינד, גלויבן אין גוטס און שיינס. אַזוי פיל ווערטער, באַגריפן — מענטשלעכקייט, ווירדע, געוויסן, פריינדשאַפט, ברידערלעכקייט... אַך ווי זיי שטעכן די ווערטער...

עטלעכע זאַלפן האָבן דורכגעשניטן די זומערדיקע געטאָ־לופט און איבערגעריסן דעם שטומען מאָנאָלאָג. קאָרטשאַק בלייבט שטיין אין מיטן צימער, הייבט אויף דעם קאָפּ און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן הערט ער זיך איין אין דער צוריק איינגעשטעל־

טער, שוואַרצער שטילקייט. זיינע אויגן זענען צעעפּנט ווי ביי אַ גוסס, זיין פאַרשערישער בליק פאַלט אויף זיין אייגענעם שאָטן, וואָס קריכט אויף דער וואַנט. ער איז אומרויק דער שאָטן זיינער, באַוועגט זיך אומגעלומפּערט, שפּרינגט אונטער, שרומפּט זיך איין, וואַקסט ווידער אויס גרויס.

וואָס ציטערט ער אַזוי דער שאָטן זיינער? קאָרטשאַק פאָרשט אים מיט די בליקן. זיינע ברייט־צעעפּנטע אויגן פאַרמאַכן זיך אַ ווײַלע. אויפן אָרט פון זיין שאָטן באַווייזט זיך עפּעס אַ מראה. ניין, ס׳איז אַן אַלט־באַקאַנטע... ס׳איז... ס׳איז לאַאָקאָאָן מיט זיינע זין... ריזיקע שלאַנגען שלייכן זיך אַרויס פון די ווענט — ים־כוואַליעס, וויקלען זיך אַרום אַרום זייערע קערפּערס, דרייען זיך איין אין זיי, בייסן זיך איין אין זייערע לייבער מיט די גיפטיקע ציינער, שטיקן זיי, שטיקן ביז ס׳רינט אויס דאָס לעצטע טראָפּן לעבן... ער זעט דעם פון ווייטיק צעקרימטן פּנים פון פאָטער, די גסיסה־צאַפּלענישן פון זיינע זין. ער רייסט אויף די אויגן. די מראה פאַרשווינדט, ס׳בלייבט דער שאָטן. זיין אייגענער שאָטן צי לאַאָקאָאָנס? דער גריכישער פּריסטער האָט געהאַט לעבן זיך צוויי אומגליקלעכע קינדער. ער האָט איבער צוויי הונדערט. ער ווייסט וואָס פאַראַ געפאַרן עס לאָקערן אויף זיי. ער דאַרף, ער מוז זיי באַשיצן קעגן די גיפטיקע שלאַנגען. ווי אַזוי אָבער? ווי אַזוי?! ער ברעכט צוזאַמען די הענט אין אַ פאַרצווייפלטער באַוועגונג:

— וואָס טאָן זיי צו שיצן? אַך, די אָנמעכטיקייט, די אָנמעכטיקייט. נישטאָ קיין שרעקלעכערע זאַך ווי אונדזער אָנמעכטיקייט. וואָס טאָן? וואָס צוטראַכטן? אַזוי פיל וווּנדער־מעשהלעך אויסגעטראַכט און איצט קאָן דער מוח גאָרנישט צוטראַכטן. אַך, ווען מ׳וואָלט דאָס געקאָנט אַזאַ כּישוף־מעשהלע צוטראַכטן, מיט עפּעס אַ שפּרוכוואָרט זיי אויף כּישוף־פליגלען אונטער שלייער פון דער נאַכט איבער די געטאָ־מויערן איבער־טראָגן אין ווייטע, זיכערע מקומות ברענגען... ווען מ׳וואָלט... ווען מ׳וואָלט...

אוי, דו אַלטער נאַר, פּלאַפּלסט, כּישוף־מעשהלעך חלומען זיך דיר; טרוימסט נאָך וועגן שוץ־פליגלען, ווער וועט זיי דיר...? ווער...? און אפשר... אפשר וועלן זיי נישט וואַגן? אפשר איז די געפאַר אויסגעוואַקסן אין מיין קראַנקן מוח?... סטעפאַ זאָגט ס׳קומט פון שלאָפלאָזיקייט און דערשעפּונג. פון דערשעפּונג, זאָגט זי, קומען שוואַרצע מחשבות.

אפשר איז זי גערעכט? כ׳בין ווי אַן אַלטע צעבראָכענע כּלי, ווי אַן אַלטער שטאַרק אָפּגענוצטער בגד, אַלץ רייסט זיך, אַלץ טרענט זיך פאַנאַנדער. נישטאָ אין מיר קיין גאַנצער פאָדעם. אַלץ ברעכט זיך אין מיר, דער אַלטער גוף שיט זיך פאַנאַנדער. און דער מוח? ניין, דער מוח איז נישט קראַנק, ער באַנעמט נאָך קלאָר. יאָ, יאָ, דער מוח באַנעמט, אַז הינטער אונדז איז טויט און פאַר אונדז איז טויט. דער טויט מיט טויזנטער פּנימער פון אַלע זייטן. וווּ זוכן רעטונג פאַר זיי? ווי אַזוי זיי שיצן קעגן...?

אַן אומגעהויערער צער צעשפּרייט זיך איבערן גוף, מאָגערן געזיכט. דער צער און ווייטיק פאַרפלייצט דאָס גאַנצע וועזן. דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרק, ווי ס׳וואָלט געוואָלט צעזעצן, אַרויסשפּרינגען פון דער ברוסט. אַן איינגעבויגענער, איינגעקאָרטשעטער, ווי ער וואָלט אין זיינע טראַכטענישן נאָך קלענער און מאָגערער געוואָרן, גייט ער מיט פאַמעלעכע טריט און פיבערדיקע אויגן צו צו דער שטול, לאָזט זיך אַראָפּ אויף איר, ווי זיינע פיס וואָלטן אים אָפּגעזאָגט ווייטער צו האַלטן אויף זיך. ער לענט אָן ביידע הענט אין טיש און שפּאַרט מיט זיי אונטער דעם שווערן קאָפּ. אין מוח קלינגט אַן אַליאַרם־גלאָק, געדאַנקען יאָגן, שטויסן זיך. אַזוי ווי עס רייסן זיך אָפּ פון אַ בוים אין אַ שטורעם צווייגן, בלעטער, אַזוי רייסן זיך אָפּ, טיילן זיך אויס פונעם גערויש אין מוח געדאַנקען, טראַכטענישן. דער אַלטער דענקער פּרוּווט צוזאַמענעמען די צעשפּליטערטע מחשבות, צווינגט אויף דעם מוח צו טראַכטן נאָר וועגן איין זאַך. ער זעצט פאָר דעם שטומען מאָנאָלאָג:

— שיצן זיי ווייניקסטנס קעגן... קעגן שרעק, קעגן די ליידן וואָס ס׳ברענגט דער

פחד. דאָס אפשר קאָן איך פאַר זיי, נאָר אַזוי זיי שיצן, העלפן בייקומען... אַטראָפירן די שרעק, ווי מען אַטראָפירט אַ פיזישן ווייטיק, העלפן זיי אויפנעמען דאָס ערגסטע... רויק אויפנעמען... פאַריאָגן פון זיי די אַנגסט... איינשפאַרן זיי... אוי, ווי אין מוח רוישט! אַ שטורעם... אפשר טרייב איך איבער... סטעפאַ זאָגט... פון דערשעפונג... מאָנישן דאַרף מען לאָזן אין בעט, פיבער... שלאָמעקס צייכענונג... אַ טאַלאַנט... וויטאַמינען... כ'מוז שאַפן, מוזן האָבן... שטאַרק אָפגעמאָגערט... וואָס ווילן זיי פון מיר? געדענקען די פון יענער זייט... צוגעשטאַנען... דורכגיין... דורכגיין... ראַטעווען זיך... זיך אַליין? קיינמאָל נישט! העלפן בייקומען די שרעק... סטעפאַ זאָגט שוואַרצע מחשבות... נישט מעגלעך, וועלן נישט וואַגן... זיי וועלן... וועלן נישט...

אַ שווערע קלעפעדיקע שלעפערישקייט האָט פאַרנעפלט זיינע געדאַנקען און זיי פאַרפלאָנטערט אין חלום. די אונטערגעשפאַרטע, מידע הענט האָבן מער נישט אויסגעהאַלטן די וואָג פון קאָפ און ער איז אַרונטערגעפאַלן צום טיש. דער דערשעפטער קערפער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. דער דרימל האָט זיך האַסטיק איבערגעריסן. דער אַלטער דאָקטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפ, אַרומגעקוקט זיך, פאַמעלעך זיך אונטערגעהויבן, מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אויסגעלאָשן דאָס בלאַסע ליכט פון קאַרבידן לעמפל און מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צום געלעגער. דאָס אייזערנע אַלטע בעטל האָט לייכט אַ קרעכץ געטאָן. קאָרטשאַק האָט אויסגעגלייכט די פאַרשטייפטע גלידער און טיף אָפגעאָטעמט. די דריקנדיקע משא אויפן האַרץ האָט נאָכגעלאָזט. ער האָט זיך דערפילט דערלייכטערט, ווי ער וואָלט אין זיינע טראַכטענישן אַ באַרויִקונג געפינען, ווי זיינע מחשבות וואָלטן די געפאַרן פון זיינע קינדער פאַריאָגט.

דער שלאָף איז דאָס מאָל געקומען גיך. ער איז געווען אַ באַלזאַם פאַרן קראַנקן גוף און ביז ווייטיק אָנגעשטרענגטן מוח. דאָס אויסגעצערטע, בלאַסע געזיכט איז אין שלאָף נאָך אויסגעצערטער, בלאַסער. די הויט איז איצט אַזאַ דינע, דורכזיכטיקע. דער שלאָפנדיקער זעט אויס, ווי ער וואָלט אַ פאַרחלשטער געלעגן.

דער שלאָף ביי קאָרטשאַקן איז אַ צעשויבערטער. ביי יעדן שאָרך רייסט ער זיך ווי שפינוועבס. די זומערדיקע נאַכט לויפט גיך אַוועק. די שוואַרצע ראָלעטע איבערן פענצטער ווערט ביסלעכווייז באַלויכטן דורכן קאַיאָר־ליכט. דער בלויער פאַרטאָג שפאַרט זיך אַריין אין צימער מיט אַ דינעם בלויען פאַסיקל ביי די ראָלעטן־ראַנדן. דער שלאָפנדיקער באַוועגט זיך נערוועז אויפן געלעגער, רייסט זיך פלוצלונג אויף, פירט מיט די אויגן איבער די ווענט. פון וואַנען ס'האָבן זיך אַדורכגעשלייכט די גיפטיקע שלאַנגען... ניין, זיי זענען אַרויס פון די ים־כוואַליעס, געוואָרפן זיך אויף לאַאָקאָאָנען און זיינע זין, געשטיקט זיי, געוואָרגן, געוואָרגן... די גרענעץ צווישן חלום און וואָכיקייט איז אַזאַ שמאָלע, קוים־קוים באַמערקלעכע. אָט נעמט די אויבערמאַכט דער חלום און באַלד ווידער די וואַכיקייט. די רעכטע האַנט גיט מיט אַ נערוועזער באַוועגונג אַ וויש איבערן פנים, ווי צו פאַרטרייבן פון דמיון די קאָשמאַרע וויזיע. דער מידער קאָפ פאַלט צו צום קישן. דער גוף און דער מוח אין זייער דערשעפונג גיבן זיך ווידער אונטער דעם דערלייזערישן שלאָף.

* * * * *

די זון האָט זיך אויפגעהויבן פון האָריזאָנט, געשאַרט זיך אַלע מאָל העכער איבערן הימל און צו להכעיס די רוצחים אַריינגעשיקט אירע גאָלדענע שטראַלן אין געטאָ. ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק האָט יענעם פרימאָרגן פאַרשלאָפן. די קאָשמאַרע חלומות זענען אויסגערונען פון זיין דמיון. דער שלאָף האָט זיך געשטאַרקט, געוואָרן טיפער, האַרטער. ווי אַן אויסגעהונגערטער האָט דער מידער קערפער איצט געשלינגען, געשלינגען דעם שלאָף און געקוויקט זיך. פלוצלינג האָט דער שלאָפנדיקער זיך אַ שליידער געטאָן ווי פון אַ שטאַרקן דינער. אַ ווילדע געפייפעריי האָט איבערגעהאַקט דעם געשמאַקן שלאָף. אַ חיהשע ברומעריי האָט אים אַרויסגעיאָגט פון בעט:

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# לידער

## די גאָלדענע קייט

אויגן פאַרזשמורעטע
בין־השמשותדיק דרעמלען נאָך
אין הינערפּלעט,
אויף וואָגשאָלן הוידעט זיך
אונדזער גורלדיקער זיין,
מיט צוואַנגען האַלטן מיר דעם שבת איין.

חרוב איז געוואָרן פּרצעס וועלט.
פּאָעטן, שיר־השירימדיק זוכן נאָך
אין צעקרישלטן ברוכוואַרג
אונדזער ערב־שבדיקן אַלטן מאַרק.

צווישן טויט און לעבן, אין געוואַקל
מרה־שחורהדיק זינקט די וועלט,
ניט כולו חייב, ניט כולו זכאי;
אין גיהנום פלאַקערט די גרויע וואָך,
און מיר, די נשמה־יתרהדיקע
האָלעוועשקעס
זוכן נאָך דעם תוך.

---

— ררראַוס! יודען ררר־אַו־ס!
דער אַלטער, קראַנקער דאָקטער איז מיט איין שפּרונג צו צום פענצטער און מיט שנעלע, נערוועזע באַוועגונגען אַרויפּגעצויגן די ראָלעטע. אין צימער האָבן זיך צוזאַמען מיטן טאָג־ליכט אַריינגעריסן שפּיציקע, ווילדע קולות.
— רררראַוס! רררראַוס! שנעלער רראַוס!
דער קאָשמאַרער חלום און די ווירקלעכקייט האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן. די שמאָלע גרענעץ איז פאַרשוווּנדן.
— זיי זענען דאָ, די גיפטיקע שלאַנגען, כ'וועל מיינע קינדער, כ'וועל...
און ער האָט זיך געשטעלט אין אויבנאָן פון צוג מיטן ייִנגסטן ביי דער האַנט און מיט אַ געזאַנג אויף די ליפּן, שיצנדיק זיינע קינדער קעגן דער שרעק.

פאַרקייטלטע בלענדן די רינגען
פון פּרצעס גאָלדענע קייט,
אונדזערע הבדלות האָבן שטערנדלעך
בליציקע געצונדן;
דער שבת קודש איז אַוועק און פאַרשוווּנדן.

## כאַליאַסטרע

מיט אויגן פאַרקלעפּטע, פאַרזשמורעטע,
איך קלעטער אויף דיינע צעקוילטע
שטאַפּלען
דורך פייערן צו די וואָלקנדיקע געצן
און פאַל אַראָפּ
אויף די אויסגעשפּרייטע חלום־נעצן.

איך דערקען דיינע אויפגעבליצטע שטערן
צעשמאָלצענע אין מיטן פלי; אין געיעג
זיי ציטערן נאָך סייוווי אין גרענעץ־רינג
פון מיינע אָפּגעזונגענע טעג.

מיר קלעטערן, מיר פאַלן
און ווערן ניט צעשמעטערט און צעריבן;
אין מיין געראַנגל אָן כלי־זיין
איך טאַנץ מיט מיינע דמיון־רעטער
אַ פייער־טאַנץ פון ליבע און געדייען.

אין אַנטלויף דורך אַלע טיר און טויערן,
פון זוניקן פאַרגיין ביזן בדחנס
„אויפערשטיין"*
מיר זיינען ניט אַליין,
ס'פעלט ניט קיינער פון כאַליאַסטרע;
אָן אַ זין מיר ציען
„פּער אַספּעראַ אַד אַסטראַ".

---

*) „אויפערשטיין"— דאָס וועקן די מתים אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק."

## אויפן פייער - וואָגן

באַרג־אַרונטער מיר איילן זיך אויפן פייער־וואָגן,
יעדער מיט זיין פעקל געבייד,
ניט צו פאַרשפּעטיקן דעם גאָלד־בלויען ראַנד,
איידער אונדזער טאָג פאַרגייט.

די באַרעדעוודיקע ווערבע אין שקיעה־גראָז
טוליעט נאָך איר אָפּגעוועלקטן צויבער,
נאָר אירע צווייגן ווייבען אין רעגנדיקן גרויל,
דער זינגפויגל פלאַטערט מיטן גאָלד־בלעטל אין מויל.

מיינע שאָרכנדיקע ביימער חלומען ווייטע סאַגעס
וואָס וועבן זיך אין ליידיקן פאַרק,
בלעטער אָסיענדיק־פאַרמשפּטע פליען שוין אין קיינעמס־לאַנד
מיט אונדזער אָנגעהויפטן לידערוואַרג.

פייער־ווערטער האָבן אויסגעברענט,
די שאָטנדיקע באַנק איז מיד פון אַלט־צעוויקלטע מגילות;
אין מאַמע־לשונס בענקענדיקע גיטער
זינגען שפּעטרויזן אין אונדזערע געמיטער.

אין אָוונטיקן דעמער, באַרג־אַרונטער,
מיר איילן זיך מיט אונדזער פיבערדיק געבייד;
אויף יענער זייט פיאָלעטן וואָלקן
אונדזער פייער־וואָגן שווינדלדיק פאַרגייט.

## אויף צעזייטע מילך-וועגן

אויפן געבויגענעם רוקן פון זיידנס חלום
וועלן זיי אַריבער דורך די אָנגעצונדענע ראַנדן
פון נייעם יאָר־טויזנט.

מיט חרובע נביאותן פון פּאָעטן
זיי וועלן ציען אין די אומבאַוווסטע בראשיתן,
איבער בערג־קייטן און טאָלן,
וואָס האָבן ניט קיין נעמען און קיין אַמאָלן.

ראַקעטן וועלן זיך אָפּרייסן פון וואָרצל
אַוועקבלאָנדזשען אין מדבּרדיקע אָרביטן;
אויף צעזייטע מילך־וועגן אין שטראָזן,

שיע טענענבוים / ניו־יאָרק

# דער כישוף פון לייב נײַדוסעס פּאָעזיע

איך האָב זיך דעמאָלט געלערנט זעצעריי ביי שלמה שטיינבערג אין דרוקעריי. איך בין יונג געווען פאַרכישופטע זעכצן יאָר. איך זעץ ביים הילצערנעם שריפט־קאַסטן די לידער פון לייב ניידוס׳ גרויסן באַנד „ליריק" וואָס איז דערשינען, ווי מיר דאַכט זיך, אין ריגע. די פענצטער אין דעם יידישן קאָסמאָס אין פוילן זיינען ברייט צעשטראַלטע מיט אַ מיטן־זומער־דיקער זון. די בלויע שוואַלבן אין דעם שכנותדיקן געָרטנדל שוועבן נידעריק אַרום ווי שטיקלעך אָפּגעקרישלטער הימל.

איך לייען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן די שאַפונגען פון אַ פּאָעט, וואָס איז מיר נאָענט צום האַרצן און צום יוגנט־לעכן געמיט. איך פיל ווי איך וואָלט זיין איינגעהילט אין אַ שמעקנדיקן וואַלד וואָס איז פול מיט געזאַנג פון מלאָכים. עפּעס אַזוי ווי אָנגעצונדענע טעפּ מיט פאַרבן וואָלטן זיך אויסגעגאָסן ווי אַ גע־דיכטער רעגן אויף מיין קאָפּ. אַזאַ מין פרישן און מעלאָדישן יידיש ווי אין ניי־דוסעס לידער האָב איך נאָך קיין מאָל ניט פאַרנומען. ווער האָט דאָס אָנגעטאָנט אויף דער יידישער האַרפע מיט האָניק־געלע סטרונעס אַזאַ מין הימלישע ליריק?

אַ פּאָעט, וואָס האָט אין גאַנצן געלעבט אַכט און צוואַנציק יאָר. ער איז געשטאָרבן און אַראָפּגעלאָזט געוואָרן צו זיין קבר אפילו אָן אַן איינציקע גרויע האָר. איך קוק אויף זיין פּאָרטרעט מיט שטוינונג. עס איז גאָר נישט קיין ייד פון דער יידישלעכער שטעטל גראָדנע און אויך נישט פון דעם יידישן פּריצ׳ס זון פונעם גוט קוסטין. עס איז גאָר דאָס יונגע פּנים פון דעם גרויסן געץ אַפּאָלאָ. זיינע לאָקן זיינען געקריצט אין מאַרמאָר. זיינע אויגן שטראַלן מיט גינגאָלד און מיט חכמה...

אָט מיט אַזעלכע געפילן און שטימונגען האָב איך אין מיין זעכצן־יאָריקן עלטער באַנומען דעם צויבערלעכן פּאָעט לייב ניידוס. און איך בין זיך מודה:: איך האָב זיך פונעם כישוף פון זיין ליד נישט באַפרייט ביזן היינטיקן טאָג. זיין ליד באַרוישט מיך אויך איצט ווי שאַמפּאַניער. און איך בין אים געטריי געבליבן ביז אַצינד. דערזע איך אַמאָל ערגעץ־ווו זיין ליד און זיין נאָמען, אַזוי ציטער איך אויף. וואָרום איך ווייס גענוי: דאָ וועט אויפשטראַלן פּאָעזיע אין איר ריינסטער פאָרם. דאָ וועט מיך באַגעגענען אַ יידישער טרובאַדור וואָס האָט איינגעטונקען זיין קאָפּ און זיין האַרץ אין אַלע פאַרפיור־מען פון דער וועלטס שמעקנדיקע געָרטנער. זיין פיאָנערישקייט וואָס שייך ליד, מוזיק, מעלאָדיע, בילד און אַטמאָספערע שטראַלט פון זיין יעדער שורה.

דאָ רעדט אַ דיכטער וואָס האָט דערזען דעם חן און די שיינקייט פון דער יידישער פרוי ווי צום ערשטן מאָל. טראָץ דעם וואָס די גוישע און פּאַרצייטיקע וועלט פון געטער און געטינס האָבן אים אַזוי שטאַרק געחנדלט, איז ער געווען און איז פאַרבליבן יידיש־פאָלקסטימלעך און יידיש־האַרציק און ער האָט געזונגען אַ סערענאַדע צום חנעוודיקן יידישן מיידל

צווישן שטערן, זוכן דעם נעכטיקן טאָג
אין מיינע קאַלי־טע זייפן־בלאָזן.

אויף יענער זייט האַלב־רונדיקן האָריזאָנט
צאַנקען אונדזערע לופט־שלעסער,
פאַרפיר־ליכטעלעך, כישופדיק, קרייזן,
נאָר איך וועל דעם ירדן ניט אַריבערשפּרייזן.

און ער האָט זי אַריינגעשטעלט אין אַ ראָמאַנטישער אַטמאָספערע פון ליבע און ראָמאַנס.

שוין פרץ האָט געזען מיט זיינע דיכטערישע אויגן די שיינקייט פון דער יידישער פרוי. אייגנטלעך האָט דאָס זעלביקע געטאָן אין דער יידישער פאָעזיע יעדער באַדייטנדיקער פאָעט. פרץ האָט אַקצענטירט די דאָליע פון די יידישע נייטאָרינס. לייב ניידוס האָט באַוונגען דאָס יידישע מיידל אַלס פרוי פון ליבע, פאָעזיע, שיינקייט און מענטשלעך גליק. ניידוס שטייט אין טראַנס פאַר זיין אייגענער יוגנט. די דייטשע דיכטער, און היינריך היינע בראש, האָבן אויף אים נישט געהאַט קיין שום ווירקונג, ווי זיי האָבן דווקא יאָ באַווירקט פרצן, מאָריס ראָזענפעלדן און בכלל די דיכטער פון דער גרופע „יונגע" אין אַמעריקע.

זיינע אמתע אידעאַלן זיינען שאַרל באָדלער, גאָטיע און מאַלאַרמיי אין פראַנקרייך, ווי אויך פושקין און לערמאָנטאָוו אין רוסלאַנד. ער האָט נישט גענאַשט דאָ און דאָרט אַ פערז פון אַ גרויסן דיכטער, נייערט ער האָט גרינטלעך געקענט אייראָפעישע קולטור. אַ יונגער יידישער אַריסטאָקראַט האָט ער געלערנט מיט התמדה אייראָפעס בעסטע מוסטערן פון מייסטערהאַפטע שרייבערס און ער האָט כמעט דער ערשטער — אין איין צייט מיטן אויפגייענדיקן דוד איינהאָרן — געגלויבט און דעמאָנסטרירט, אַז יידיש לשון איז צוגעפאַסט שטאָלץ צו זינגען אַלע גאַמען און דראַמען פון מענטשלעכע געפילן.

ער איז געקומען צו יידיש נישט ווי איינער וואָס שרייבט אַביסל באַדויערלעך, אַז „אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען ווען כ'וואָלט פאַר גויים גוייש זינגען," נייערט ער האָט פאַקטיש דעמאָנסטרירט מיט זיין געניאַלער פעדער, אַז יידיש לשון איז אומשטאַנד צו קלינגען פונקט אַזוי שיין, מעלאָדיש און טיפזיניק ווי פראַנצויזיש און רוסיש.

אַוודאי האָט לייב ניידוס אין זיין פיאָנערישן ענטוזיאַזם געבאָרגט גאַנצע גרודעס מיט גראַמען און פרעמד־ווערטער ביי די צענטראַל־אייראָפעישע לשונות, איבערהויפט ביי פראַנצויזיש און אַוודאי ביי לשון־קודש... ער איז געקומען אַזאַ יונג־ענטוזיאַסטישער כדי אָנצוטאָן אונדזער פאָלקסטימלעכן, אַלטן און ליבן יידיש אַ גרויסע פינקלדיקע קרוין ווי זי האָט זיך דאָס שטאָלץ פאַרדינט ביי די פאַרגאַנגענע דורות. זיין יידישע פאָעזיע איז אַ גינגאָלדענער כוס מיט פאַרשיכרנדיקן ווין וואָס ער האָט צוגעטראָגן צום יידישן לייענער מיט אַ קעניגלעכן זשעסט און מיטן ראָסקאָש פון נגיד. מען איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרבלענדט פון זיין פאַבלהאַפטער עשירות אַז מען האָט אים פאַקטיש צענדליקער יאָרן נאָך זיין יונגער פטירה, נאָך אַלץ נישט דערזען אין זיין גאַנצער שיינקייט, עלעגאַנץ, פיינעזיע און גרויסן אויפטו, אויסמעבלירנדיק מיט זיינע פאַנטאַזיע אוצרות, פאָעטישע שיינקייטן און בלענדנדיקע רייכקייטן דעם בריליאַנטענעם פאַלאַץ פון דער מאָדערנער יידישער פאָעזיע. וואָרים מאַנגער און סוצקעווער וואָלטן נישט מעגלעך געווען אָן אים.

ער איז אַ פאַרשיכורטער, אָבער גלייכצייטיק אַ שטרענג־דיסציפלינירטער וואָס שייך פאָרם און טעכניק, פאָרויסגעגאַנגען מיט ריזן שריט און ער האָט געלייגט דעם גרויסן טעפעך פאַר דער נייער יידישער דיכטונג אין גאָר די לענדער ווו דער יידישער געניוס האָט נצחונדיק אָנגעשפאַרט...

צוליב זיין יאָגן זיך נאָך קינסטלעכע גראַמען כדי אויסצוברייטערן די האָריזאָנטן פונעם יידישן לשון, און במילא די מעגלעכקייטן פונעם פערז און ליד, האָט זיך ניידוס באַנוצט מיט אַזעלכע גראַמען ווי „סכנה" און „בעלאָדאָנע"; „פאַגאָדעס" מיט „יאַגעדעס"; „גלאַנציקע" מיט „פאָמעראַנציקע", אָדער „שריט" מיט „מאַלאַכיט." און דאָס זיינען בלויז געציילטע גראַמען פון בלויז איין און איינציקן ליד „אָריענטאַליאַ". האָט דעריבער לייב ניידוס טיילמאָל לידער וואָס זיינען ווי גלאָז אָדער ווי מעטאַל. עס פעלט זיי טיילמאָל אָטעם און ווייכקייט פון וואָרט און קלאַנג. דערפאַר פאַרמאָגט ער גאָר פיל לידער וועגן בלומען, צום ביישפיל, וועלכע אָטעמען מיט דער דופטיקייט און זאַפטיקייט

לאָטי פ. מלאך

# „לאַ פּאַם בראַוו"

וואַלטער, וועלוול ראָש, ווייסט ניט גענוי נאָך וואָס ער איז געקומען אַהער, וואָס האָט אים געבראַכט אין דעם פרעמדן לאַנד אַריין. ווי נאָר ס׳האָט זיך צעטראָגן די בשורה פון דער אויסדערוויילטער דעמאָקראַטיע, האָט ער עס ניט אויסגעהאַלטן. ער איז געקומען צו לויפן דאָ אַהער, און האָט זיך, ווי מיט גוואַלד, אַריינגעשפּאַרט אין דעם עקזאָטישן לעבן. ער האָט זיך געפרייט מיט אַלץ און מיט אַלעמען; גלייך ער וואָלט דאָ געהאַט אַ חלק אין דעם.

„כאַוואַדזשי" האָט זיך מיט אַ מאָל אַרומגעזען, אַז דאָס „אָרעמע" לאַנד איז גאָרניט אַזוי אָרעם ווי מען האָט געמיינט; אַז די אָרעמע היים פאַרמאָגט גאָלד און ברויט, וויין און האָניק און פּירות. מען דאַרף בלויז צענעמען די הענט און פאַרדינען, ניט חלילה רויבן.

פרעגט, וואָס טוט דאָ וועלוול חיים יידלס? ווער האָט אים גערופן אַהער? קיינער ניט. ער האָט זיך אַליין גערופן. אַזוי זיינען שוין די יונגע־לייטלעך מיט חלומות אין די אויגן און בטחון אין הארצן ווו נאָר ס׳גיט ערגעיי אַ שפּראָץ אויף פרייהייט, זיינען זיי דאָ...

וואַלטער־וועלוול איז געווען איין מענטש אויפן יאַריד. ער האָט גאָר ניט געוווּסט ווו פריער צו זיין: : זאָל ער פאָרן קיין מאַדריר אָדער קיין סעוויל? אָדער פריער קיין מאַלאַגאַ? ער מוז באַזוכן דאָס גאַנצע אויפגעלעבטע לאַנד... נאָר צי זאָל ער זיך ניט געבן פריער אַ כאַפּ אַריין קיין פּאָרטוגאַל צו די אנוסים?

ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען פלאַנעל־אַנצוג מיט שווערע שיך. די זון האָט געוואַרעמט מיט הייסן גלי. אונטערן העמד זיינען ריטשקעלעך שווייס אַראָפּגערונען איבער זיין רוקן. ער איז געווען אַ הויכער, אַ היפּשלעך אָנגעפּאַקטער מענטש מיט אַ „ווייצענעם" פּנים און אַ קרישטאָל־ריינעם בליק. זיינע באַקן האָבן זיך גערויטלט אין דער זון. אוי, ווען ער ווערט נאָר באַפרייט פון די שווערע מלבושים.

סוף־כל־סוף האָט זיך עמעצער דערבאַרעמט. ווען ער איז דורכגעגאַנגען אַ שמאָל געסל, איז געשטאַנען ביי איינעם

---

טאַקע פון פייכטע און טויאיקע בלומען פון אַלערליי מינים און ריחות.

עס זיינען פאַראַן ביי אים לידער ווי „אין טעג פון צער", אָדער „פאַרנאַכט אין שטעטל", וואָס לייכטן מיט אידילישער שטילקייט און מיט גלענצנדיקער היימישקייט, און וואָס פאַרמאָגן אַ מין טיולענע ווייכקייט, וואָס איז טאַקע טיפּיש פאַרן דורותדיקן און פאָלקסטימלעכן יידישן ליד. עס זיינען אויך פאַראַן ביי אים פאָלקסטימלעכע און נאַציאָנאַלע לידער, וואָס בעטן זיך ממש ציטירט און געזונגען צו ווערן...

בכלל איז וועגן לייב ניידוסעס פּאָעטישע אוצרות כמעט נישט נייטיק צו שרייבן קיין באַזונדערע און ברייטע אָפּהאַנדלונגען. ווען מען וואָלט זיך באַגנוגנט בלויז צו ציטירן פון זיינע לידער, אפילו אָן שום פירושים, וואָלט מען דערזען דאָס פאַנטאַסטישע עשירות פון אַ גרויסן און שטראַלנדיקן דיכטער, וואָס האָט אַלע פּאָעטישע פאָרמען אויסגעפּרוּווט אויף זיין גומען און פּיאָנעריש באַרייכערט די יידישע דיכטונג...

זיין פּאָעטישע טעכניק איז אַ ווירטואָזישע. ער האָט יונגערהייט דערגרייכט אַבסאָלוטע מייסטערשאַפט פונעם פערזגעבוי. זיין עסטעטישער חוש איז הויך אַנטוויקלט.

די נאַציס האָבן צעבראָכן זיין מצבה אויפן גראָדנער יידישן בית־עולם. זיינע ביינער רוען אין אַ קבר אָן אַ מצבה, וואָס האָט סימבאָליזירט מיטן צעבראָכענעם פליגל זיין פריצייטיקן טויט. אָבער זיין הערלעכע פּאָעזיע שטראַלט מיט די געטלעכע אַטאָמען פון דער אייביקייט...

פון די קרעמלעך אַ פאַרזאָרגט שניידערל און האָט אויסגעקוקט אַ קונה. ווער מאַכט עס זיך נייער קליידער אין אַזאַ צייט? דערזען וואַלטערן מיט זיין שווערן הולך, איז דאָס ברוין־הויטיקע שניידערל מיט די שיינע אַרויפגעדרייטע וואָנצעלעך פאַרציטערט געוואָרן. ער איז צוגעלאָפן און האָט אויף אים אַ גלאַנץ געטאָן מיט זיינע מאַגנעטיש טונקעלע אויגן:

— סעניאָר, פאַסעי! — ער האָט אים ממש אַריינגעשלעפּט ביי די פּאָלעס; האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, אים הכנעהדיק אַרומגעווישט דעם שוויס פון פּנים און האָט אים אָנגעמאָסטן אַ ווייסלייוונטענעם אַנצוג:

— סע סאַ — האָט ער מיט אַנטציקונג אויסגערופן און איינגעפּאַקט די וואַרעמע בגדים אין אַ פּעקל.

וואַלטער האָט בלויז געוואָלט וויסן איין זאַך: וויפל? כמה? „קידאַנטאָ"?

ער איז געגאַנגען אַן אויסגעלייזטער פון זיינע שווערע בגדים מיט לייכטע, זינגעוודיקע טריט. זיינע רויטלעך־בלאָנדע האָר זיינען ביי די שלייפן געווען אויסגעוואַלגערט, נאַס. נאָר זיינע קרישטאָלענע בליקן, וועלכע זיינען תמיד צעשראָקענע געלאָפן פאָרויס, זיינען איצט געשפּרונגען, ווי די הירשן מיט הערנער פאַדריסענע צום הימל. אַלץ האָט ער באַוואונדערט, אויף אַלץ איז אים געווען אַ חידוש און אין די אויערן האָבן אים גערוישט זיסע ניגונים ווי בשורות טובות.

— אפשר גאָר זיך דאָ באַזעצן? — האָט ער פלוצלינג אַ טראַכט געטאָן. ערגעץ ווו דאַרף זיך דאָך אַ מענטש אַ מאָל צושפּאַרן. נאָר אין מוח פונעם זשאַדאַוועררבס אייניקל האָט אַ קלאַפּ געטאָן: „חרם על שפּאַניע!" — ער האַלט ניט דערפון, האָט ער זיך גלייך אָפּגעענטפערט. און האָט ווייטער געשפּאַנט איבער די זונפאַרפלייצטע גאַסן פון באַרצעלאָנאַ.

— טראַוואַי, עי? — האָט ער זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט נעבן אַ בינטל גאַסנקערער וועלכע האָבן געקערט מיט פלייס.

— סי, סעניאָר —, האָט אים אַ שוואַרץ, גלאַנציק פּנים מיט לאַכנדיקע אויגן געענטפערט. די אַנדערע דריי האָבן אים אָנגעקוקט מיט חשד. זייערע האַרטע פּנימער זיינען געוואָרן אָנגעכמורעט: צי איז דאָס ניט אַ מאָל איינער פון יענע?... נאָר ניין: „כאַוואַדזשי" — האָבן זיי אָנגעשפּאַרט די רויט־בעזימער אין אַ דרייעק און אים אַריינגעשטופּט דריי קויטיקע ידיים פאַר אַ שלום־עליכם.

הענט האָבן זיך צעפלאָכטן אין אַ שמועס:

— סי, טראַוואַי, שוין צייט אויך אונדזערע געסלעך אויסצוקערן. פאַראַן אַ סך ביי אונדז וואָס צו קערן — האָט אים איינער געגעבן אָנצוהערן. נאָר וואַלטער האָט ניט פאַרשטאַנען, האָט ער בלויז געענטפערט אויפן ערשטן זאַץ:

— יאָ, שוין צייט, שוין לאַנג צייט געווען.

— אַ מוזיקער גאָר ביסטו — האָט איינער אַ קנייטש געטאָן מיטן שטרויענעם קאַפּעליוש — און מיר האָבן געמיינט אַן אַמעריקאַנער...

— אַ מוזיקער, אַ פּשוטער מוזיקער — האָט וואַלטער גענומען האַסטיק דערציילן:

— בין געקומען אויפנעמען אייער ניי געזאַנג, אייער פריידיק געזאַנג. אַ מאָל האָט מיין פאָלק דאָ געלעבט במנוחה — האָט ער צוגעגעבן מעלאַנכאָליש — און אַ מאָל... נאָר ניט איצט איז די צייט צו ריידן דערפון. — ער האָט געענדערט דעם שמועס.

— האָט איר אויך געשטימט אין די וואַלן?

— אַוודאי געשטימט — האָט איינער אַרויפגערוקט דעם קויטיקן דאַשעק העט הויך איבער דעם פאַרשוויצטן שטערן. ער האָט אַרויסגענומען אַ שוואַרץ פּעקעלע מיט שעסקן טאַבאַק און אַלע האָבן פאַררויכערט.

— אָ רעוואַר — האָט וואַלטער געזאָגט אויף פראַנצויזיש און צוגעגעבן — שלום!

— אַסטאַ לאַ וויסטאַ — האָבן זיי אים נאָכגעשיגן אויף שפּאַניש.

וואַלטער איז געווען גוואַלדיק באַגייסטערט פון דער באַגעגעניש, גלייך עס וואָלט דאָ מי יודע וואָס פאָרגעקומען. שפּאַניע פון 1936 האָט געצונדן די פאַנטאַזיע פון נאַיווע און גלויביקע און... קינסטלערס. זי האָט געשפּילט מיט לויטערע פאַרבן דער וועלט אין פּנים אַריין: נאַ, זע, ס'איז מעגלעך, אויף אַ פרידלעכן אופן, אַן רעוואָלוציעס...

נאָר די וועלט האָט עס ניט געקאָנט באַ־נעמען, ניט געוואָלט פאַרליידן...

וואָלטער איז איצט געפאָרן מיט אַ דרינגנדער מיסיע צוריק קיין פראַנקרייך: — מיר זיינען שכנים — האָט מען אים אָנגעזאָגט — אונדזער גורל איז געקניפּט און געבונדן מיט אייערן. וואָס מוסאָליני טוט היינט צו אונדז, וועט מאָרגן היטלער טאָן צו אייך. העלפט אונדז ביישטיין.

שוין העט־העט, ביי דער גרענעץ האָט אים אָנגעיאָגט אַ קויל, וואָס האָט אים געטראָפן אין דער רעכטער זייט פון בויך. אָפּגעראַטעוועט, פאַרבאַנדאַזשירט, האָט מען אים ביינאַכט אַריבערגעפירט די פירענעען און אַרויפגעזעצט אויף אַ פראַנ־צויזישער באַן.

* * * * *

אַנדרעי איז צוגעפאַלן ווי אַ געטריי הינטל און האָט אים אָפּגעלעקט די וווּנד. ווער האָט איר געזאָגט, אַז ער איז פאַר־וווּנדעט? קיינער ניט. זי האָט עס געפילט, זי האָט עס געוווּסט נאָך איידער ער איז אָנגעקומען.

אַנדרעי איז געווען וואָלטערס מיידל, מיט וועמען ער האָט חתונה געהאַט אין געהיים, כדי זיינע פריינד זאָלן ניט טייט־לען אויף אים מיט די פינגער: „זע נאָר, וועלוועלע גנבֿ, דער זיידענער יונגער־מאַנטשיק; אַנדערש פּאַסט אים ניט נאָר אַ פראַנצויזקע. אַ כבוד פאַר זיין טאַטן.“

„אַרויסצוגיין“ מיט אַ פראַנצויזקע איז צווישן די יונגעלייט אויף דער עמיג־ראַציע געווען אָנגענומען. יאָ, ס'איז אפילו געווען אַ שטיקעלע כבוד. אַ סימן, אַז מען אַקלימאַטיזירט זיך אין פראַנקרייך. אָבער, ווען מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן תכלית, האָט זיך יעדער פון דעסט־וועגן, אָפּגעזוכט זיינס גלייכן.

געווען יונגעלייט, וועלכע זיינען יאָרנ־לאַנג אַרומגעגאַנגען מיט פראַנצויזישע מיידלעך און צום סוף חתונה געהאַט מיט אייגענע און אָנגעהויבן פירן אַ באַלעבאַ־טיש לעבן. און וואָס איז מיט וועלוועלע חיים יידלס דעם צדיקל?

אַנדרעי איז געווען אַ מאָדנע געשטעל: שמאָל און גלייך ווי אַן אָנגעצייגענע סטרונע, מיט דער מינדסטער אָנדייטונג אויף ווייבלעכקייט אונטער דער בלוזקע. אַ קאָפּ כוואַליענדיקע ברוינע האָר, בלויע מאַנדלאויגן און אַ רונד פּנימל מיט אַ שפּיציק גאָמבעלע. און ווען זי האָט עמיצן אָנגעקוקט, האָט זיך אויסגעוויזן ווי זי האַלט זיך קוים איין פון געלעכטער. וואָל־טער האָט זי קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט ווי זיין פרוי, נאָר ווי „מיין מיידל“. זי האָט אפילו ווי קיין מיידל אויך ניט אויס־געזען, נאָר ווי אַ יינגל, אַ ניט־דערוואַקסן יינגל. און דאָס איז טאַקע געווען די סיבה וואָס מענטשן האָבן זיך אַזוי שטאַרק גע־חידושט: „וואָס זעט ער אין איר?“

באַקענט האָבן זיי זיך אויף אַ העכסט אומראָמאַנטישן אופן.

וועלוול איז, מיטן וויסן פון זיין מאַמען, אַנטלאָפן פון דער היים; געלאָפן איז ער אין דער גרויסער שטאָט אַריין זוכן אַ קאָנסערוואַטאָריע. ער האָט זיך איינגע־רעדט אַז ער קאָן זינגען, און ניט אַזוי זינגען, ווי שפּילן.

אַז ער האָט טאַלאַנט, דאָס האָט ער זיך נאָך דערוווּסט אַלס יינגל פון ניין יאָר, בעת די גאַנצע משפּחה איז אין דער ער־שטער וועלט־מלחמה אַנטלאָפן פון די קאָזאַקן, און בזכות פונעם זיידן, דעם זשאַ־דוווער רבֿ, אָנגעקומען קיין ווין.

וועלוול האָט מיט זיין קליין, זילבערן קולכל געזונגען ביי אַ חזן. דער חזן האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן: — ט־ט־, אַ קאַנאַריקל — האָט דער הויכער חזן גע־שפּאַנט איבערן פּאַרקעט פון זיין דירה און זיך געקוויקט בעת וועלוול האָט פאַר־ציגן אַ ניגונדל. — ביי „אַנשטענדיקע לייטע“ וואָלט אַזאַ יינגל געוואַקסן אַ לייט. בשעתו האָט ער אים געשיקט אַ גאַנג און אים צוגעלערנט אויף דער פּיאַנאָ.

די חזנטע האָט געקוקט אויף דעם פליי־סיקן יינגל מיט קנאה. אירע צוויי בנים, עלטערע פון אים, דאַרף מען צווינגען און דאָס זיצט אָפּ שעהען ביי דער פּיאַנאָ און שפּילט גלאַט אַזוי, לשמה. פון דעסטוועגן האָט זי אים אונטערגערוקט אַ פליגל פון דער אויסגעברוינטער גאַנדז און אַריינ־געשמייכלט אין איר שיינעם גוידער, בעת דאָס הונגעריקע יינגל האָט אָפּגעלעקט יעדעס ביינדעלע.

ער איז איר פאַרלאָפן דעם וועג, און־טערגעטראָגן דאָס קאָשיקל בעת זי איז

געגאַנגען איינקויפן; אויפגעהויבן דאָס נאָזטיכל ווען זי האָט עס אַראָפּגעלאָזט. איך איז געפעלן זיין הכנעהדיקייט און זי האָט ניט געקאַרגט קיין שטיקל ברויט פאַר זיינעטוועגן. איין קלייניקייט, ברויט! אין מלחמהדיקן ווין, ברויט...

שפּעטער ווען דער חזן האָט דערגרייכט זיין ציל, ער איז אַנגאַזשירט געוואָרן אין אַ טעמפּל (ביז איצט האָט ער געדאַוונט אין אַ שול) האָט ער מיט זיך מיטגענומען זיינע 3 בעסטע משוררים: זיינע אייגענע צוויי יינגלעך און וועלוולען. ער האָט זיי אָנגעטאָן ווייסע קאַפּעלעך און שיינע טליתימלעך, און וועלוול, וועלכער איז געשטאַנען אין דער מיט פון די צוויי הויכע בנים, האָט אַרויסגעטרילערט טאַקע ווי אַ קאַנאַריקל. דער חזן האָט אים משנה געווען מיט אַ נייעם נאָמען: ער האָט שוין איצט ניט געהייסן וועלוול חיים יידלס, נאָר וואַלטער ראָש.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך די משפּחה אומגעקערט צוריק אַהיים און ס׳איז געוואָרן אויס וואַלטער און צוריק וועלוול.

וועלוולען האָט אָבער געצויגן צוריק קיין ווין. נאָר ער איז שוין איצט געווען אַ בירגער פון גאָר אַן אַנדער לאַנד, מיט אַ פרעמדער שפּראַך — רומעניש.

אַ בחורל, וואָס דערנעענטערט זיך צו דער צייט ווען ער דאַרף זיך שטעלן צום פּריזיוו, קריגט ניט קיין פּאַספּאָרט אַרויסצופאָרן פון לאַנד, העכסטנס, פאַר מי יודע וויפל געלט. האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. געשוואַרצט די גרענעץ, זיך געוואַלגערט אַ לאַנגע צייט אין עמיגראַנטישע האָטעלן און אָנגעקומען איז ער ניט קיין ווין, נאָר קיין פּאַריז.

* * * * *

וועלוול האָט געמעגט וויסן, אַז אַ יונגערמאַן, וואָס פּרעטענדירט אויף וועלכער עס איז קונסט, באַזעצט זיך ניט אויפן „בעלוויל" נאָר אויפן „מאָנמאַרטר". נאָר פון וואַנען האָט ער עס געזאָלט וויסן? ער קומט דאָך פאָרט פון קליינעם שטעטל, אויסגעבענקט און אַדורכגענומען מיט די שענסטע אידעאַלן פון זיין דור פאַר אַ באַנייט לעבן, פאַר פרייהייט, פאַר יושר. ווי אַ מאַגנעט האָט אים געצויגן צו זיינס גלייכן. ער האָט גלייך דערשמעקט ווו

דער יידישער קוואַרטאַל געפינט זיך און האָט געדונגען אַ „דירה".

וועלוול האָט אַריינגעגעבן אַ קליינע נאָטיץ אין אַ לאָקאַל־צייטונגל, אַז ער גיט לעקציעס אויף פּיאַנאָ און פידל בחצי־חינם, און האָט אָנגעגעבן דעם אַדרעס פונעם נאָענטן מוזיק־געשעפט, ווו ער פלעגט אַ מאָל אַריינקומען עפּעס קויפן.

אַנדערע האָט געאַרבעט אין דעם מוזיק־געשעפט אַלס פאַרקויפערין. וואַלטער האָט זי אפילו קיין מאָל ניט באַמערקט. ווען זי האָט זיך דערוווסט אַז דער צעשויבערטער יונג גיט לעקציעס, האָט זי אים איין מאָל געפרעגט וויפל ער נעמט פאַר אַ לעקציע. אָנשטאָט איר צו ענטפערן אויף דער פראַגע, האָט ער איר דערלאַנגט אַ שיין געצייכנט קאַרטעלע מיט זיין אַדרעס. איז זי איין מאָל אַרויפגעגאַנגען אויפן פינפטן שטאָק פון האָטעל „פּראַדיע" זוכן זיין „סטודיאָ".

זי איז געווען שאָקירט פון דעם געשטאַנק וואָס האָט זיך געפילט פון די אָפּטריטן. דערקעגן איז זי ניט געווען אין מינדסטער מאָס איבעראַשט פון דער נאַקעטער אָרעמקייט, וואָס זי האָט געטראָפן אין זיין „סטודיאָ".

וואָס פאַר אַ נייעס איז אין פּאַריז אָרעמקייט צווישן יונגע קינסטלערס? דאָס איז דאָך „סטאַנדאַרד", לעבנס־שטייגער...

אַ קליין צימערל אונטער אַ געבויגענעם דאַך, ביי דער איינציק גלייכער, הויכער וואַנט איז געשטאַנען אַ גרויסע, שוואַרצגלאַנציקע פּיאַנאָ. ביי דער זעלבער וואַנט אַרויפצו אין ווינקל — אַ שמאָל אייזערן בעטל אויף וועלכן ס׳איז געלעגן איינגענעסט די פידל, דער סמיטשיק — דערנעבן. אָנגעוואָרפן אויפן דיל זיינען געווען אַנדערע אינסטרומענטן. ביים אָפּהאַנג פונעם געבויגענעם סופיט איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַ טישל אויף דריי פיסלעך, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געפונען אַ באַרג מיט פּאַפּירן און ביי דער זייט אַ דין, לאַנג ברעטל, און אַ טעלער מיט פעטע, גלאַנציקע איילבירטן.

אין מיטן שטוב אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ ברענענדיקער פּרימוס אויף וועלכן ס׳האָט זיך געקאָכט אַן... איי. בעת וועלוול האָט פאַרהאַנדלט מיט איר וועגן

די לעקציעס, איז דאָס וואַסער פון טעפּל איבערגעלאָפן און ביידע האָבן זיך אינסטינקטיוו אַ לאָז געטאָן אַרונטערצודרייען דאָס פלעמל. דערווייל האָט דאָס איי געפּלאַצט און האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך צוויי קישקעלעך — איינס אַ געלס און איינס אַ ווייס. דאָס איבערגעלאָפענע וואַסער האָט אויסגעלאָשן דאָס פייער און דער פּרימוס האָט זיך גערויכערט.

וועלוול האָט זיך געפּרווט פאַרענטפערן. נאָר אויף דעם דאַרף מען דאָך קענען פראַנצויזיש. האָט ער הילפלאָז צענומען די הענט און האָט איר אָנגעוויזן אויף דער פּיאַנאָ און אויף דער פידל און געפרעגט אויף שטום־לשון, וואָס זי וויל לערנען.

זי האָט געצויגן מיט די אַקסלען, געמיינט ביי אים פרעגן אַן עצה; זי האָט אָבער זיין לשון אויך ניט געקענט...

אַנדרעי האָט שוין געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ איבער אַ האַלבע שעה און ער זיצט און קוקט און שווייגט. אים איז פּאַמעלעך קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט אַ סך אַ בעסערע טעכניק פון אים. וואָס־זשע טוט מען איצט? קאָמפּראָמיטירן קאָן מען זיך ניט. אויב אַזוי וועט ער זי מוזן לערנען פידל.

ווען ס'האָט זיך נאָך אַ מאָל געמאַכט אַז אַנדרעי איז געקומען און האָט געטראָפן עפּעס קאָכן אויפן פּרימוס, האָט זי בשום אופן ניט געקאָנט שפּילן, ווייל זי האָט מיט איין אויג געהיט אַז דאָס טעפּל זאָל ניט איבערלויפן...

איין מאָל איז זי געקומען און געבראַכט אַ געטאָקט קעסטעלע, ער זאָל האָבן אין וואָס צו האַלטן זיין פידל. „מסיע לאַפּאָרטע", איר באַלעבאָס, האָט עס שוין געהאַלטן ביים אַרויסוואַרפן, האָט זי געזאָגט און געשמייכלט אין אַזאַ פאַרלעגנהייט, אַז וועלוול האָט דאָס ערשטע מאָל באַמערקט אַז זי זעט גאָר נישט אויס ווי אַ מיידל, נאָר ווי אַ יינגל. מאָדנע, ווי די פראַנצויזן זיינען עפּעס...

זי פלעגט געוויינלעך קומען פרי נעמען איר לעקציע איידער זי איז אַריינגעגאַנגען אין געשעפט אַרבעטן. זי האָט געהאַלטן, ווי אַלע פאַריזער האַלטן, אַז די פרימאָרגנס זיינען זייער גינציק פאַר קינסטלערישער אַרבעט.

איין מאָל האָט ער זי צוגערופן צום פענצטער, וואָס איז געווען אַריינגעשניטן אין דער שיפּער וואַנט און האָט געזאָגט:

— דו זעסט — ער האָט געוואָלט זאָגן — פאַר וואָס איך וווין דאָ אונטערן שפּיץ דאַך? — נאָר זי האָט אַ לייכטן דריק געטאָן זיין האַנט ער זאָל שווייגן. פאַרן אויג האָט אַ שפּיל געטאָן אַ ים מיט שימערירנדיקע דעכער, ווי אַן אַבסטראַקט בילד — שפּיצן, קופּאָלן, קוואַדראַטן, מעטשעטן. דער אייפעל־טורעם איז געווען איינגעדעקט ביז דער העלפט מיט ווייסער וואַטע. פון אונטערן מאַנזאַרטער האָט זיך פּאַמעלעך אַפּירגערוקט די זון און האָט אויפגעהויבן דעם נעפּל, ווי אַ זילבערנעם פאָרהאַנג.

זי, די פאַריזערין, האָט געגאַפט. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין גרויסע האַנט אויף איר הענטל. זי האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן און האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע בלויע מאַנדל־אויגן. וואַלטער איז געוואָרן צוויסער זיך: אַזעלכע אויגן, און ער האָט גאָר קיינמאָל פריער ניט באַמערקט...

אָט דער מאָמענט האָט פאַרזיגלט זייער באַקאַנטשאַפט אויף אייביק.

זינט דעמאָלט זיינען שוין אַריבער פינף יאָר. זיי זיינען ביידע געגאַנגען און צוזאַמען געענדיקט די פאַריזער קאָנסערוואַטאָריע: ער אויף קאָמפּאָזיציע און זי אויף פּיאַנאָ.

אין פאַריז פירט מען זיך, אַז ווען עמעצער ענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע, אָרדנט מען איין פאַר אים אַ קאָנצערט און מען לאַדט איין די פּרעסע, דער עיקר מוזיקקריטיקערס. ווער אָרדנט איין? די משפחה, אָדער גוטע פריינד. וואָלטער האָט ניט געהאַט ווער עס זאָל פאַר אים איינאָרדענען אַזאַ קאָנצערט, דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות און זיינע חברים האָבן זיך געטראַכט, ער איז ניט קיין פּנים חדשות, ער האָט שוין געהאַט אַ סך עפנטלעכע אַרויסטריטן. באשר בכן ער האָט געמוזט אָנהאַלטן די קאָנסערוואַטאָריע צוליב וווינרעכט? — געווען אַ סך אַזעלכע, וועלכע זיינען געגאַנגען יאָרן־לאַנג אין די אוניווערסיטעטן כדי אָנצוהאַלטן זייער וווינרעכט.

זי, אַנדרעי, האָט זיך ניט געריסן דערנאָך. זי איז, ווי פריער, געבליבן אַרבעטן אין געשעפט, נאָר מיט אַ העכערן לוין און קירצערע אַרבעט־שעהען. דאָס געשעפט האָט געהאַט אַ סיסטעם, אַז יעדער איינער, וואָס האָט געקויפט אַ פּיאַנאָ האָט געקראָגן אַ צאָל לעקציעס אומזיסט (פאַרשטייט זיך, אַז אָנהייבערס האָבן דאָס ניט געקראָגן). איר פּרעסטיזש האָט זיך געהויבן, דאָס געשעפט האָט איר גראַדוירונג ברייט אַנאָנסירט און, ווי מען זאָגט, געשלאָגן קאַפּיטאַל דערפון. וואַלטער איז דערווייל געבליבן אַ „פּרילענסער", אָבער ער האָט אויך פאַרדינט; ווייניק, אָבער פאַרדינט. אַ מאָל אָנגעשריבן אַ שטיקעלע מוזיק פאַר אַ טעאַטער, זיך פאַרמאָסטן אויף קאַנטאַטעס. און אַ ניגונדל אַ יידישס, אַ חזנישס. דאָס איז אים גראָד שטענדיק געראָטן און דאָס האָט ער לייכט „אָפּגעזעצט". אגב, האָט ער טאַקע געזוכט אַ שטעל אַלס אַ חזן און ווען ניט די פראַגע פון אַרבעט־פּאַפּירן, וואָלט ער זי אויך געקראָגן. (פאַר דער „פּרעפעקטור" איז אַ חזן אַן אָנגעשטעלטער, אַן אַרבעטער).

וואַלטער איז געווען זייער אַ פלייסיקער. ער פלעגט אָפּזיצן שעהען־לאַנג ביי דער פּיאַנאָ, און אַ מאָל גאַנצענע טעג. ווען ער האָט געאַרבעט, איז געווען אַ געפאַר זיך צוצורירן צו אים. זיינע ליפּן האָבן געברענט, זיין קאָפּ מיט די געדיכט־בלאָנדע האָר האָט אויסגעזען ווי אַ סטויג שטרוי, וואָס דער ווינט רייסט פון אים שטיקער. ווען זי איז אַהיימגעקומען און געטראָפן אים אין אַזאַ מצב, האָט זי זיך געהאַלטן אַ מייל די ווייט פון אים.

וועלוול האָט איצט געפירט אַ טאָפּלט לעבן (אין ער איז ניט געווען דער איינציקער). קאָנצערטן, טעאַטער, מוזעומס און בלוואַרן. און... אַ ליב באַשעפעניש ביי דער זייט. ווי גליקלעך ער איז טייל מאָל געווען — טייל מאָל.

פונעם קליינשטעטלדיקן בחור איז געוואָרן דאָס אמתע קינד פון דער גרויסשטאָט: דער מאָנפּאַרנאַס האָט אים גערייצט. די קאַפעען האָבן אים צוגעצויגן און די מעטראָ איז געווען אַזאַ שפּילכל פאַר אים, ווו ער פלעגט זיך טייל מאָל אַריינזעצן און אויספאָרן גאַנץ פּאַריז. ער האָט דאָרט אויפגעכאַפּט דעם ריטם פון די רעדער און אויסדריקן פון פנימער, אַזעלכע פאַרשיידענע, וואָס ווען ער איז אַ מאָלער, מאָלט ער זיי אַלע אָפּ. אָבער ער איז ניט קיין מאָלער, האָט ער שווער אָפּגעזיפצט.

נאָר דער בעלוויל, רי דע ראָזיע, דאָס „פּלעצל", די יידישע אונטערנעמונגען, די ספּאָרט־קלובן און די יידישע טעגלעכע צייטונג, דאָס איז געווען זיין „אינטימע" היים אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע. פון זיינע חברים האָט ער זיך אַ סך מאָל געפילט געקרידיוודעט, אָבער ער האָט זיי ליב געהאַט. ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין אַרבעטער־היים און איינשלינגען אַלע יידישע צייטונגען. (אין דער אַרבעטערהיים איז געווען וואָס צו שלינגען).

און זיינע קאָלעגן מוזיקערס, יידישע קינסטלערס, שרייבערס, דיריגענטן — דאָס אַלץ איז געווען דער זויערשטאָף מיט וועלכן ער האָט געאָטעמט.

ס'איז געווען אין די פריע זומערטעג פון 1936. פראַנקרייך האָט געזוירן מיט נייע שטימונגען. דער שכן פון צפון־מזרח, דייטשלאַנד, האָט געדראָט מיט „אַנשלוס". עסטרייך, סודעטן, די גאַנצע וועלט איז אים ווייניק געווען... און דער שכן פון דרום־מערב, שפּאַניע, האָט אַרויסגעקוקט מיט וווּנדערלעכע אויגן פונעם שטימקאַסטן און געוויזן: אַז דאָס פאָלק נאָר וויל...

די אויסדערווילטע רעפּובליק אין שפּאַניע איז געווען אַ קאָאַליציע פון רעפּובליקאַנער, סינדיקאַליסטן (אַנאַרכיסטן), סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן.

פראַנקרייך איז אויך געשטאַנען פאַר וואַלן. כדי צו געווינען די מערהייט פון דער באַפעלקערונג פאַר די נייע שטרעמונגען, האָבן ליבעראַלן, סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן זיך פאַראייניקט און זיינען אַרויס מיטן לאָזונג: פאָלקספראָנט. דאָס האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ דונער, וואָס זאָגט אָן אויף אַ גאָס רעגן: „פראָן פּאָפּילער"! (אונטער דעם לאָזונג האָבן די שפּאַניער געוווּנען די וואַלן). עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע דעמאָנסטראַציעס קעגן היטלערן.

* * * * *

די נאָענטע חברים פון וואַלטער ראָש האָבן איצט געאַרבעט איבער אַלע כוחות כדי איבערצוגעבן דעם פּאָלקספּראָנט די שליחות, וואָס וואַלטער ראָש האָט געבראַכט מיט זיך פונעם צעוווּנדיקטן פּאָלק און לאַנד. זיי האָבן אָפּגעהאַלטן זיצונגען, באַראַטונגען, קאָנפערענצן. נאָר, אַ קליינע פּאַרטיי, דערצו נאָך אַ יידישע, ווער האָט זיך גערעכנט מיט איר? אגב, האָבן די פירערס פון פּאָלקספּראָנט געוווּסט וועגן דעם געפערלעכן צושטאַנד אין דעם ווינקל פון דער וועלט. זיי האָבן געשמוגלט געווער, ווערבירט פריייווילליקע — צווישן זיי אַ סך יידן. אַ היפּשע צאָל פון וואַלטערס יונגע פריינד האָבן זיך אויך רעגיסטרירט; אַ סך יידישע יוגנטלייט פון אַלע לענדער אין אייראָפּע (למען האמת, פּאָליאַקן אויך, און אַמעריקאַנער) זיינען גרייט געווען אָפּצוגעבן זייערע לעבנס—און אַ סך האָבן טאַקע אָפּגעגעבן—ניט נאָר פאַר שפּאַניע, נאָר פאַר גאַנץ אייראָפּע. זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז בלויז דער אָנהייב...

דאָס וואָס גרויסע פּאָליטישע פירער האָבן ניט געוווּסט, ניט געוואָלט וויסן, האָבן זיי יאָ געוווּסט. זיי האָבן געפילט אין זייערע ביינער דאָס אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף דער מענטשהייט—אויף פעלקער און לענדער.

* * * * *

דער פאַרווונדעטער וואַלטער איז איצט געלעגן אויפן בעט איינגעווייקט אין שווייס און האָט אויסגעפיבערט די פאַנטאַסטישסטע וויזיעס. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט איז יונג געוואָרן. יונג און גליקלעך. פולע גאַסן מיט קינדער שפּאַצירן אַרום פריי און זאָרגלאָז. דער הימל איז בלוי. פון „זשאַרדען לוקסענבורג" (אַ גאָרטן אין פּאַריז) טראָגן זיך וווּנדערבאַרע ריחות פון טיירוויזן. אַך, ווי ער האָט עס ליב געהאַט די קאָליר און דעם אַראָמאַט פון די דאָזיקע רויזן. זיינע ליפּן זיינען געווען בלאָ און פאַרטריקנט. זיינע הענט — קאַלט, זיין שטערן — הייס און זיין דימיון — צעצונדן. ווער האָט עס געקאָנט גרייכן צו די הויכן אין וועלכע וואַלטער האָט זיך איצט געפונען. און וואָס ער האָט דאָרטן געזען און געהערט האָט ער אָנגעקליידט אין קלאַנגען און אין סקאַלעס.

אַנדרעי איז געזעסן ביי דער פאַנאָ נעבן בעט און האָט מיטגעפיבערט. אירע פינגער האָבן געציטערט איבער די קלאַווישן און איר אומזיכערע האַנט האָט פאַרשריבן אַלץ, וואָס ער האָט דיקטירט. — ניין, ניט אַזוי, קרעשענדאָ! האָט ער אויסגעשריגן מיט די לעצטע כוחות. — פון דער טיפעניש פון איר נשמה האָט זיך געריסן איין גרויס געבעט: „לאָז אים מיר, גאָטעניו! שענק אים מיר פאַר אַ מתנה". זי האָט זיך פּלוצלינג אַ הויב געטאָן פון בענקל און אויסגערופן „אַווע מאַריאַ! העלף, העלף!" ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט: „וועמען רופסטו?" זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים און געטראַכט: „ווי קאָן עס אַ מענטש אין אַזאַ קריזיס, זיין אַזוי אין גאַנצן פאַרטאָן אין דער נגינה און ניט וויסן, פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך מיט אים", ביז זי האָט זיך פּלוצלינג געכאַפּט, אַז ער איז אויסגעגאַנגען אונטער אירע הענט. זי ווייסט אפילו ניט ווען און ווי אַזוי דאָס איז געשען...

* * * * *

די מלחמה אין שפּאַניע האָט זיך צעפלאַקערט אויף אַ רעכטן אמת. דער פאַשיסטישער אָנגריף איז געקומען פונקט אין יענע טעג, ווען ס'האָט זיך געזאָלט אָנהייבן די וועלט־אָלימפּיאַדע. דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן: דאָס מאָל אין שפּאַניע. טויזנטער יונגע מענטשן זיינען זיך צונויפגעקומען אין בערגיע כדי פון דאָרטן אָפּצופאָרן קיין שפּאַניע צום פאַרמעסט. און דאָס נאַיווע, אויפגעלייגטע שפּאַנישע פאָלק האָט פאַר זיי געהאַלטן צוגעגרייט אָפענע אָרעמס און פולע הענט. פאָלק ווייסט ניט פון קיין הויך־פּאָליטיק, במילא האָט עס אויך ניט פאַרשטאַנען דעם פאַרמעסט צווישן ברוין, שוואַרץ און רויט...

וועמען אַרט עס, ווען קינדער שפּילן זיך אין דער זון? וועמען אַרט עס ווען אַלטע לייט זאָגן זיך אויסלעבן זייערע יאָרן במנוחה? וועמען אַרט עס, ווען מייד־

לעך פּליטעוועץ און בחורים גרויסן זיך מיט זייער גבורה? וועמען אַרט עס, וועמען אַרט עס?! נאָר עס איז שוין דאָ וועמען עס זאָל אַרן. אויף דעם זיינען פּאַראַן שלאַנגען אין מענטשן־געשטאַלט. נאַציס, קראָקאָדילן און פאַשיסטן. גאַנצע געגנטן אין דעם מילדן לאַנד צווישן אַטלאַנטיק און דעם מיטללענדישן ים זיינען אויסגעמישט געוואָרן מיט מאָרד, שטויב און בלוט.

ווי הילפלאָז ס'איז דער מענטש. ווי אומרחמנותדיק טראַגיש און הילפלאָז; אַפילו אין אַזאַ צייט, אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז קיין אמתע אַחדות צווישן די לאָיאַלע פאַרטייען נישט געווען. און פראַנקאָ מיט זיין מורישער אַרמיי האָט געדאַט אַ לייכטן שליטוועג פון מאַראָקאָ קיין שפּאַניע. (פון מאַראָקאָ האָט ער געמאַכט זיין אָנגריף).

ערשט איצט האָבן זיך וואַלטערס פריינד געכאַפּט, אַז ער איז געוואָרן אַן ענין פון גרויס פּרעסטיזש. — דער ערשטער אויסלענדישער העלד, דער ערשטער קרבן. פריער איז זיי דאָס גאָרניט איינגעפאַלן. פריער זיינען זיי אַרומגעלאָפן זוכן הילף: דאָקטוירים, ספּעציאַליסטן.—פּעריטאָניט! געוואַלד, ווו נעמט מען אַ רפואה? נאָר איצט איז שוין געווען נאָך אַלעמען. די צייטונגען האָבן זיך צעשריבן: דער ערשטער פרעמדער קרבן פונעם שפּאַנישן בירגערקריג (לייען, פאַשיסטישער אָנגריף). לויט די צייטונגען האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז אָט דער תמימותדיקער מענטש, וואָס האָט זיך די אַלע יאָרן אַרומגעדרייט אין זייער מיט, איז גאָר געווען אַן אַנערקענטער מוזיקער. יאָ, אַזוי האָט בפירוש געשריבן די אָוונט־צייטונג „סע סואַר".

* * * * *

די טעג האָבן זיך פאַר איר אָנגעהויבן דרייען פאַמעלעך און שווער, ווי רעדער פון אין אַ בלאָטע פאַרזונקענעם וואָגן. נאָר אין די טיפע בין־השמשותן און אין פאַרוואָלקנטע טעג — אַנדרעי האָט פיינט געקראָגן די זון — האָט זי זיך באַהאָפטן מיט דער פּיאַנאָ און געשפּילט. געשפּילט אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. און די מעלאָדיע האָט זיך עפּעס ווי געטוליעט צו איר, געלאַשטשעט ווי אַ קליין קינד, וואָס וויל עפּעס, בעט עפּעס. נאָר טייל מאָל האָבן זיך די קלאַנגען אַרויסגעריסן פון דער סקאַלע אין אַ ווילדער ראַפּסאָדיע, אין אַ טאַנץ, אין פיבערנדיקן טאַנצמאָטיוו, ניט אָפּצושטעלן און ניט צו קאָנטראָלירן. די טענער האָבן זיך געריסן מיט אימפּעט פון אירע פינגער, זיך אַריבערגעגאָסן איבער די קלאַווישן, ווי אַ לאַווע; אַזש פאַרבייגייערס אויף דער גאַס האָבן זיך אָפּגעשטעלט: — „וואָס טוט זיך דאָ?"

די פריינד פונעם פאַרשטאָרבענעם זיינען איצט געוואָרן גאָר נאָענט מיט דער פראַנצויזקע, גאָר ניט ווי ביים לעבן פונעם קינסטלער. איצט, ווען די צייטונגען האָבן געמאַכט אַזאַ וואַרע האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן ערגעץ־ווו געגרייזט און דערביי עפּעס פאַרשפּעטיקט און האָבן געוואָלט אָניאָגן.

דער פרימאָרגן איז אויפגעשטאַנען אַ ליכטיקער, אַ צעשטראַלטער. נאָר פאַר אַנדרעיען האָט זיך די וועלט עפּעס אַזוי מאָדנע איבערגעשטעלט, אַז זי האָט דעם טאָג ניט דערקענט. די זון האָט אויסגעזען אַזוי טונקל און די ערד האָט געגנומען ווייכן פון אונטער אירע פיס. זי איז ניט אויפגעשטאַנען, נאָך וואָס האָט זי דען געזאָלט אויפשטיין?

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר. זי איז אַראָפּגעגאַנגען פון בעט, געפרעגט ווער? און האָט אויפגעשלאָסן, ניט אויפגעמאַכט. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן שעפּטל זאַלצבערג, איינער פון וואַלטערס פריינד. ער האָט זיך, ניט געבעטענערהייט אַוועקגעזעצט ביים נאָענטן טישל, ז י י ן טישל, ביים ליידיקן בעט. שעפּטל איז געווען אַ פילבאַרער מענטש. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין גרויסע שמועסן קאָן מען מיט איר איצט ניט פאַרפירן. נאָך וואָס־זשע איז ער געקומען? ער איז געקומען איר ווייזן אַ צייטונג. נאָך אַ לענגערן שטילשווייגן האָט ער זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען נענטער צו איר און אויסגעשפּרייט אַ צייטונג.

— אַנדרעי, מיר זיינען שטאָלץ אויף אייך. מיר, וואַלטערס חברים, אייערע פריינד.

(סוף אויף זייט 74)

חיים שוואַרץ

## ווי די פּאַלמע ביי מיין פענצטער

אַ שטילע ביי מיין פענצטער שטייט די פּאַלמע,
דער ווינט פאַרוויגט
איר גרינעם בלעטער־קרוין;
די פייגל־נעסט פון ווייטן זיך פאַרזאַמלען
און כאָרנווייז
זיי גריסן זיך און שטאַמלען,
פאַרליבטע, זייער צוויטשערישן לוין...

זי האָט מיין הויז־דאַך לאַנג איבערגעשטיגן
און באָדט זיך פריי אין הימלדיקן בלוי;
פרימאָרגנדיק עס צערטלט זי אַ ניגון,
אין אָוונט־צייט, ווען שאָטנס זי פאַרוויגן,
עס קושן שטערן זי מיט פייכטן טוי.

עס טרעפט אַ פלוצימדיקער האַרבסט־געוויטער
פאַרמעסט זיך בייז
זי אויסרייסן פון מאַמע־ערד;
נאָר פעסט עס האַלטן וואָרצלען אין דערנידער,
משפּחדיק פאַרשוועסטערט
און פאַרברידערט,
ווי ס׳וואָלט די ערד אַליין דעם מאָרד פאַרווערט...

ווי דו, אָ פּאַלמע, וואָלט איך איצטער גערן
פאַרוואָרצלען זיך אין פאָלק מיינעם געוואָלט,
אַז מיט זיין אויסדויער זאָל איך זיך נערן —
פאַרמעסטנדיק זיך מיט די ווייטסטע שטערן —
און זינגען זאָל ניט אויפהערן מיין קול.

און ווען אַ פויסט אַ שליידער וועט זיך געבן —
געצילט אין מיין
טיף־איינגעוואָרצלטן געביין —
זאָל זיין מיין ליד דער פאַנצער פון מיין לעבן,
און ס׳האַרץ אין מיר
עקשנותדיק זאָל וועבן
דאָס וווּנדער־ליד פון קיין מאָל ניט פאַרגיין...

(פונעם בוך „זון איבער וואָלקנס", וואָס איז נישט
לאַנג צוריק דערשינען אין לאָס אַנדזשעלעס)

עקיבא פישבין / פּאַריז

# דער יונגער בעטהאָווען אימפּראָוויזירט...

אַ מאָדנע זאַך: ביי זיינע 22 יאָר איז בעטהאָווען (געב. 1770, געש. 1827), דער גאון, נאָך אַלץ נישט קיין פּאַרטיקער מוזיקער. אמת, ער איז שוין אין דעם עלטער אַ זעלטענער קלאַוויר־שפּילער; געהאַט אפילו אויף זיין קאָנטע אַ רייע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס — אָבער, בכדי צו ווערן אַ קאָמפּאָזיטאָר ווי ס'געהער צו זיין, האָט אים דערצו נאָך געפעלט אַביסל טעאָרעטישע קענטענישן.

הכלל: נאָך ענערגישע אינטערווענצן מצד בעטהאָווענס פריינד ביים פּרינץ אין באָן, האָט דער הערשער פונעם לענדל, דער קורפירשט מאַקסימיליאַן פראַנץ, באַשלאָסן צו שיקן אויף זיין אייגענעם חשבון דעם „האָף־מוזיקוס" זיינעם — לודוויק וואַן בעטהאָווען קיין ווין, כדי דאָרט זאָל ער אונטער דער לייטונג פונעם גרויסן מוזיק־שעפער, דעם „פּאַפּאַ" היידן — אַזוי פלעגט מען אין ווין רופן מיט ליבשאַפט און דרך ארץ דעם גרויסן קאָמפּאָזיטאָר — פאַרטיפן זיין טעאָרעטיש־מוזיקאַליש וויסן און בסוף „איבערנעמען פון היידנס הענט דעם גייסט פון מאָצאַרט", אַזוי ווערט געזאָגט אינעם פּרינצישן אויפטראַג. אַ פולקאָם אויסגעשולטער מוזיקער, האָט לודוויק געזאָלט צוריקקומען צו דער פּרינצישער הויף־קאַפּעלע, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ סובווענציאָנירטן „האָף־מוזיקוס".

די היסטאָרישע געשעענישן האָבן אָבער צונישט געמאַכט דעם הערשערס פּלענער אויף דער צוקונפט. אַ קורצע צייט נאָך בעטהאָווענס פאַרלאָזן באָן, האָט זיך דער קורפירשט פאַרדרייט אין אַ מלחמה קעגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. גאַנץ שנעל זענען די רעוואָלוציאָנערע חיילות אַריבער דעם רהיין, און אַזוי ווי די ליליפּוטן־אַרמיי פונעם באָנער מושל וואָלט אין לעבן נישט אויסגעהאַלטן דעם הוראַגאַן פון דער נייער פאָלקס־אַרמיי, וואָס האָט געטריבן די אויסלענדישע אינטערווענטן פון דער פראַנצויזישער ערד, האָט מאַקסימיליאַן פראַנץ פאַר זיך נישט געזען קיין צווייטע ברירה ווי מאַכן ויברח. בשעת דעם בחפזונדיקן אַנטלויפן פון זיין ק. וינשטאָט באָן, איז אים די קרוין דערווייל אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ און אַזוי האָט ער שוין זיין פּרינצישן טראָן פאַרלוירן אויף אייביק. קיין באָן וועט ער שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען.

אויך בעטהאָווען איז קיינמאָל נישט מער צוריק געקומען צו דער געבוירנשטאָט זיינער, באָן, אמת, בעת זיינע איינזאַמע מאָמענטן אין ווין וועט ער כסדר טראַכטן וועגן דעם „פאָטער רהיין" וואָס רוישט אַזוי היימלעך דאָרט, אַרום דעם אָרט ווו ס'איז געשטאַנען זיין וויג. ער וועט אָפט דערמאָנען די וואַרעמע פריינדשאַפט, וואָס האָט געהערשט אין זיינע אויפגעקלערטע קרייזן אין שטאָט. דער

---

לאָטי מלאך (סוף פון זייט 72)

זי האָט געקוקט אויף דער צייטונג, נאָר געזען האָט זי גאָר עפּעס אַנדערש: אַן אויפגעריסן העמד אויף אַ פיבערדיק לייב, צוויי בלויע ברוסטוואָרצלען שטאַרצן אַרויס, ווי גרויסע שפּילקע־קעפּלעך.

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? — האָט שעפּטל געפרעגט — איר זעט ניט וואָס מען שרייבט וועגן אייך? — „לאַ פאַם בראַוו" (די בראַווע פרוי). „די יונגע אַלמנה פונעם עלדישן מוזיקער איז געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט..."

— זעץ זיך נעבן מיר — האָט אַ הייסע שטימע געפּליסטערט. — איך האָב דיך אַזוי ליב, אַז איך גיי אויס פון ליבשאַפט צו דיר. — אַנדרעי האָט מיט צאַרטן ווייטיק אויפן פּנים אַ שמייכל געטאָן און שעפּטל זאַלצבערג האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער שטוב, ניט פאַרענדיקט דעם שמועס. שוין אויף דער שוועל, במעט אויף יענער זייט טיר האָט ער זיך אויסגעדרייט און פאָטערלעך אָנגעזאָגט: — פאַרשליסט די טיר!

גורל זיינען וועט אים אָבער שוין קיינמאָל נישט מער צונויפפירן מיט זיין היימשטאָט ביים רהיין.

מען דאַרף זאָגן, דער פרינצישער זשעסט לגבי בעטהאָווען איז געווען אַ פועל יוצא פון צוויי מעלות פון וועלכע מאַקסימיליאַן פראַנץ איז געווען שטאָלץ ביז גאָר. ראשית כל, ווי אַ חסיד פונעם „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם", האָט ער שטאַרק געהאַלטן פון „טאָן גוטס" דעם פאָלק; ער האָט אים אפילו אַ טאַטע געוואָלט זיין! אין דער הינזיכט האָט דער גרויסמוטיקער פרינץ געהאַט אַ גוטן ביישפיל זיך אָפצולערנען פון זיינעם אַ ברודער אין ווין.

מאַקס פראַנץ איז געווען דער ייִנגסטער ברודער פון דער געקעפטער מלכה פון פראַנקרייך, מאַריאַ אַנטואַנעט, און פונעם עסטרייכישן קייסער יאָזעף דעם צווייטן, וואָס איז אין אייראָפע דאַן אָנגעגאַנגען פאַר אַ מוסטער פון אַ הערשער אַ „גוטסטוער" — און דאָס, טאַקע אינעם בעסערן זין פון „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם". יאָזעף דער צווייטער האָט זיך אַ שם געמאַכט מיט זיינע רעפאָרמען. אפילו אין די ייִדן פון זיין אימפעריע האָט ער נישט פאַרגעסן. ער האָט זיי מזכה געווען מיטן באַרימטן „טאָלעראַנץ פאַטענט". דאָס איז געווען אַ מין ערזאַץ פון רעכט, וואָס לויט דער דעה פון ר' משה מענדעלזאָן, אַן עדות פון יענער צייט, האָט דער „פאַטענט" שוין אין בעסטן פאַל געפירט די ייִדן צו פשוטער אַסימילאַציע, אָן זיי צו דערלאַנגען בירגער־רעכט און אמתע רעליגיעזע טאָלעראַנץ. דאָס פאַרסמטע לעקעכל פון דעם קייסערס גנאָד האָט ר' משה קאַטעגאָריש אָפגעוואָרפן.

מאַקס פראַנצן, דעם הערשער פון באָן, איז שטאַרק געפעלן דער אידעאַלער שם פון אַן אויפגעקלערטן הומאַנעם פרינץ! צו דעם האָט ער געהאַט נאָך אַ מעלה — ער איז פאַרליבט געווען אין דער מוזיק פון מאָצאַרט. אים האָט מאַקס פראַנץ געקענט פערזענלעך אין ווין. דאָרט טאַקע, אויפן קייסערלעכן הויף אין ווין, איז ער געוואָרן אַ שטאַרקער חסיד פון מאָצאַרטס מוזיק. און ווען ער איז אַוועק איבערנעמען די קורפירשטלעכע שטול אין באָן, האָט ער מיטגענומען מיט זיך אַ שטויס פון מאָצאַרטישע פאַרטיציעס. מאַקס פראַנץ וואָלט געווען איינער אַ גליקלעכער ווען אויף זיין פרינצישן הויף אין באָן וואָלט ער געקענט האָבן אַן אייגענעם מאָצאַרט. דערפאַר טאַקע האָט ער אַוועקגעשיקט בעטהאָווענען קיין ווין. ער האָט פון אים געוואָלט מאַכן אַ מאָצאַרט... איז דאָך אָבער די וועלט אַזוי ביטער איינגעשטעלט — דער פרינץ טראַכט און גאָט לאַכט — האָט זיך פון אַלעם אויסגעלאָזט אַ בוידעם. נישט באַשערט געווען נעבעך מאַקס פראַנצן — סוף־כל־סוף דאָך נישט מער ווי אַ פראָסטער חיי וקיים — צו דערלעבן דעם לוקסוס פון אַן אייגענעם מאָצאַרט.

דאָ מוז מען אָבער אונטערשטרייכן אַ וויכטיקן מאָמענט: ביים בעסטן פאַל, ווען די געשיכטע וואָלט אפילו נישט אַרויסגעטראָגן אַזאַ ביטערן גזר־דין אויפן באָנער קורפירשטלעכן טראָן, אויך דעמאָלט וואָלט בעטהאָווען נישט געוואָרן אַ מאָצאַרט. ער האָט זיך בסך הכל גלייך געשניטן צו ווערן נאָר בעטהאָווען אַליין. סימנים דערויף געפינט מען אין די קאָמפאָזיציעס זיינע מזמן באָן. זיי זענען טאַקע שטאַרק אונטערן איינפלוס פון מאָצאַרטן, מען הערט אָבער שוין אין זיי אַן אייגענעם אַקצענט וואָס זאָגט אָן די באַזונדערע שאַרפקייט פון גרויסן בעטהאָווען. אין באָן איז מען דערויף גלייך געווען אַ מבין, און אויך אין ווין וועט מען דאָס שנעל באַמערקן. דער עיקר האָט זיך דאָס געוואָרפן אין די אויגן, ווען בעטהאָווען האָט זיך געזעצט צום קלאַוויר אימפראָוויזירן. ביי זיין ערשטן אַרויסטריט אין אַן אַריסטאָקראַטישן סאַלאָן אין ווין איז קלאָר געוואָרן, אַז מיט בעטהאָווענען איז געבוירן געוואָרן עפעס נייעס אין דער מוזיק.

בשעתו איז די שטאָט ווין שעל מעלה ביז גאָר מוזיקאַליש. די אַריסטאָקראַטיע האָט פאַר מוזיק געפיל און אַ גוט אויער. זי איז מערסטן טייל אַליין גוט מוזיקאַליש אויסגעשולט. ביי אַזאַ שטייגער, ווערט יעדער פראָפעסיאָנעלער מוזיקער וואָס

טרעט איבער די שוועל פון ווין גענומען גלייך אויפן עקזאַמען פון זייער מבינות. אַזוי איז אויך געווען מיט בעטהאָווענען.

בעטהאָווענס „פייער־פּראָבע" אין ווין איז פאָרגעקומען אינעם רייכן שלאָס פון יונגן פירשט ליכנאָווסקי, אַ קרוב פון גראַף פאָן וואַלדשטיין. דער יונגער וואַלדשטיין, אַן אויסגעקאָכטער אין די פּראָגרעסיווע קרייזן אין באָן, איז געווען נאָנט באַפריינדעט מיט בעטהאָווענען, און ער טאַקע האָט סוף כל סוף געפועלט ביים קורפירשט צו שיקן דעם „האָף־מוזיקוס" קיין ווין. אגב, האָט וואַלדשטיין פון זיין אייגענער טאַש בעטהאָווענען דערלאַנגט אויף הוצאות..

הקיצור, דער פירשט ליכנאָווסקי האָט איינגעלאַדן אַ צאָלרייכן אַריסטאָקראַטישן עולם פון העכסטן אונגאַרישן און עסטרייכישן אַדל — אַלץ מבינים — אויסצוהערן אַ קאָנצערט פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער. אין יענע צייטן זענען קאָנצערטן פון דעם מין געווען ביי די הויך־געבוירענע מוזיק־ליבהאָבער שטאַרק אין דער מאָדע. דער עצם פון קאָנצערט איז באַשטאַנען פון אַ געוועט פון צווישן קלאַוויר־ווירטואָזן, וואָס פלעגן זיך פאַרמעסטן אין דער אימפּראָוויזאַציע אויף אַ מוזיקאַלישער טעמע, דערלאַנגט דורך אַן אָנוועזנדן גאַסט אין סאַלאָן. ביי אַזאַ פאַרמעסט האָבן די קלאַוויר־שפּילער ווי געוויינלעך פּרובירט אַ בליץ טאָן מיט אַלע זייערע וואַלאָרן, הן מיט דער טעכנישער באַגאַבונג און הן מיט דער רייכקייט פון זייער טעמאַטישער אינוווענץ.

אין יענע צייטן, דאַרף מען באַמערקן, פלעגט אַ ווירטואָז זיך נישט באַגנוגענען מיט בלויזער אינטערפּרעטאַציע פונעם קאָמפּאָזיטאָרס טעקסט; ער איז אויך געווען מחויב צו באַווייזן, אין געוויסע שטעלן פון דער שאַפונג, אייגענע אימפּראָוויזאַטאָרישע פעיקייטן. היינט צו טאָג איז די אימפּראָוויזאַציע ביים אינטערפּרעטאַטאָר, מחוץ דער דזשאַז־מוזיק, פאַרשוווּנדן.

אַזאַ מוזיקאַליש־ספּאָרטיווער געוועט איז פאַר דער הויכער געזעלשאַפט פיינשמעקער סתם געווען אַ יום־טוב. זיי האָט דאָ דערוואַרט אַ „רעקאָרד" פון מוזיקאַלישער הנאה. פון זיין קרוב, דעם גראַף פאָן וואַלדשטיין, האָט דער פירשט ליכנאָווסקי אָנגעהערט זיך אותות ומופתים וועגן דעם יונגן לודוויק וואַן בעטהאָווען. ער האָט געהערט וועגן זיין וווּנדערבאַרער קלאַוויר־שפּיל, וועגן זיין כוח פון אימפּראָוויזאַציע, וועגן איר סוגעסטיווער ווירקונג אויף דעם צוהערער. אויך האָט ער געהערט וועגן בעטהאָווענס קאָמפּאָזיטאָרישן טאַלאַנט. עפּעס זענען אפילו צו אים דערגאַנגען שמועסן, אַז דער יונגערמאַן זאָל זיך שניידן גאָר פאַר דעם ממלא מקום פון מאָצאַרטן!

נו, דאָס איז שוין נישט קיין קלייניקייט.

וועגן יונגן בעטהאָווענען האָבן שוין אין ווין געהערט און געוווּסט אויך אַנדערע. דער גרויסער היידן, אַ שטייגער. בעת זיין רייזע קיין לאָנדאָן, האָט זיך היידן צוויי מאָל אָפּגעשטעלט אין באָן און געמאַכט דאָרט קאַנטשאַפט מיטן יונגן לודוויק. ער האָט אים געהערט שפּילן אויפן קלאַוויר און געוואָרן באַאיינדרוקט. ער האָט מיט אינטערעס אַריינגעקוקט אין זיינע קאָמפּאָזיציעס און אפילו פעסטגעשטעלט, אַז ער וואַקסט אַ לייט! היידן טאַקע האָט געעצהט דעם בחור צו קומען קיין ווין און דאָרט פאַרפולקאָמן זיינע טעאָרעטישע קענטענישן.

הכלל, דער פירשט ליכנאָווסקי האָט אַ קלער געטאָן, אַז ס'וואָלט געווען אַ יושר איינצוואָרדענען אַ מוזיקאַלישן פאַרמעסט און דערלאַנגען דעם ביי־געקומענעם בחור פון באָן דווקא דעם סאַמע בעסטן פּיאַניסט פון ווין — דעם גלח געלינעק. און אויב וויל דער יונגערמאַן גרייכן צו דער קרוין פון פאַרשטאָרבענעם מאָצאַרט, איז אַדרבא, זאָל ער־זשע ווייזן וואָס ער קען.

ווי אַזוי דער יונגער בעטהאָווען האָט יענעם אָוונט ביים פירשט ליכנאָווסקי אַ בליץ געטאָן צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער ווינער עליטע, וועגן דעם געפינט מען אינטערעסאַנטע פּרטים אין דער צייט־כראָניק, ווי אויך אין די זכרונות פון געוויסע עד־שמיעה.

אינעם רייכן שלאָס פון די הערשאַפטן ליכנאָווסקי האָט יענעם אָוונט געפּאַנעוועט אַ באַזונדערע פייערלעכקייט. דער פלאַקער פון אַ צעצונדענעם וואַלד וואַק־

סענע ליכט האָט זיך געבאָדן אין די הויכע ווענעציאַנער שפּיגלען, וואָס האָבן מיט אַ פינקלדיקער מויער אַרומגענומען דעם ריזיקן עס־סאַלאָן און אים איינגעטונקען אין אַ ים פון שמחהדיקער העלקייט. דער רייץ פון אַנטבלויזטע אָרעמס און אַקסלען פון די פרויען, זייערע ווייס־געפודערטע, קונציק געטורעמטע אין דער לופטן האָר; דאָס פינקלען פון זייערע דיאַדעמען, האַלדז־ און אָרעם־בענדער. די לוסטיק קוועלנדיקע אויגן זייערע — דאָס אַלץ האָט דערלאַנגט שאַרם דער יום־טוב שטימונג פונעם אָוונט. אַן עולם פון אַן ערך הונדערט איינגעלאַדענע געסט, דאַמען און הערן, געקליידט אין פאַרביקן סאַמעט און זייד — שוואַרץ, ווייס, לילע, רויט און גרין, בלוי און געל — אַן אמתע סימפאָניע פון קאָלירן, האָט זיך אויסגעזעצט אַרום רונדיקע טישן פון דעם איידלסטן געשניצטן האָלץ, באַשלאָגן מיט זילבערנע אָרנאַמענטן, וואָס האָבן געהאַט די מראה פון לעבעדיקע בלומען גירלאַנדן.

ראשית־כל האָט מען זיך גענומען צו דער סעודה. נאָכן אָוונט־ברויט איז מען אַריבער אינעם דערנעביקן מוזיק־סאַלאָן. דאָרט האָבן שוין געוואַרט אויף די אַדעליקע געסט דער גלח געלינעק און זיין „קעגנער", דער יונגער בעטהאָווען — אַ נישט אָנזעעוודיקער, נידעריקער בחור מיט אַ ברייטן, מיאוס געשטופּלטן פּנים, באַהעלט בלויז דורך אַ פּאָר פלאַקערדיקע אויגן; זיינע פעך־שוואַרצע האָר זענען אים מיט צויטן געפאַלן צום פּנים; זיין מלבוש, אַ זייער געוויינלעכער בגד, גאָר נישט לויט דער מאָדע און דווקא נישט קיין יום־טובדיקער. מחוץ די „קעגנער" איז אינעם סאַלאָן געווען אָנוועזנדיק אַ גרופּע עלטערע מענטשן, פּראָפעסיאָנעלע מוזיקער, אַלץ אָנגעזעענע קינסטלער מיט אַ שם. זיי האָט מען צו אָוונט־ברויט נישט איינגעלאַדן, זיי האָט מען געהייסן בלויז קומען צום מוזיקאַלישן געוועט.

בקיצור, דער באַלעבאָס פון שלאָס האָט געגעבן דאָס וואָרט און פאָרגעשטעלט פאַרן עולם די צוויי „קעגנער", ווי אַ שטייגער ביי אַ ספּאָרט־פאַרמעסט. ער האָט דערקלערט: — דער ערשטער קלאַוויר־שפּילער פון דער קייסער־שטאָט ווין, דער אַבאָט געלינעק, גיט היינט אַ געלעגנהייט צו אַ פאַרמעסט דעם יינגערן קונסט־ברודער זיינעם, לודוויק וואַן בעטהאָווען, אַ בחור פון באָן, וואָס זיין הויכהייט, דער קורפירשט מאַקסימיליאַן פראַנץ, האָט באַוויליקט צו שיקן צו היידנען אויף דער לער. בעט אַלזאָ, דער באַלעבאָס, אַז איינער פון זיינע הויך־געבוירענע געסט זאָל גיטיקס דערלאַנגען אַ מוזיקאַלישע טעמע אויפן קלאַוויר — און ביטע־שיין — זאָלן די צוויי פיאַניסטן אונדז צייגן וואָס זיי קענען. לאָמיר זען, ווער איז פון זיי ביידן שטאַרקער אין דער קונסט פון אימפּראָוויזאַציע אויף אַ דערלאַנגטער טעמע.

מיט עפענען דעם געוועט האָט מען מכבד געווען אַן עלטערן מאַן, דעם באַראָן וואַן סוויטען, אַן אויטאָריטעט בשעתו אין מוזיקאַלישן לעבן אין ווין.

אויפן ערשטן „פייער" איז אַוועק דער גלח געלינעק, דער ליבלינג פונעם מוזיקאַלישן ווין, אַ קלאַוויר־שפּילער וואָס איז באַטראַכט געווען ווי דער טשאַמפּיאָן פון אַלע ווירטואָזן. געלינעק, זאָגט מען, איז ווירקלעך געווען אַ וווּנדערבאַרער פיאַניסט מיט אַ שאַרפן חוש פאַר אימפּראָוויזאַציע. זיינע מיטצייטלער — היידן און מאָצאַרט — האָבן פון אים געהאַלטן אַ וועלט. מאָצאַרט האָט שטאַרק געלויבט זיינע אימפּראָוויזאַטאָרישע פעיקייטן און אים רעקאָמענדירט אפילו צום שטאַרקרייכן און הויך־אַדעליקן גראַף קינסקי.

ווי דער שטייגער פון אַלע ווירטואָזן צו יענער צייט, איז געלינעק געווען אויך אַ קאָמפּאָזיטאָר און דווקא אַ ביז גאָר פּרוכטבאַרער שעפער. מען האָט ביי אים אָנגעציילט אַ טויזנט פאַרשידענע שאַפונגען. געשריבן זיינען זיי געווען אין דעם עלעגאַנטן און פליסיקן מאָדע סטיל, און אין אַ פּאָלירטער לייכטער אויסדרוקס־פאָרם וואָס גליטשט זיך לייכט אין אויער אַריין. בייזע צינגער זאָגן אפילו, אַז נישט אַלע טויזנט קאָמפּאָזיציעס זענען זיינע. מען דערציילט אַז צוליב דעם גרויסן נאָכפרעג אויף זיינע שאַפונגען, האָבן פאַרלעגער, אונטער זיין נאָמען, אַרויסגעגעבן יצירות פון נישט באַקאַנטע מוזיקער. היינט איז

געלינעק אַ פֿולשטענדיק פֿאַרגעסענער קאָמפּאָזיטאָר. אין זיינע יאָרן האָט ער זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע פֿאַנטאַזיע־און־פּאָפּורי קאָמפּאָזיציעס; מיט זיין גלאַנציקן אַרט פֿאַרפֿלעכטן טעמעס פֿון באַרימטע אָפּערעס, פֿאָלקס־ניגונים און טאַנץ־מאָטיוון. ער האָט זעלטן גוט פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי אַ שמייכל צו טאָן צום געשמאַק פֿון ברייטן עולם צוהערער.

די היינטיקע מוזיק־פֿאָרשונג איז ביי דער מיינונג, אַז אַפֿילו די קאַמעראַלע מוזיק זיינע, קלאַוויר־סאָנאַטעס בתוכם, אויך זיי אַפּעלירן צום לייכטן געשמאַק פֿונעם פּובליקום, און זי באַשולדיקט אים — די מוזיק־קריטיק — אין פֿאַרפֿלאַכן דעם קלאַסיש־מוזיקאַלישן געדאַנקען אוצר. בשעתו איז געלינעק אָבער געווען זייער פּאָפּולער. ער איז געווען איינגעפֿירט אין די גרעסטע אַריסטאָקראַטישע און רייך־בירגערלעכע הייזער; ער האָט דאָרט געגעבן לעקציעס און קאָנצערטן. ער האָט אַפֿילו געלערנט אַ געוויסע צייט שפּילן קלאַוויר די קייסערין אַליין. דער הויך־פּונקט פֿון זיין רום פֿאַלט אויס אויפֿן איבערגאַנגס־פּעריאָד פֿונעם 18טן צום 19טן יאָרהונדערט.

הכלל, געלינעק האָט זיך אַוועקגעזעצט צום קלאַוויר. ער האָט איבערגענומען די דורך וואַן־סוויטען דערלאַנגטע טעמע און גענומען אימפּראָוויזירן. צוערשט האָט ער דורכגעוואָרפֿן די טעמע און כסדר געענדערטע ריטמען. ער האָט זי פֿאַרוואַנדלט אַפֿילו אין אַ גאַנץ שיינעם מענועט־טאַנץ. ער איז דאַן אַריבער פֿון איין טאָנאַציע צו דער צווייטער, און מאָדולירנדיק אַזוי האָט ער דערווייל אַ בליק געטאָן מיט זיין באַפֿליגלטער קלאַוויר־טעכניק און נושא חן געווען ביים עולם. דער עיקר, האָט ער געזאָרגט, זיין אַרויסטריט זאָל אָנהאַלטן דעם אָנגענעמען גוטמוטיקן כאַראַקטער.

דעם גלח געלינעקס נומער האָט ביים אַנוועזיקן עולם גאַנץ שיין אויסגענומען. דאַרף מען זיך אָבער אַ פֿרעג טאָן, וואָס איז די חכמה פֿון אימפּראָוויזירן אויף אַ פֿרעמדער טעמע? אַ גרויסער שעפֿערישער כוח באַהאַנדלט די פֿרעמדע טעמע, ווי אַ חומר ליצירה. ביים ראַנגלען זיך מיט די אייגנשאַפֿטן פֿון דער טעמע, וואַרפֿט ער איר אָן זיין אייגענע אויסדריקס־פֿאָרם, גיסט איר אָן מיט אַ נייעם אינהאַלט און פֿאַרוואַנדלט די אימפּראָוויזאַציע אין אַן אָריגינעלער שאַפֿונג. די פֿרעמדע טעמע קומט דאָ פֿאָר, ווי דער ווילדער שטיין מיט זיינע נאַטירלעכע אייגנשאַפֿטן, וואָס דער סקולפּטאָר טאָר נישט איגנאָרירן; פֿאַרקערט, ער דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי אויסצונוצן די אייגנשאַפֿטן פֿון זיין חומר און, אינעם געראַנגל מיט אים, אַרויסברענגען אייגענע געדאַנקען.

ביי אַ גרויסן מייסטער ווערט ביי דער אַרבעט איבער אַ פֿרעמדער טעמע געבוירן אַ שעדעווער. אָט למשל, די „דיאַבעלי־וואַריאַציעס" געשאַפֿן דורך בעטהאָווענען ביים סוף פֿון זיין לעבן. דאָס ווערק האָט פֿאָרויסגעשטויסן די קלאַוויר־קונסט אויף מיילן ווייט; פֿרישע האָריזאָנטן פֿאַרן קלאַוויר־אינסטרומענט האָט דאָ בעטהאָווען געעפֿנט. ביי אַ קנאַפּ אָריגינעלן שעפֿער איז די אימפּראָוויזאַציע נישט מער ווי אויבערפֿלעכלעכע פֿאַנטאַזיע אָנגעשפּאַרט אויפֿן אַקס פֿונעם מוזיקאַלישן געדאַנק. בעת יענעם אָוונט אינעם שלאָס פֿון פֿירשט ליכנאָווסקי האָט בעטהאָווען באַוויזן, אַז ער איז אַ מייסטער.

אויך בעטהאָווען האָט זיין אימפּראָוויזאַציע אָנגעהויבן ווי דער גלח געלינעק. אויך ער האָט די דערלאַנגטע טעמע דורכגעפֿירט דורך בליציקע ריטעם און טאָנאַליטעט מאָדולאַציעס, אַז דער עולם איז פֿאַרבליפֿט און פֿאַרבלענדט געוואָרן. דאָס איז געווען משמעות אַ ווונק צו די צוהערער, ווי איינער זאָגט: דרך ארץ! זעט מיט וועמען איר האָט דאָ צו טאָן.

נאָכהער האָט ער פֿאַרקירעוועט אויף אַן אַנדער וועג, שוין אויף אַן אייגענעם. ער האָט וואַן סוויטענס טעמע גענומען אַנטוויקלען אין דער לענג און אין דער ברייט. ער האָט זי צעלייגט אויף טעלערלעך און כסדר פּראָבירט, וואָס מען קען פֿון דער פּשוטער טעמע מאַכן; ער האָט געוועקסלט דעם טעמפּאָ, דעם ריטעם און אַלץ דערלאַנגט מער און מער שטוינענדיקע עפֿעקטן פֿון ווירטואָזישקייט. די

וואַן סוויטען טעמע האָט אונטער בעטהאָווענס פֿינגער כסדר געענדערט איר מראה. דער קלאַוויר האָט געשפּרודלט מיט אַלץ נייע מאָטיוון, מיט איבעראַשנדע מוזיקאַלישע טעמעס, מיט גייסטרייכע מעלאָדיעס. דער אַריסטאָקראַטישער עולם האָט אָנגעקוואַלן. יאָ, אויך בעטהאָווען האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ טענצלדיקן מענועט! די ריינסטע פּערל פֿון שאַרם, פֿרישקייט און עלעגאַנץ!

דער אַלטער וואַן סוויטען, דער מחבר פֿון דער טעמע, ער האָט דאָך שוין אין זיין לעבן געהערט אַביסל מוזיק — ער האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן. ער האָט זיך געוווּנדערט: פֿון אַזאַ באַנאַלער טעמע זאָל מען אַרויסבאַקומען אַזעלכע אוצרות פֿון גראַציע? דער מענועט, וואָס בעטהאָווען האָט אַרויסגעכישופֿט פֿון זיין טעמע, האָט אַרומגעפֿלאַטערט איבערן אַריסטאָקראַטישן סאַלאָן מיט עפּעס אַ זיס טאַנצנדיק ניגונדל, חנעוודיק און זאָרגלאָז, ווי ס'וואָלטן קיינמאָל קיין צרות נישט געווען אויף דער וועלט. וואַן סוויטען איז געווען אויסער זיך: — מנע, דער מאַן איז אַ גרויסער גאון!

פּלוצים האָט זיך, ווי פֿון אַ ווייטער פֿרעמד, אַריינגעכאַפּט אינעם גראַציעזטאַנצנדיקן מענועט אַ ברוטאַלער, צעריסענער, קורצער געלויף אין דעם באַסרעגיסטער און, מיט איין מאָל, ווי מיט אַ שאַרפֿער האַק האָט ער אַ תל געמאַכט צו דעם געמיטלעך אָנגענומען קלימאַט.

אַ רגע פֿון אַן איבעראַשנדיקער שטילקייט, און אויפֿסניי איז דערשינען די איניציאַלע טעמע פֿון וואַן סוויטען. איצט אָבער שוין אין אַ גאָר נייעם טעמפּאָ. עפּעס האָט צום עולם גענומען דערגיין אַ גאָר נייער אויסקלאַנג. דער טראָציקער פּריישער ריטעם האָט אָנגרייפֿעריש געטריבן די איידעלע טענער פֿון עלעגאַנטן מענועט און מיט חוצפּה געזוכט צו פֿאַרכאַפּן דעם גאַנצן קלאַנג־רוים פֿון פֿירשטלעכן סאַלאָן.

מאָדנע: די גאַנצע אומוואַנדלונג פֿון דער טעמע, אויך זי קלייבט זיך אָנצונעמען די געשטאַלט פֿון אַ מענועט טאַנץ. ס'געלינגט אָבער נישט; צו האַמעטנע און ברוטאַל זענען אירע טענער. די בייסיקע שאַרפֿקייט פֿאַרקירעוועט די טעמע צו אַ געזאַנג פֿון פֿאָלקסטימלעכן כאַראַקטער. זינגט מען עפּעס אַזוי אין די דערפֿער אַרום ווין. די אומגעוואַנדלטע טעמע נעמט זיך שנעל אַנטוויקלען; זי ווערט רייכער און פֿולער און אפֿילו שיין אין איר אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. אונטער די פֿינגער פֿון יונגן בעטהאָווען דערלאַנגט איצט דער קלאַוויר אַ צעיאַכמערטע שירה. אַן איינדרוק האָט מען דאָ אין סאַלאָן געהאַט, גלייך ווי אַ חבֿרה פֿאַרשוויצטע פּויערים וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון די הויכקייטן וואָס אַרום ווין, אַריין אינעם פֿירשטלעכן שלאָס און אויסגעהאַמערט מיט די גראָבע שטשיוואַלעס, אויפֿן איידעלן פּאַרקעטן־דיל אַ צעשויבערטן קאַרנאַוואַל־טאַנץ.

בעטהאָווען האָט געענדיקט און ס'ברעכט אויס אַ שטורעם פֿון אַפּלאָדיסמענטן. דער עולם איז אויסער זיך. מען פֿאַרלאַנגט נאָך. זאָל בעטהאָווען ווייטער שפּינען זיין פֿאָדעם.

בעטהאָווען לאָזט זיך נישט בעטן און הייבט אָן ווידער מיט אַ פּאָר טאַקטן פֿון וואַן סוויטענס פּשוטער טעמע. דאָס מאָל אַנטוויקלט ער זי אין אַ גאָר נייער ריכטונג. ער כישופֿט אַרויס פֿון איר אַ באַצויבערנדע מעלאָדיע פֿון גליק. יאָ, בעטהאָווען איז איצט באמת אַ גליקלעכער מענטש; נו, איז פֿאַר־וואָס־זשע זאָלן זיי דאָס נישט וויסן, די פֿיינע דאַמען און הערן פֿון דער אַדעליקער וועלט אין ווין?

זיינע פֿינגער וועבן אַנטציקנדיקע קלאַנג־קאָנסטרוקציעס, וואָס זענען אַ מהלך ווייט פֿון זייער אָריגינעלן שורש. ס'פֿליסטערט אַ הימלישע מעלאָדיע. די שירה שטייגט, פֿאַרנעמט זיך העכער און העכער, ווי זי וואָלט וועלן דערגרייכן דעם אין סוף. בעטהאָווען האָט דאַכט זיך עפּעס אין גאַנצן פֿאַרגעסן אינעם עולם אין זאַל און ער זינגט איצט ווי פֿאַר זיך אַליין. ער זינגט אויס אַ שבֿח־ליד צו די הימלען. יאָ, דאָס דאַנקט ער אַזוי גאָט פֿאַר באַשענקען אים מיט אַזוי פֿיל טאַלאַנט, מיט אַזוי פֿיל יונגע כוחות וואָס טראָגן זיין וועזן. ער וואָלט דאָך איצט מחדש געוווען העלטן!

די זיסע מעלאָדיע גליטשט זיך, ווי אַ זעגל אויף אַ רויקן ים. ס׳טרעפט, אַז אַ צאַרטער, רירנדער עפעקט, אַ טרויעריקער, זאָל זיך אַרײַנמישן מיט אַ מעלאַנכאָלישן אַקאָרד, כמו אַ וואָלקנדל, וואָס האָט פאַרגלוסט זיך אַ טשעפּע צו טאָן מיטן בלויען הימל... אָבער באַלד דערשײַנט אויפסניי אַ העלער גלאַנץ, אַ שקאָצישער חוזק אפילו. און, ווען ס׳האָט זיך אויסגעלאָשן דער לעצטער שטילער אַקאָרד פונעם צאַרטן געזאַנג, איז דער עולם געבליבן זיצן ווי פאַרכישופט. מען האָט זיך אַלץ נאָך צוגעהערט. מען האָט זיך איצט אײַנגעהערט אין דער שטילקייט, גלייך ווי די שטילקייט וואָלט דער המשך געווען פונעם קלאַנגפולן צויבער.

בעטהאָווען זיצט נאָך ביים קלאַוויר; זײַנע הענט ליגן אומבאַוועגלעך אויף די קלאַווישן. זאָל ער שוין האָבן געענדיקט? ניין! ער האָט נאָך וואָס צו זאָגן. אַ פּיאַניסימאָ אַקאָרד צעפליסט זיך פלוצים אין כוואַליענדיקע אַרפּעזשן, און באַלד דערנאָך, סטאַקאַטאָ אַרטיק, נערוועזע שפּריצן פון אײַנצעלנע, באַזונדערע קלאַנגען. אָט איז זי אויפסניי די איניציאַלע טעמע פון וואַן סוויטען. און ווידער ווערט האַסטיק אַ צאָרנדיקער טאָן. די טעמע נעמט ווערן מוראדיק דעמאָניש. עטלעכע טאַקטן בינדן אויס אַן אומהיימלעכן טאַנץ; ער וואַרפט אָן אַ פחד. ווי מיט בליצן נעמט ער ציקן אין די הויכע אָקטאַוועס. די באַסן דונערן; ס׳טויבט און ס׳דראָט מיט פאַרניכטונג! דער קלאַוויר האָט דאָ צעפלאַקערט אַ שטורעם, אַז הימל עפן זיך! בעטהאָווען האָט פון אים אַ ווולקאַן געמאַכט, אַ ווולקאַן וואָס שלײַדערט פייערכוואַליעס צום הימל.

דער עולם איז אינעם סאַלאָן געבליבן זיצן, ווי געליימט. דאַכט זיך, אַז אַזעלכעס האָט ער נאָך נישט געהערט. מען וואָלט געשווירן, אַז דער דיל האָט זיך פון פחד צעציטערט און, נישט געקוקט אויף די טויזנטער ליכטער, איז עפּעס ווי טונקל געוואָרן אין זאַל. דער בעל־כשוף האָט צעוויגט דאָ אַ ים מיט ליידנשאַפטן.

און אין מיטן דערינען, ווי מיט אַ מאַגישן שפּרונג, האָבן עטלעכע מאַכטיקע אַקאָרדן אַ פאַרהאַלט געגעבן די צעבאַלעוועטע סטיכיע און מיט איין מאָל אײַנגעשטעלט אַ שטילקייט. לאַנג האָט זי נישט געדויערט. די געקוועלטע שטילקייט — קוים אַ רגע. און ווידער באַלד אַ קורצער, אָבער, אַ צעיאָכמערטער גערודער, ווי די טרומפּייטן און פאַנפאַרן פון נצחון־געשאַל!

בעטהאָווען האָט פאַרענדיקט זײַן אימפּראָוויזאַציע.

אַ טיפע שטילקייט האָט אײַנגעוויגט דעם זאַל. היפּנאָטיזירט פון בעטהאָווענס קלאַוויר־שפּיל איז דער עולם געבליבן זיצן אָן באַוועגונג. דאָס שיכרות האָט אָנגעהאַלטן אַ שיינע פּאָר רגעס, און אינעם אויסגעניכטערן סאַלאָן איז פלוצים אויסגעבראָכן אַ הוראַגאַן פון אַפּלאָדיסמענטן.

GREETINGS FOR THE NEW YEAR

*from*

***Westland Printing Co.***

1234 West Seventh Street

Los Angeles, Ca. 90017

Tel. MA 8-4216

אַבאָנירט און שטיצט דעם

## חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע.

אַבאָנימענט: 5.00$ אַ יאָר

שמואל ווייס

# הונדערט יאָר יידישע יוניאָנס אין אַמעריקע

האַלט אָפּ מיט די ווייכע מעלאָדיען
זינגט קאַנאָנען־לידער, שפּיזן־לידער
גענוג אייך אין די לופטן פליען
וועקט בעסער צום קאַמף אייערע
ברידער.

אָט אַזוי האָט מאָריס ראָזענפעלד גערופן זיינע קאָלעגן יידישע דיכטער אין דער תקופה פון די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען מאַסן יידישע עמיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע האָבן זיך געלאָזט אין זייער וואַנדער־וועג איבערן ים קיין אַמעריקע צו אַנטלויפן פון פּאָגראָמען, פון פּאָליטישער פאַרפאָלגונג און פון מאַטעריעלער נויט.

גענוג אייך פאַנטאַזירן
הערט אויף אין דער לופטן צו שוועבן
באַמיט זיך בעסער אינטערעסירן
אין דעם מאַטעריעלן לעבן...
לאָזט צו רו די ראָזן, די ליליען,
די שמעטערלינגען, די נאַכטיגאַלן.
זאָל די בלום דופטן, די פייגל שפּילן,
באַזינגט אונדזער נויט, אונדזער לעבן...

די נויט אין אַמעריקע איז געווען טיף און ממשותדיק אין יענער צייט ווען יידישע אַרבעטער, נאָר וואָס געקומענע מיט דער מאַסן־אימיגראַציע, האָבן גענומען בויען יוניאָנס אין זייער קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן.

דער ערשטער גרויסער סטרייק פון שניידערס איז פאָרגעקומען אין 1883 און די ערשטע יוניאָן פון קלאָוקמאַכער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1985. שאַפּ־סטרייקס זיינען פאָרגעקומען יעדן סעזאָן, ספּאָנטאַן, ניט אָרגאַניזירט. טייל מאָל האָבן אַזעלכע סטרייקס געדויערט עטלעכע טעג און טייל מאָל בלויז עטלעכע שעה, אָבער זיי האָבן געוויזן דעם אומרו פון יידישע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן געזען זייערע חלומות וועגן דער „גאָלדענע מדינה ווו גאָלד וואַלגערט זיך אין די גאַסן", ווערן צעשווימען אין דעם ים פון פאַקטישער ביטערער נויט.

די עקספּלואַטאַציע פון דעם אַרבעטס־מענטש איז געווען שוידערלעך. אַמעריקע האָט דעמאָלט זיך געפונען אין דער תקופה פון איבערגאַנג צו אינדוסטריאַליזאַציע. דער מענטש איז מיט די בייטשן פונעם אויפקומענדיקן קאַפּיטאַליזם אַריינגעטריבן געוואָרן אין די פאַבריקן, אונטערערד־גרובנס און אין שעפּער . דער שמאַרקער האָט גובר געווען דעם שוואַכן. אַלע האָבן געהאַט איין ציל — צו ווערן רייך. דעם־אָ צילד האָבן אויך אויפגעכאַפּט יידישע אימיגראַנטן. דער שטאַרקער איז געוואָרן דער באַלעבאָס פונעם שאַפּ און דער שוואַכער איז געווען דער אַרבעטער. האָסט געקאָנט סטרייקן אויב עס איז דיר ניט געפעלן דער פּרייז פאַר דער אַרבעט. אָבער אַליין, אומאָרגאַניזירט אין אַ קאָלעקטיוו, ביסטו געווען מאַכטלאָז. די נויט האָט געצוווּנגען זיך אונטערצוגעבן, גיין אין שאַפּ. דו האָסט געקענט צאָרענען, שעלטן דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם, אָבער אויב דו האָסט געוואָלט שפּייזן דיין משפחה, דערציען דיינע קינדער, האָסטו ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי מאַכן שלום מיטן גורל און „טרוימען וועגן אַ שענערער און בעסערער וועלט."

עס זיינען געווען פאַלן ווען אַ משפּחה האָט ניט געקאָנט צאָלן דירה־געלט, האָט דער לענדלאָרד, אַליין אויך אַן אימיגראַנט וואָס איז געקומען ערשט נעכטן מיט דער שיף, אַרויסגעוואָרפן די מענטשן אין גאַס צוזאַמען מיט דעם ביסל אָרעמען מעבל. קיינער האָט ניט געקאָנט העלפן.

און די אימיגראַציע קיין אַמעריקע האָט כסדר אָנגעהאַלטן. יעדע שיף פון אייראָפּע האָט געבראַכט נייע רעזערוון אַרבעטער. הונגעריקע, אויסגעמאָרעטע פון דער לאַנגער נסיעה איבערן ים, האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן זוכן אַרבעט, פּרנסה. ביי דעם פּאָרט זיינען געשטאַנען קאָנטראַקטאָרס, וועלכע האָבן ווערבירט אַרבעטער, טייל מאָל אפילו סטרייקברעכערס.

אָט זיינען בלויז עטלעכע ציפערן וועגן דעם פאַרנעם פון דער אימיגראַציע:

אין 1886 זיינען אָנגעקומען אינעם ניו־יאָרקער פּאָרט 21,173 אימיגראַנטן. אָבער בלויז מיט זעקס יאָר שפּעטער, אין 1892 זיינען אין איין טאָג אָנגעקומען 76,375 יידישע אימיגראַנטן. אין 1906, משמעות ווי אַ רעזולטאַט פון דעם פּאָגראָם אין קעשענעוו 1903 און דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין צאַרישן רוסלאַנד אין 1905, זיינען געקומען 153,798 יידישע אימיגראַנטן. (אָט די ציפערן זיינען באַריכטעט פון „האַיאַס“— ש.וו.) די מאַסן־אימיגראַציע איז באַשטאַנען פון יונגע מענטשן, אין דורכשניט דרייסיק יאָר אַלט. ס׳רוב בחורים און מיידלעך, אָן משפּחות. אָבער אַ גרויסע צאָל איז געקומען מיט ווייב און קינד.

אַמעריקע האָט געלאָקט ווי אַ לאַנד וווּ אַ ייד איז געזיכערט קעגן פאַרשיידענע דיסקרימינאַציעס און פאַרפאָלגונגען און וווּ אַ מענטש קאָן זיך באַפרייען פון אָרעמקייט און נויט. אָבער כדי באַפרייט צו ווערן פון נויט איז געווען נייטיק צו פאַרוואַנדלען די מאַסע מענטשן אין פּראָדוקטיווע אַרבעטער. די מערסטע אימיגראַנטן האָבן ערשט געדאַרפט לערנען נייע פאַכן. אַ טייל איז געווען קרעמער אין דער אַלטער היים. אַ טייל האָט געלעבט פון לופט־פּרנסות און אַ גרויסער טייל איז באַשטאַנען פון היימישע ישיבה־בחורים. אָט די מאַסע מענטשן האָט געדאַרפט מגולגל ווערן אין אַרבעטער, לערנען אַמעריקאַנער טעכניק פון פּראָדוקציע און גיך, גיך ווערן פּראָלעטאַריער און... יוניאָן־לייט.

ס׳איז ממש צו באַוווּנדערן די יידישע צופּאַסונג־פעאיקייט, די שפּרודלדיקע ענערגיע און די גאונישקייט פון יידישע אימיגראַנטן צו געפינען מיטלען און מעטאָדן צו בויען אַ ניי לעבן אין דער נייער וועלט. און ווער קען אַרומנעמען די גרויסע דראַמע פון אונדזער יאָרהונדערט, דעם שפּרודלדיקן שאַפונג־פּראָצעס און די דערגרייכונגען פון יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע.

איינע פון די דערגרייכונגען איז געווען דער אויפבוי פון יוניאָנס. ס׳איז אַ פאַקט, אַז פון אַלע עטנישע מינדערהייטן וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע אין די לעצטע הונדערט יאָר, האָבן בלויז יידישע אייגנוואַנדערער געבויט אַן אַרבעטער־באַוועגונג ווי אַ טייל, אָבער אַן אייגנאַרטיקער טייל, פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט אַ באַזונדערן אידעאישן קאָליר.

* * * * *

די ערשטע יידישע יוניאָן־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, יידיש לויט דער מיטגלידערשאַפט און לויט דעם כאַראַקטער פון דעם קאָלעקטיוו, איז געווען די „יידישע געווערקשאַפטן“. זי איז געגרינדעט געוואָרן אָקטאָבער דעם 9טן, 1888. לויט דעם נאָמען האָט עס געזאָלט זיין אַ פעדעראַציע פון יוניאָנס, אָבער עס איז פאַקטיש געווען אַ קערפּערשאַפט, וואָס האָט אָרגאַניזירט יוניאָנס. די געווערקשאַפטן האָבן אָרגאַניזירט די שוירטמייקערס (העמדער־מאַכער). די יידישע בעקערס, יידישע אַקטיאָרן, יידישע שריפטזעצערס און די אָנהייבן פון פרויען־באַקלייד־אַרבעטער (אינטערנעשאָנאַל) און מענער־באַקלייד־אַרבעטער (אַמאַלגאַמייטעד).

אין יאָר 1890 זיינען שוין געווען פאַראַן אין די געווערקשאַפטן 32 יוניאָנס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 15 טויזנט יידישע אַרבעטער. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן יידישע בוי־אַרבעטער, סטאָליאַרעס, הויז־מאָלער (פּיינטערס), טאַפּעצירערס, בולעכערס, איינבינדערס און אַנדערע. יידישע אַרבעטער אין אָט די פאַכן זיינען ניט אַריינגענומען געוואָרן אין די אַלגעמיינע יוניאָנס. אין אַ סך פאַלן זיינען זיי דיסקרימינירט געוואָרן מצד זייערע ניט־יידישע קאָלעגן. די פירערשאַפט פון דער „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר“ (א.פ.ל.) האָט אין אָנהייב געקוקט קרום אויף די באַזונדערע יידישע יוניאָנס. זי האָט זיי באַטראַכט ווי „געטאָ־יוניאָנס“ און איז אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן די „געווערקשאַפטן“. אָבער די פירערשאַפט פון יידישע יוניאָנס האָט סוף כל סוף איבערצייגט די ניט־יידישע קאָלעגן, אַז די אייגנאַרטיקייט פון דער יידישער עקאָנאָמיע און די קולטור־באַזונדערקייט פון

יידישע אַרבעטער באַרעכטיקט די עקזיס־טענץ פון אַן אייגענער צענטראַלע.

לויט אַן אויספאָרשונג וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דעם „יאָרבוך" פון דער אַמעריקען דזשויש קאָמיטע אין 1952, האָט די אינטערנעשאַנאַל געהאַט 400,000 יידישע מיטגלידער, די אַמאַל־געמייטעד האָט געהאַט 375,000 יידישע מיטגלידער. די פאַריערס (קירזשנער) האָבן געציילט 45,000 יידישע אַרבעטער. אַלע יידישע יוניאָנס — קרוב אַ מיליאָן מיטגלידער. דאָס זיינען שאַצונגען מחמת די מיטגלידער אין אָט די יוניאָנס זיינען אין ערגעץ ניט קלאַסיפיצירט געוואָרן לויט זייער רעליגיע אָדער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג.

די יידישע יוניאָנס האָבן דורכגעמאַכט פאַרשיידענע אויפטרייסלונגען סיי אין דעם אינערלעכן לעבן פון די אָרגאַניזאַציעס און סיי אין דער באַציונג צו דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג. הגם אין תוך האָבן יידישע אָרגאַניזאַציעס תמיד געשטרעבט צו זיין אַן אינטעגראַלער טייל פון די אַלגעמיינע יוניאָן־צענטראַלעס. אין זייערע בראשית־יאָרן זיינען די יידישע יוניאָנס געווען צעטיילט צווישן די „נייטס אָוו לייבאָר" וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1867 און די „אַמעריקען פעדערייששאַן אָוו לייבאָר" (א.פ.ל.) געגרינדעט אין 1881. יידישע יוניאָנס האָבן אויך געהאַט זייער חלק פון אייגענע אָרגאַניזאַציאָנעלע און אידעיִשע סכסוכים, אפשר אַ צו גרויסן חלק...

אַ באַזונדער טריומף־קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איז געווען דער אינערלעכער קאַמף מיט די קאָמוניסטן, וואָס האָט צום שטאַרקסטן געטראָפן די יידישע יוניאָנס בכלל און די פרויען־באַקלייד־אַרבעטער בפרט.

אין צוויי גרויסע סטרייקס, אין דעם אויפשטאַנד פון די דרעסמאַכער (1909) און אין דעם קלאָוקמאַכער סטרייק (1910) האָבן יידישע אַרבעטער געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל. און די סטרייקס זיינען געווען בלוטיקע פאַרמעסטן מיט פּאָליציי און געדונגענע שלעגער. אין אָט די סטרייקס, וואָס האָבן אַרומגענומען צענדליקער טויזנטער יידישע מענער און פרויען, האָבן זיך שוין באַטייליקט יידישע אימיגראַנטן וועלכע זיינען געקומען קיין אַמעריקע נאָך 1905, אַ טייל מיט אַ סטאַזש פון אויסגעשולטע אַרבעטער־קעמפער און סאָציאַליסטן.

אין דער „געשיכטע פון יידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע" שרייבט שלום הערץ:
„אין דער מעטאַמאָרפאָזע, אין דער וווּנדערלעכער פאַרוואַנדלונג פון געהאָרכזאַמע קנעכטנדיקע שקלאַפן אין ווידערשפעניקע צאָרנדיקע קעמפער האָבן דעם גרעסטן חלק געהאַט די נייע עלעמענטן וואָס די אימיגראַנטן־שטראָמען פון די לעצטע יאָרן, צווישן 1905 און 1910, האָבן געבראַכט צו די אַמעריקאַנער ברעגעס. בונדיסטן צוזאַמען מיט די אַלטע היגע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן האָבן מיט זייער אידעאַליזם און מסירת־נפש אָנגעצונדן די הערצער פון די פאַרחושכטע יידישע אַרבעטער"...

* * * * *

וואָס האָבן יידישע יוניאָנס מחדש געווען אין אַמעריקע?

לאָמיר ענטפערן אויף אָט־דער פראַגע אַזוי קורץ ווי מעגלעך.

יידישע יוניאָנס האָבן אַריינגעבראַכט אין דער באַוועגונג די אידעע פון סאָציאַלן יוניאָניזם. אַ יוניאָן מוז אַרומנעמען מער ווי דעם שאָפּ אָדער פאַבריק אין וועלכער דער אַרבעטער איז באַשעפטיקט. ער מוז אַרומנעמען די גאַנצע געמיינדע און אירע סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען. דאָס איז אַן אידעע אַזוי אַנדערש און ברייטער ווי דער „פּיור ענד סימפל" יוניאָניזם פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד. פּאָליטישע טעטיקייט, האָבן יידישע אַרבעטער געהאַלטן, מוז זיין אַ טייל פון דער רוטינער יוניאָן־אַרבעט. די אינטערנעשאַנאַל איז געווען די ערשטע יוניאָן אין אַמעריקע, וואָס האָט געשאַפן אַ באַזונדערן פּאָליטישן דעפּאַרטמענט. דער־אַ דעפּאַרטמענט

אַרבעט היינט בשותּפות מיט דעם בילדונג־אָפּטייל. ער נעמט אַרום אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע פונקציעס פון דער יוניאָן.

יידישע יוניאָנס האָבן געשאַפן די יידישע פּרעסע, דעם „פאָרווערטס", ווי אַן אינסטרומענט אינעם קאַמף פאַר די מאַטעריעלע אינטערעסן פון אַרבעטער. די פרומע צייטונג — „טאַגעבלאַט" האָט אָפט געהעצט קעגן די יוניאָנס און זייערע פירער ווי אפּיקורסים וואָס פאַרלייקענען די עקזיסטענץ פון גאָט. די צייטונג האָט אָפט געדרוקט אַנאָנסן פון „אָפּען־שאַפּ" באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געזוכט אַרבעטער, אָפט סטרייקברעכער, צו פאַרנעמען די דזשאַבס פון יוניאָן־לייט. דערפאַר האָבן יידישע יוניאָנס זיך אַזוי איינגעשטעלט פאַרן „פאָרווערטס" און מיט אַלע כּוחות געשטיצט זיין קיום. דער „פאָרווערטס" האָט דער עיקר מיט דער הילף פון די וואַקסנדיקע יידישע יוניאָנס דערגרייכט אַ צירקולאַציע פון קרוב צו אַ פערטל מיליאָן.

יידישע יוניאָנס זיינען געווען דער הויפּט־אָנשפּאַר פון הילף קאַמפּאַניעס לטובת דעם יידישן כּלל. אַ דאַנק דער השפּעה פון יידישע יוניאָן־פירער איז די אַלגעמיינע אַרבעטער באַוועגונג געווען דער שטאַרקסטער אָנשפּאַר פאַר דער יידישער מלוכה אין ישראל. ניט בלויז אין געלט־עניינים אין וועלכע יידישע מיליאָנערן זיינען אפשר גרעסערע ביישטייערער, נאָר אויך אין פּאָליטישן איינפלוס איז די השפּעה פון יידישע יוניאָנס אַ ווירקנדיקער כּוח.

אינעם געביט פון קאָלעקטיווע אָפּמאַכן האָבן יידישע אַרבעטער־פירער איינגעשטעלט דעם בוררים־סיסטעם לויט דעם יידישן כּלל — ווען צוויי צדדים האָבן אַ סיכסוך קען אַ דריטער אומפּאַרטייאישער צד פאָרמולירן די געהעריקע פּשרה. די קלאָוקמאַכער־יוניאָן האָט ביזן היינטיקן טאָג אַ שטענדיקן אָפּיס אונטערן פאָרזיץ פון אַן „אומפּאַרטייאישן טשערמאַן" וואָס העלפט לעזן די מערסטע סיכסוכים צווישן יוניאָן און אונטערנעמער. גרעסערע יוניאָנס באַמיען זיך היינטיקע צייטן צו לעזן סיכסוכים דורך אַרביטראַזש, אײדער זיי דערגרייכן דעם פּונקט פון אָפענעם קאַמף.

לסוף דאַרף מען דערמאָנען, אַז אַ ריי סאָציאַלע רעפאָרמען פונעם „ניו־דיל" ווי למשל אַרבעטסלאָזע שטיצע, עלטער־פּענסיעס און מעדיצינישע הילף, זיינען אין יידישע יוניאָנס געשאַפן געוואָרן לאַנג איידער די אַמעריקאַנער ווירטשאַפט האָט דערגרייכט איר צוזאַמענברוך־פּונקט אין 1930 און ס'איז געבוירן געוואָרן דער „ניו־דיל".

און ווי האַלטן מיר היינט? דאָס איז אַ פראַגע וואָס מיר וועלן בעסער איבערלאָזן פאַר אַן אַנדערש מאָל צו ענטפערן.

---


## אָקערשט אַרויס פון דרוק
## לעקסיקאָן פון יידיש־שרייבערס

695 ביאָגראַפיעס, 6,800 פּסעוודאָנימען.
ניו־יאָרק, 1986

435 טאָפּל־שפּאַלטיקע זייטן.

נעמט אַריין אויך:

**ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע הוספות און תיקונים צו אַלע 8 בענד.**

**לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**

פון **בערל כּהן**

דאָס קויפן אַ בוך וועט העלפן דעם מחבר צו דעקן די הלוואות פאַר די ריזיקע דרוק־הוצאות.

פּרייז — 30 דאָלער

אַדרעס:

BERL KAGAN
2350—64th St.
Brooklyn, N.Y., 11204
*Telephone*: (718) 998-5587

# נייע ביכער

## ד"ר מרדכי שעכטער: „לייטיש מאַמע-לשון"

אָבסערוואַציעס און רעקאָמענדאַציעס, ערשטער באַנד, 384 ז"ז. אַרויסגעגעבן דורך „יידיש־ליגע, ניו־יאָרק, 1986.

אין „אַ וואָרט פריער" צום בוך שרייבט דער באַוווסטער געלערנטער ד"ר שיקל פישמאַן צוו. אַנד.: „ס'איז גוט, בפירוש זייער גוט וואָס די יידיש־ליגע גיט אַרויס מרדכי שעכטערס אַ באַנד, וואָס נעמט אַריין אַ גרויסן טייל פון זיינע שפּראַך־נאָרמאַטיווע אַרבעטן און נאָטיצן, געדרוקט אין פאַרשיידענע זשורנאַלן אויף פאַרשיידענע קאָנטינענטן, ווי אויך אַ היפּשע צאָל נייע, נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקטע אַרבעטן. ערשטנס איז דאָס גוט פּשוט ווייל דער אינהאַלט פון די אַרבעטן און נאָטיצן איז אַן אוצר פאַר יעדן, וואָס האָט אַן אינטערעס אין די נאָרמאַטיווע פּראָבלעמען און אויפטוען פונעם מאָדערנעם יידיש. מרדכי שעכטער איז זיכער די צענטראַלע פיגור אויף דעם געביט אין 'משך פון לעצטן יאָרצענדליק.

מרדכי שעכטערס אַרבעטן אָטעמען מיט גלויבן, מיט אויסגעפינערישקייט און מיט אינפאָרמירטקייט. אין אַ צייט ווען אַנדערע ספקן אינעם עתיד פון יידיש, זאָגן אונדז מרדכי שעכטערס נעאָלאָגיזמען און אָפּגעפּרישטע „לאַנגאַניזמען", אַז „ל א  א ל מ ן  י י ד י ש". מיר האָבן אַ פּרעסע און אַ ליטעראַטור און קורסן אויף אויף אַלערליי ניוואָען און אַלע נייטיקן זיך כסדר אין נאָך און נייערע ווערטער און אויסדרוקן, אין פּינטלעכע און געראָטענע עקוויוואַלענטן פאַר ענגלישע, העברעישע, פראַנצויזישע און שפּאַנישע ווערטער און אויסדרוקן, אין סינאָנימען און וואַריאַנטן וואָס בויען אַ באַלאַנסירטע שפּראַך. אין אַ צייט, ווען ביי אַנדערע וואַקסט די פאַרגעסנקייט און די אָפּהענטיקייט און אָפּגעוואוינטקייט לגבי דער קולטור־שפּראַך, זאָגן אונדז שעכטערס אַרבעטן און נאָטיצן, אַז אַ קולטורפאָלק און אַ קולטורשפּראַך קענען ניט לעבן בלויז מיטן אַמאָל".

שיקל פישמאַן איז טויזנט מאָל גערעכט! מרדכי שעכטערס אַרבעטן אָטעמען מיט אָפּטימיזם, מיט גלויבן אין יידיש לשון, אין מאַמע־לשון. אַן עדות דערויף איז דאָס בוך — פונעם ערשטן ביזן לעצטן זייטל. עס איז אַ קוואַל פון דערפרישונג, סיי פאַר יענע, וואָס צווייפלען אין דער צוקונפט פון אונדזער מאַמע־לשון, און סיי פאַר יענע וואָס ראַנגלען זיך טאָגטעגלעך פאַר אויפהאַלטן און קולטיווירן דעם יידיש גאָרטן.

* * * * *

## פריד וויינינגער: „ערב עי"ן", לידער,

אַרויסגעגעבן דורך דעם שמואל און רבקה הורוויץ־פאָנד ביי דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים, 1985.. 154 ז"ז.

אין פריד וויינינגערס לידער און באַלאַדן הערן זיך מאָדערניסטישע טענער אָבער אין תוך גענומען שטעקט ער טיף אין דער יידישער טראַדיציע און ער איז פאַרליבט אינעם יידישן אות. אַזוי שרייבט ער טאַקע אינעם אַריינפיר צום בוך:

:ווי אַ המשך פון די „אותיות־ווערטער־סטראָפן" (דער נאָמען פון פ. וו. פריערדיקן לידער־בוך), זענע די לידער פון דער זאַמלונג אַ פועל־יוצא פון אַ פאַרליבטקייט אין יידישן אות, וועלכער לייטערט זיך אין אוראַלטן קוואַל, אין דער לאַנדשאַפט פון תנך".

פאַר אָט דער פאַרליבטקייט איז דער דיכטער גרייט אויף קידוש־השם, ווי ער שרייבט אין אַ ליד אויף זייט 89:

„אַ ייד, אַזוי האָב איך געוווּסט,
איז גרייט פאַר אַלץ, קידוש־השם...
בין איך אויך גרייט צו גיין דעם וועג,
אויב מיינער איז יידיש־השם."

* * * * *

## אליעזר פּאָדראַטשיק: „אין פּראָפיל פון צייטן“

עסייען, י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1978, 354 ז״ז.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין 4 טיילן: אונטערן פּראָזשעקטאָר פון תנכישן שיין; שפּאַלטן און שפּליטערס; אינטימע באַגעגענישן, און — אין פּראָפיל פון צייטן.

מער ווי אַ העלפט פונעם בוך איז געווידמעט דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור און אירע שעפער ביי וועמען דער מחבר זוכט און געפינט נאַציאָנאַלע וואָרצלען, און מאָטיוון — טייל מאָל אָפענע און טייל מאָל טיף פאַרהוילענע אונטערן צודעק פונעם ז׳ורנאַל־דיקן מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

אָט וואָס א. פּאָדראַטשיק שרייבט וועגן דעם אין זיין קורצן אַריינפיר: „מיין עיקר־כוונה איז געווען: נאָכשפּירן דעם אינערלעך־איינהייטלעכן יידישן גייסט, וואָס גיט זיך איבער דורך פאַרבאָרגענע קאַנאַלן און קומט צום אויסדרוק אין דער יצירה פון יעדן דור בכל אתר ואתר. מיר איז באַזונדערס אָנגעגאַנגען אויסצוגעפינען די אויסשטראַל־פונקטן פון דעם דאָזיקן גייסט אין דער ליטעראַטור פון דעם יידיש־סאָוועטישן שבת. אין דעם שאַפן פון די דאָרטיקע שרייבערס זענען בנימצא אַ סך טעמעס און אידעען, אַרויפגעוואונגענע פון פרעמדע, אויסערלעכע פאַקטאָרן. וועגן דער אינערלעכער גייסטיקער וועלט פון די שרייבערס און זייער באַציונג צו די אַלגעמיינע יידישע קולטור־ווערטן דערוויסן מיר זיך פון יענע ווערק, וואָס זיי האָבן געשאַפן בעת זייערע זעלטענע אָפּנייגונגען פון דער „צענטראַלער ליניע.“

חוץ עסייען אויף דער אויבן דערמאָנטער טעמע זענען פאַראַן אינעם בוך אַרייַ אַרבעטן פון טיפן קולטור־היסטאָרישן דערקענטעניש ווערט.

* * * * *

## ישעיהו שפּיגעל: „אין ליכט פון דער קוואַליקער פּען“

אויסדערוויילטע קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן זיין שאַפן. ערשט בוך, 264 ז״ז. פאַרלאַג ישראל־בוך, 1986. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר, געצייכנט דורכן קינסטלער בען.

## ישעיהו שפּיגעל: „אין ליכט פון דער פאַרלאָשענער פּען“

קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן זיין שאַפן — אין פּראָזע, עסיי, ליד. צווייט בוך, 408 ז״ז. פאַרלאַג ישראל־בוך, 1986.

ביידע ביכער זיינען געווידמעט דעם אַכציקסטן געבוירן־יאָר פונעם גרויסן פּראָזע־מייסטער און דיכטער ישעיהו שפּיגעל, וועלכער האָט דורך זיין גאַנצן שאַפן געשטעלט אַ ווירדיקן מאָנומענט דעם אויסגעקוילעטן יידישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע און קודם־כל די אומגעבראַכטע דורך היטלערן יידן פון זיין היימשטאָט לאָדזש.

זיבעציק שרייבער באַטייליקן זיך אין די צוויי זאַמל־ביכער מיט אַרבעטן, אָפּשאַצונגען און עסייען וועגן דעם בעל־היובל. איז כדאי דאָ דערמאָנען בלויז עטלעכע שורות פון א. סוצקעווערס עסיי וואָס גיט אַן אויסגעצייכנטע כאַראַקטעריסטיק פון י. שפּיגעלס שאַפן:

„ישעיהו שפּיגעלס פּאָעטישע פּראָזע־קונסט פאַרמאָגט אַ לירישע פּייכטקייט, וואָס האַלט צוזאַמען די ווערטער און לויכט אַרויס דורך זיי. זיינע ווערטער זייגן אויס די וואָרע געשעענישן ביזן דנאָ און פאַרוואַנדלען זיי אין לעגענדעס. אַ מאָל איז זיינס אַ געמעל ווי אַן אַלט־יידישע גראַווור אויף אַן אויסגעגראָבענעם זילבער־בעכער, וואָס האָט ניט ווער ס׳זאָל אים אָנגיסן מיט ווײַן און מאַכן איבער אים קידוש“...

* * * * *

## יוסף קערלער: „די ערשטע זיבן יאָר“, לידער.

138 ז״ז, צווייטע אויפלאַגע, ירושלים 1986.

## יוסף קערלער: „הימלשאַפט“

בלעטלעך פּראָזע און לידער, 120 ז״ז, ירושלים 1986.

איןביידע ביכער זענען די מערסטע לידער אויף ישראלדיקער טעמאַטיק. אין די בלעטלעך פּראָזע, דאַקעגן, קערט זיך אום דער דיכטער צו זיינע שווערע איבערלעבונגען אין די סאָוועטישע לאַגערן. אַן עכאָ פון זיינע איבערלעבונגען הערט זיך אויך דאָ און דאָרט אין קערלערס לידער, אָבער אין אַלגעמיין איז פאַר זיי כאַראַקטעריסטיש די היימישקייט און ליבשאַפט צום אַלט־נייעם לאַנד, ווו דער דיכטער האָט זיך דערפילט ווי אַ ותיק חדש (דער נאָמען פונעם ערשטן לידער־ציקל אין „די ערשטע זיבן יאָר"). אינעם זעלבן בוך לייענען מיר די פאָלגנדיקע פילזאָגנדיקע שורות:

> פון וויגלאַנד צו היימלאַנד—
> ס'טוט ווי נאָך דער שניט...
> ווער מיינט, אַז געזאַנג
> פון די אַרבל זיך שיט? (זייט 13)

ניין, קערלערס געזאַנג שיט זיך נישט פון די אַרבל. זיינע ווערטער „טריפן (אָפּט מאָל) ווי בלוט פון צעשניטענער שיין" און דערפאַר טרעפן זיי צום האַרץ פונעם לייענער. זיין ליד איז קורץ און תוכיק אין הסכם מיט זיין ווונטש:

> „כ'וויל גרייכן צו דער קורצער ליד,
> וואָס וואַרפט פון זיך
> אַ לאַנגן שאָטן." (הימלשאַפט ז' 44)

* * * * *

## בלומע לעמפּעל:
## „באַלאַדע פון אַ חלום"

דערציילונגען — 254 ז"ז, פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב, 1986.

אינעם בוך קומען אַריין 27 דערציילונגען און אַ קורצע פּאָעמע א.נ. „אַ נאַכט אין די אַדיראָנדאַקס." (במקום אַ פאָרוואָרט).

בלומע לעמפּעל איז גוט באַקאַנט דעם לייענער פון „חשבון" ווי פון אַנדערע זשורנאַלן אין דער יידיש־וועלט, ווו זי פאַרעפנטלעכט אָפּט אירע שאַפונגען. אירע דערציילונגען, וואָס אַנקערן טיף אין דער היינטיקער צייט מיט אַלע אירע קאָמפּליצירטע און דראַמאַטישע דערשיינונגען, לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס. עס איז נישט קיין לייכטע פּראָזע, אָבער נישט שטענדיק איז דאָס גוטע לייכט. פאַרקערט — יאָ.

* * * * *

## לילי בערגער:
## „אויף די כוואַליעס פון גורל"

נאָוועלן, דערציילונגען, ליטעראַרישע עסייען, 285 ז"ז, פּאַריז 1986.

אויך לילי בערגער איז גוט באַקאַנט אונדזערע לייענער, וועלכע וואַרטן אַלע מאָל אויף אירס אַ נייער דערציילונג אָדער גייסטרייכן עסיי. אינעם איצטיקן בוך איז קומען אַריין 14 דערציילונגען און צוועלף עסייען וועגן שרייבער, ביכער און קונסט־פּראָבלעמען. לילי בערגערס פּראָזע איז אַ רעאַליסטישע, די נאַראַציע אַ פליסיקע און דער סיוזשעט שטענדיק גוט אויפגעבויט, דראַמאַטיש, פאַסצינירנדיק. די מחברין טראָגט אַוועק דעם לייענער אויף די כוואַליעס פונעם גורל פון אירע העלדן און אָפּט מאָל דערפילט ער זיך אַליין ווי אַ העלד. איז דאָך דער יידישער גורל אַ געמיינזאַמער פאַר אונדז אַלעמען, ווו מיר זאָלן נישט זיין — אין פּאַריז, אין ניו־יאָרק אָדער אין תל־אביב.

* * * * *

## עקיבא פישבין:
## „אַ יידישער בליק אויף בעטהאָווען"

268 ז"ז, פּאַריז 1948.

* * * * *

## יעקב יערוזאַלימסקי: „זכרונות און שריפטן פון אַ ביאַליסטאָקער"

342 ז"ז. פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1984.

* * * * *

## חיים שוואַרץ: „זון איבער וואָלקנס"

לידער און פּאָעמעס, 145 ז"ז, פאַרזען מיט אַ בילד פון מחבר. אין בוך קומען אויך 80 זייטן ענגלישע איבערזעצונגען פון חיים שוואַרצס לידער.

דאָס בוך איז דערשינען אין לאָס אַנדזשעלעס און מען קען עס באַקומען ביים מחבר. ווענדן זיך אויף פאָלגנדן אַדרעס:

CHAIM SCHWARTZ
422½ N. Sierra Bonita
Los Angeles, Calif. 90036

מ. ש.

# כראָניק פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב

אין לעצטן נומער „חשבון" (107) האָבן מיר דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב, ווען ער איז אַריין אין זיין 60סטן יאָר. איצט לאָמיר ציען דאָס „שנירל" ווייטער:

1. שבת־צו־נאַכט, פעברואַר 8, 1986 — רעדאַקטאָר פון „חשבון", דער דיכטער משה שקליאַר, האָט גערעדט אויף דער טעמע: דער סוף פון אַן אילוזיע. (וועגן דעם גורל פון דער יידישער קולטור אין סאָוו.־רוסלאַנד). מוזיק: ליליאַן ווילק, געזאַנג, פּאָל לעוויץ, פּיאַנאָ.

2. שבת־צו־נאַכט, פעברואַר 15 — אַ חשובער גאַסט פון ישראל, ד"ר דוב נוי, פּראָפעסאָר פון פאָלקלאָר אין דעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים און רעדאַקטאָר פון דעם פאָלקלאָר־אָפּטייל אין דער „ענציקלאָפּעדיא דזשודאַיקאַ", טעמע: „סימבאָליזם אין אונדזער פאָלקלאָר. פראַגעס, דיסקוסיע.

3. שבת־צו־נאַכט, פעברואַר 22 — אַ ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט דעם אָנדענק פון אריה פּאַזי ז"ל. עס האָבן אָנטייל גענומען: העניך בערמאַן, אלימלך דייטש, משה כהן, דינה מעטצגער, גילה פּלעם און ראָמאַ קאַטש.

4. שבת־צו־נאַכט, מערץ 1 — פּעדאַגאָג און פּאָעט ישראל גובקין, האָט גערעדט וועגן מאַרטין בובער, רעליגיעזער פילאָסאָף און פאָרשער פון חסידיזם. אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם: עליזה ליבאָווסקי און לעסליע בן־סאַסאָן.

5. שבת־צו־נאַכט, מערץ 8 — איז אויפגעטראָטן די אָנפירערין פון דער יידישער ראַדיאָ אין ישראל, אנקאַ שמיר. זי האָט גערעדט וועגן יידיש אין ישראל — ראַדיאָ, פּרעסע אין טעאַטער — יידישע שרייבער אין ביכער. נאָך דער לעקציע זיינען געווען פראַגעס און ענטפערס.

6. שבת־צו־נאַכט, מערץ 15 — איז פּאָרגעקומען גאָר אַן אינטערעסאַנטע לעקציע: יהושע מאיראָוויטש, אַ יונגער געלערנטער, פּראָפעסאָר פון קאָמוניקאַציע אין דעם אוניווערסיטעט פון ניו־העמפּשייער, האָט גערעדט אויף דער טעמע: „ווי אַזוי ווירקט טעלעוויזיע אויף אונדזער פרייוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן?" (אילוסטרירט מיט ליכט־בילדער).

7. שבת־צו־נאַכט, מערץ 22 — האָט דער קלוב געפייערט זיין זעכציק־יאָריקן יובל. עס איז געווען אַ באַנקעט מיט אַ „טשיקן"־מאָלצייט און אַ לחיים. אונדזער פּרעזידענט, חבר משה כהן, האָט גערעדט וועגן דעם אויסבליק פון קלוב אויף להבא, אויף וואָס דער עולם האָט זיך וואָרעם אָפּגערופן. נאָך דעם איז געווען אַ רייכע קינסטלערישע פּראָגראַם. מיט רעציטאַציעס איז אויפגעטראָטן דער פיינער אויסטייטשער פון יידישן וואָרט, ד"ר אברהם זיגלבוים; מיט געזאַנג—דער באַקאַנטער זינגער און חזן הייל פּאָרטער. דער עולם מיטגלידער און געסט, האָט גאָר פיין פאַרבראַכט.

8. שבת־צו־נאַכט, מערץ 29 — האָט דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג און לעקטאָר מנחם קאַרסאַן געהאַט אַ לעקציע וועגן איציק מאַנגער. מאָטל האַראָוויץ האָט רעציטירט אויסצוגן פון מאַנגערס „מגילה".

9. שבת־צו־נאַכט, אַפּריל 5 — איז אויפגעטראָטן דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע, מר. בערנאַרד מ. וויסבערג, אין אַן איבערזיכט פון טשאַרלס סילבערמאַנס בוך „איי סוירטן פּיפּל". דאָס בוך איז אַן אָפּשאַץ פון אַמעריקאַנער יידנטום אין זיין צוקונפט.

10. שבת־צו־נאַכט, אַפּריל 12 — לילקע מייזנער, פיינע קענערין פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט גערעדט וועגן פראַנץ קאַפקאַ, דער גאוניאַלער שרייבער, וואָס איז פאַרלאָפן זיין צייט. עס זיינען געווען פראַגעס. אויך אַ מוזיקאַלישע פּראָגראַם.

11. שבת־צו־נאַכט, אַפּריל 19 — אַנקאַ שמיר, די אָנפירערין פון דער יידישער ראַדיאָ פּראָגראַם אין ישראל, איז אויפ־געטראָטן מיט רעציטאַציעס פון דער מאָ־דערנער יידישער פּאָעזיע. אין דער מוזי־קאַלישער פּראָגראַם: די באַקאַנטע זינ־גערין איזאַבעל קעץ.

12. שבת־צו־נאַכט, מאַי 3 — איז פאָר־געקומען דער יום הזכרון של השואה והגבורה, דער אָנדענק נאָך די זעקס מיליאָן קדושים. עס האָבן אנטייל גענומען: נתן גרעראָוויטש, ד״ר אברהם זיגעלבוים, און ד״ר זעליג זינמאַן, פון „צווייטן דור". דאָראָטי סאָלאָמאָן ביי דער פּיאַנאָ.

13. שבת־צו־נאַכט, מאַי 10 — האָט דער קלוב געפייערט דעם יום־טוב לכבוד 38 יאָר מדינת ישראל מיט אַ פייערלעכן קאָנצערט. עס זיינען געווען רעציטאַציעס, אַ ישראל־פילם און אַ קאָנצערט פון ישראל־לידער, אויסגעפירט פון די צוויי פיינע זינגערינס: עליזה ליבאָווסקי און לעסיאַ בן סאסאָן.

14. שבת־צו־נאַכט, מאַי 17 — די פיינע אויסטייטשערין פון יידישן וואָרט, באַשע וואַנאַמייקער האָט פאָרגעלייענט פון שלום עליכמס „אויפן הימל אַ יאַריד". אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם איז אויפגעטראָטן דער טשעליסט אלעקראַנדער רובינשטיין.

15. שבת־צו־נאַכט, מאַי 24 — ישראל גובקין רעפערירט וועגן י. י. שוואַרץ, דער באַגאַבטער דיכטער און איבערזע־צער. דער רעציטאַטאָר מאָטל האָראָוויץ האָט פאָרגעלייענט אויסצוגן פון י. י. שוואַרצ׳ס „קענטאָקי".

שבת־צו־נאַכט, יוני 7 — איז געווען דער שלוס פונעם סעזאָן, געווידמעט דעם יום ירושלים. אין אַ פּראַכטפולן פילם האָבן מיר געזען דעם חשובן שרייבער און קולטור־טוער עלי וויזעל אין אַ שפּאַ־ציר איבער דער פאַראייניקטער שטאָט ירושלים. אין דער מוזיקאַלישער פּראָ־גראַם: דער גוט־באַקאַנטער זינגער און חזן הייל פאָרטער, וואָס נעמט זייער אויס ביים עולם מיט זיין פיינער נגינה.

* * * * *

**דוד אָפּאַלאָוו** / ניו־יאָרק

## אַ פאַרקריפּלט הויז

אויך אַ שטול קען
זיין פאַרקריפּלט.
אַ טיש קען זיך
וואַקלען ווי אַ שיכּור,
און ווענט זיין פאַרכמורעט
ווי די גרויקייט פון האַרבסט.
אַנומלט האָב איך געזען
פענצטער־אויגן,
פאַרצויגן מיט קאַטאַראַקטן.
דאָס אַלטע פאַרשימלטע הויז
איז געווען ענלעך
אויף אַ בעטלער.
און די סקריפּעדיקע טרעפּ
האָבן געקרעכצט פון
רעוומאַטישן ווייטאָג.

## אין סור־רעאַליסטישן שטייגער

מיטאַמאָל האָט
אַ טויבע וואָנט
אָנגעהויבן הערן,
די פאַדלאָגע האָט אויפגעהערט
צו באַקלאָגן זיך
וועגן אירע הינער־אויגן.
דער סופיט האָט זיך
מער ניט געהאַלטן פון דער וויטנס
און איך בין מער ניט געווען
דער זעלבער, ווי אַלעמאָל.
ניסים טרעפן נאָר
אין לידער
געשאַפן אין
סרו־רעאַליסטישן שטייגער,
ווי ביי מאַרק שאַגאַלן.

מיר געזעגענען זיך ביז נאָך סוכות, ווען מיר האָפן אָנצוהייבן דעם 16טן יאָר, ווידער צו ברענגען פיינע ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע פּראָגראַמען. דערווייל ווינטשן מיר אַלע חברים, מיטגלידער און פריינד אַ גוט געזונט יאָר.

י. ש.

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# לאָס אַנדזשעלעסער
# יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם.

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

---

דער דיסטריקט קאָמיטעט פון

# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

A·R

# THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035 • (213) 552-2035

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי: —

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן)

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

**זייט איר פאַראינטערעסירט...**

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, ערן־פּרעז. ◉ מערווין קורצמאַן, פּרעזידענט
אברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Suite 402 • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 658-6334

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........

Address..........

Date of Birth.......... Soc. Sec. No..........

Principal Amount $..........

Date.......... Signature of Applicant..........

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
## על ישראל און מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**
**יידיש צווייג**

הערי הוירש, פרעזידענט
לעאָ שלאַפּמאַן, וויצע־פרעזידענט
מרדכי בן דוד, וויצע־פרעז.
לעאָ ראָזענבלאַט, וויצע־פרעז.
בערטאַ קאַרין, פינאַנץ־סעקרעטאַר

**דרורה קלוב נעמת**

ליובאַ שלאַפּמאַן, פרעזידענט
פריידל טראַפּימאָוו, וויצע־פרעז.
פרומע גאָרענשטיין, וויצע־פרעז.
בערטאַ קאַרין, פינאַנץ־סעקרעטאַר
רעגינאַ סידלער, קאַסירער

**אַרטור זיגעלבוים בראַנטש 486**
**אַרבעטער רינג**

לילקע מייזנער, פאָרזיצער

**מעדעם-וולאַדעק-ליעסין בר. 443**
**אַרבעטער רינג**

משה נאָדעלמאַן, פאָרזיצער
דוד גאָלדמאַן, סעקרעטאַר

**די נאָווידוואָרער סאָסייעטי**

רחל קליינבארד, פרעזידענט

**יידישע חבורה פון**
**פּאַסיפיק פּאַליסיידס**

ה. מ. סקולסקי, פאָרזיצער

**נאַשעלסקער לאַנדסמאַנשאַפט**
**אין לאָס אַנדזשעלעס**

יצחק קאָרן, פרעזידענט

---

**בייגעשטייערט צום „חשבון" און יידישן קולטור־קלוב — 170$**

**אין אָנדענק פון**

## סידני פאקס

אירווינג, דזשין פאַונטיין
מענדל, רחל סלוצקי
דאָרא שוואַרץ

סאלי פאַלאַקאָף
מאָו, זינאַ סאָסער
RAYMOND, HARRIET LOOKOFSKY

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אַ געזונט ניי־יאָר צו מיינע פריינד
אין אנדענק פון משה אייזנמאַן ע״ה
רבקה אייזנמאַן און פאַמיליע

נתן און לודמילאַ גערשאָוויטש

דייטש, לוסי און שמואל — שיקאַגאָ

יודזשין ווייס

ראָזאַ און גרשון ירושלמי
און משפחה — אַנאַהיים, קאַליפ.

שרה און שמחה ליינער און משפחה

אַברהם און סימע קאַרפּ־לעפקאָוויטש
אַ כתיבה וחתימה טובה צו אַלע יידן איבער דער וועלט

ליבערמאַן, רבקה

עלבערג – שיינדל און יהודה
מאָנטרעאַל

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל און מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

קאַפּלאַן, רחל און דוד

---

לארי און עלסי שאַרף

---

חנה רוהמאַן

---

בענסאַן שעיפער און משפחה

פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן

---

אונדזערע בעסטע ווינטשן צו דער „חשבון" רעדאַקציע קאָלעגיע און כלל ישראל

שלמה און רחל שוואַרץ — שיקאַגאָ

---

חיים פּלאָטקין

ניו־יאָרק

---

צוקערמאַן, ציליע און שלמה

---

מנחם קאַרסאָן

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

בלושטיין, שרה, נחום און קינדער

לאַנצמאַן, ליליען און בערנאַרד

לעווין — רעגינאַ און דושעק

מעלאַמעדאָוויטש — פייגל און יצחק — סקאָקי, איל.

טאַובער, סאַלי און בעריש

זייף — צפורה און אליעזר

מלאך־קרעמער, לאָטי

שלאַפּמאַן — ליובע און גמליאל

ד״ר און מרת י. ב. פישמאַן

מערי און הערי גאָראַ

נאָרעלמאַן, ראָזע און משה

ווייס, פלאָראַ און שמואל

גארפיין, רחל און מאַניע

פרידמאַן, וויליאַם
ווינטשט אַ גוט יאָר צו זיינע קינדער און אייניקלעך

שעפּס, חנה און שמעון

יעקב שייפער

# שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אַלפּער, מאַקס און משפחה
אַמסטער, לאה און לאַזאַר
אַפּטעקער, אסתר
אָמאַן, סאָניע
אָסטראָוו, ראָזע

בערמאַן, חוה און העניך
ד״ר בורשטיין, הערשל און משפחה

ד״ר גילמאַן, שמואל און מרת
גילדער, שמחה
גיבערמאַן, אסתר
גאָלדפאַרב, לילי און עמנואל
גאָלדבערג, לעאָן
גאַלינאַ, סאָניע
גיבערממן, אסתר
געצלער, בעלאַ מ.
גאָלדמאַן, אַדעל און דוד
גורעצקי, סילוויאַ
גרינבערג, העראָלד

דאַטשעס, בלאַנש און מאַקס
רחל און אלימלך דייטש

הענלי, מאַשע
הערבסט, טשאַרנע און גרשון
הירש, טאָני, ארי און אילאַי
האַלפּערן - ניומאַן, דינה

וואַנאַמייקער, ד״ר און באַשע
וועלטמאַן, פראַניע
אין אָנדענק פון איר מאַן משה מענדל
וואודס, בנימין און משפחה

טיילאָר, ליבע און מאיר

כהן, אסתר און משה

לאַקריץ, ישראל
ליפּסמאַן, ראָזע און שמעון
ליפשיץ, אסתר
לובין, דוד
לעכאָוויצקי, דוואַשע און אהרן

מייפער, ווירא און טשאַרלז

נאַטאַנזאָן, דאָראָטי און לייב
ניומאַן, אידיט

סידלער, רעגינאַ און חיים
סאַפּיאַן, פּעי

סאַפּיאַן, העלען און שמחה
סילבער, אַדעל און יצחק
סלוצקי, רחל און מענדל
סלוצקי, אברהם און משפחה
סאָסקי, יוסף און משפחה
סטענזאַר, גיטל און איזידאַר
פינסקי, אהרן
פּאָנטיין, דזשין און אירווינג
פעלנער-מאַראָקאָ, פייגע און משה
פרידמאַן, חיה און גרשון

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

צוקערמאַן, טשאַרלז
קאַלאַדני, סילוויאַ און אהרן
קאַץ, דאָראַ
קארין, בערטאַ און נאָרמאַן
קליינבארד, רחל און בעני
קאָרן, יוסף
קאַטלאַר, זשעני, משה און משפחה
רייך-ליבערמאַן, שיינל און פינחס

שאָו, ד״ר מעני און מלכה
שנוּר, פייגע און יוסף
שרגא, דוד
ד״ר שוגאַר, קאַרל
שקליאַר, דבורה און משה
שוואַרץ, דאָראַ
שלאָסער, נעכע און זלמן
שטיינמאַן, סאַבינאַ און נייטן

---

בייראַק, דאָראַ
בן דוד, חנה און מרדכי
בוירמאַן, געניאַ

גילינסקי, לובע
גאָרענשטיין, פרומע און דוד
גאָרענשטיין, לאה און משה
גובקין, ישראל

דאַום, איזידאָר
דזשאַריק, בלומע

האַמבורגער, חנה און משה
הערבסט, ד״ר הערי און מאַריאַן
הירש, מאָרים
האָראָוויץ, עוועלין און מאָטל

וויינשטיין, רחל און אליעזר

זשוק, סאַבינאַ און חיים
ד״ר זיגעלבוים, אַברהם

טראָפּימאָוו, פריידל

לאַנג, נעמי
לעווענטאַל, בעבע און עלי

נוטקעוויטש, סערגיי

סיגעל, סאָפי
פערטשוק, טערעסאַ און חיים

ראַטבלום, זהבה און יצחה

שימעל, ראָזז
שטראַסבערג, מאָרים

# זלמן שלאָסער ז״ל

האַרט פאַרן שליסן דעם נומער האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן טויט פון **זלמן שלאָסער**, דעם געוועזענעם רעדאַקטאָר פון אונדזער זשורנאַל. ער איז געשטאָרבן שבת דעם 13טן סעפּטעמבער 1986, נאָך אַ לאַנגער און שווערער קראַנקהייט.

זלמן שלאָסער איז געבוירן געוואָרן אין 1905 יאָר אין אַ קליין שטעטל, גאָוואָראָווע, אין מזרח־פּוילן, וווּ ער האָט געלערנט אין חדרים און אויך וועלטלעכע לימודים. די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אים, צוזאַמען מיט דער משפּחה, פאַרוואָרפן קיין מינסק, ווייס־רוסלאַנד, וווּ ער האָט זיך צום ערשטן מאָל צונויפגעטראָפן מיט דער יידישער אַרבעטער און ציוניסטישער באַוועגונג. יענע צייט האָט געלאָזט טיפע שפּורן אויף זיין ווייטערדיקן לעבנס־גאַנג און משפּיע געווען די אויספורעמונג פון זיין אידעען־וועלט.

אין 1921 איז זלמן שלאָסער געקומען קיין אַמעריקע. נאָכן ענדיקן היי־סקול האָט ער געלערנט אין ניו־יאָרקער יידישן לערער־סעמינאַר און שפּעטער געאַרבעט אַלס לערער אין יידישע שולן אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך אין די דרום־שטאַטן. די לערעריי האָט ער שטענדיק פאַרבונדן מיט געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט צווישן די שילערס עלטערן און אין דער ברייטערער יידישער סביבה. גלייכצייטיק האָט ער געאַרבעט איבער זיך, פאַרפולקאָמט זיין וויסן, נעמענדיק פאַרשיידענע קורסן אין נאָענטע אוניווערסיטעטן.

אין 1932 האָט זלמן שלאָסער זיך איבערגעטראָגן קיין בוירקלי, קאַליפאָרניע, וווּ ער האָט שטודירט עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן אויפן אָרטיקן אוניווערסיטעט. זיינע עקאָנאָמישע קענטענישן האָט ער שפּעטער אויסגענוצט אין פאַרשיידענע „ביזנעס", וואָס האָבן געהאַט זייערע באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, אָבער נישט אין דער ביזנעס־וועלט האָט זלמן שלאָסער געפונען זיין אויסלעבונג און פאַראינטערעסירונג. זיין לעבנס־פאַראינטערעסירונג איז גאָר געווען יידישע ליטעראַטור, געשיכטע, פילאָסאָפיע. נאָך בוירקלי קערט זיך זלמן שלאָסער צוריק צו לערעריי. ער איז אַ לערער אין די אַרבעטער־רינג און שלום־עליכם שולן אין באָסטאָן און אין קליוולאַנד.

אין 1936 האָט זלמן שלאָסער חתונה געהאַט מיט זיין טרייער לעבנס־באַגלייטערין, נ ע כ ע, אַליין אַן אַבסאָלווענטין פון אַ יידיש־וועלטלעכער שול אין פּוילן, און צוזאַמען האָבן זיי פאַרלייגט אַ האַרמאָנישע יידיש־וועלטלעכע משפּחה. אין 1946 האָט זיך די שלאָסער־משפּחה באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס. עס זענען געקומען אויף דער וועלט קינדער און פון לערעריי האָט מען נישט געקאָנט זיך אויסלעבן. האָט זלמן שלאָסער, ווי דערמאָנט, זיך גענומען צו ביזנעס. אָבער אין די אָונטן איז ער ווידער לערער און סטודענט. ער איז אַקטיוו אינעם אַרבעטער רינג און אין יידישן קולטור־קלוב, טרעט אויף מיט לעקציעס איבער יידישע ליטעראַטור און קולטור־פּראָבלעמען און פאַרטיפט אומדערמידלעך זיין וויסן. אַ דאַנק זיין ערודיציע און באַשיידנקייט האָט ער זיך גיך פאַרשאַפט צאָלרייכע פריינד און פאַרערער.

(סוף אויף זייט 100)